STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07266

IDISHE SHRIFTSHTELER

Z. Weinper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע שריפטשטעלער

פון

ז. וויינפער

●

באַנד
II

●

פאַרלאַג
„אויפקום"
ניו־יאָרק
1936

Copyright
by
Z. WEINPER
New York, N. Y., 1936

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York City
234

וועגן צווייטן באַנד

מיין ערשטער באַנד: „אידישע שריפטשטעלער" איז דער־שינען ניינצן דריי און זעלבן פאַרלאַג. אין אים זיינען אריין פיר און צוואַנציק מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין אונדזער ליטעראַטור אין דער זעלבער, אָדער אומגעפער אין דער זעלבער, צייט, ווען איך בין געקומען אין איר. אינעם צווייטן באַנד גייען אריין פופצן מענטשן פון אביסל אַ פריערדיקן פעריאָד. עס איז דער פעריאָד, וואָס איז באַקאַנט ביי אונדז מיטן נאָמען די „יונגע". איך האָב געפּלאַנעוועט, אַז עס זאָלן אריינגיין אינעם צווייטן באַנד מערער פון יענעם פעריאָד, אָבער די הונדערטס און זעכציק זייטן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר יעדן באַנד זיינען צו ווייניק פאַר די אַלע, וועלכע איך האָב געפּלאַנעוועט אריינצונעמען. וועלן די איבעריקע שוין אריינגיין אין דריטן באַנד, וואָס וועט, האָפנטלעך, נישט לאָזן וואַרטן אויף זיך אַזוי לאַנג ווי דער צוויי־טער באַנד האָט געוואַרט נאָכן ערשטן.

איך וויל באַמערקן, אַז בשעת אין מיין פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד האָב איך ממש באַשוואוירן די לייענער נישט אויפצונעמען מיינע אַרטיקלען, ווי קריטיקן, קאָן איך דאָס אינעם איצטיקן באַנד נישט איבערחזרן. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל איך האָב מיט די איצטיקע אַרטיקלען בדעה געהאַט צו שרייבן קריטיק. ניין. בדעה געהאַט האָב איך נישט, נאָר וואָס זשע דען? עס זיינען די מענטשן, וואָס גייען אריין אין דעם איצטיקן באַנד, וועלכע זיינען אָפּגערוקט פון מיר אויף אביסל אַ ווייטערן שטח, ווי עס זיינען געווען די אינעם ערשטן באַנד, און עס איז אָט דער ווייטערער שטח, וואָס האָט נישט קיין כוח געהאַט צו קאָנ־טראָלירן מיין פען, ווי זי איז קאָנטראָלירט געוואָרן, שרייבנדיג וועגן די מענטשן פון דער נאָענטקייט.

עס איז זייער טשיקאַווע מיט דער פען.

ווען זי ליגט אויפן טיש איז זי נישט מער, ווי אַ שטיקל גע־צייג, אָבער ווען זי ווערט גענומען אין דער האַנט, פאַרוואַנדלט

זי זיך אין א לעבעדיק באשעפעניש, וואָס נישט שטענדיק וויל זי אויספאָלגן דעם פאַרטראַכטן פּלאַן. אָפטמאָל איז די פּען מער אמתדיק, ווי דער פּלאַן, און איך האָף, אַז דאָס מאָל איז זי טאַקע אַזוי געווען, וואָרים סוף־כּל־סוף איז דאָך א פּאָרטרעט פון א מענטשן נישט קיין פאָטאָגראַפיע. בשעת די פאָטאָגראַפיע רעגיסטרירט מערסטנס בלויז דאָס אויסערלעכע, זוכט דער פּאָר־טרעט אַרויסצובריינגען אויך דאָס אינערלעכע און אַזוי אַרום איז דער אמתער פּאָרטרעט אויך אין א געווייסן זין קריטיק.

זיינען מיינע אַרטיקלען אמתע פּאָרטרעטן פון די מענטשן, וואָס גייען אַריין אין דעם איצטיקן באַנד?

זיי זיינען אויף אַזויפיל אמת אויף וויפיל עס איז אמת מיין אויפריכטיקער דיאַגנאָז צו זיי.

אַנדערע קאָנען זיי זען אַנדערש, אָבער איך האָב זיי געזען אָט אַזוי, ווי זיי זיינען אַרויסגעקומען אונטער מיין פּען.

פונדעסטוועגן מוז איך באַמערקן, אַז עטלעכע פון די, וואָס גייען אַריין אין דעם איצטיקן באַנד און נאָך מערער, וואָס זיינען אַריין אין דעם ערשטן באַנד, זיינען אינעם איצטיקן מאָמענט אַביסל מער, ווי אין דער צייט, ווען איך האָב וועגן זיי געשריבן. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקע מענטשן שטייען דאָך נישט אויפן זעלבן אָרט היינט, וואו זיי זיינען געשטאַנען נעכטן.

איך האָף, זיך ווען סע נישט איז אומצוקערן צו זיי און צוגעבן יענע פּלוסן, וואָס זיי קריגן צו אין זייער וויטערן גאַנג.

יוסף אָפּאַטאָשו

עס ווערט היימיש אויפֿן האַרצן, ווען מען באַגעגנט זיך מיט יוסף אָפּאַטאָשון.

עס שלאָגט פֿון אים מיט אַרבעט, מיט קרנדיקער וואָרצל־דיקייט. עס איז אַזוי ווי נאָך שעה'ן אַרומשלעפּן זיך אַליין, וואָלסטו זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ פֿעסט־געבויט און איינגעפֿונדע־וועט הויז מיט אַ גאָרטן אַרום דעם און אַ געזונטער רויך וואָליעט פֿונעם קוימען, וואָס דערציילט, אַז דאָרט אינווייניק באַקט זיך און קאָכט זיך פֿון אַלדאָסגוטס.

און עס מאַכט גאָרנישט אויס, וואָס נישט שטענדיק עפֿנ־סטו די טיר אַריינצוגיין אין יענעם הויז. עס טרעפֿט, אַז דו שפּאַנסט באַלד אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, אָבער די היימישקייט פֿון אָט דעם הויז גייט דיר שוין סיי ווי נאָך און זי־כערער ווערן ביי דיר די טריט.

— העלאָ, בחור, וואָס מאַכט איר? — און באַלד נאָכדעם דערהערסטו:

— איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פֿון וואַרשע, קלאָגט מען זיך אויף אייך הלמאי איר שיקט ניט צו דאָס צוגעזאָגטע.

אומגעפֿער אַזוי, אָדער אַביסל אַנדערש איז אַ באַגעגעניש מיט אים.

אַמאָל איז דאָס אין אַ רעדאַקציע, אַמאָל איז דאָס אין אַ קאַפֿע־הויז און אַמאָל איז דאָס אויף אַ טראָטואַר פֿון אַ נו־יאָרקער רוישיקער גאַס און סיי דער אופֿן, ווי ער באַגריסט דיך און סיי דאָס, וואָס כמעט שטענדיק האָט ער דיר עפּעס איבער־צוגעבן, שלאָגט אויף אין דיר אַ געפֿיל פֿון וויכטיקייט, פֿון איינגעוואָרצלטקייט און פֿון היימישקייט.

ב

זיין שטוב אין די בראָנקס — אַ געגנט אַזאַ ביי אונדז אין נויאָרק. אָבער די וויכטיקסטע אידישע שריפֿטשטעלער אי־

בער אַלע קאָנטינענטן פון דער ערד וויסן דעם אדרעס פון אָט דער שטוב.

איך שטעל זיך פאָר, אַז די פּאָסט־טרעגער פון יענעם געגנט קוקן שטענדיק מיט פאַרוואונדערטע בליקן אויף די היפשע פּעק־לעך בריוו און פּאַקעטן, וואָס זיי קומט אויס אַזוי אָפט צו ברענ־גען צו יוסף אָפּאַטאָשון, וואָרים איז דאָך דאָס הויז, וואו ער וואוינט נישט פון יענע געבײַדעס, וואָס זאָלען געבן דעם אײנ־דרוק, אַז דער אײנוואוינער אין דעם זאָל האָבן פאַרבינדונגען מיט אַזויפיל לענדער איבער דער וועלט.

עס איז דאָך אַ געוויינלעך הויז. אין אַזעלכע הייזער וואוי־נען דאָך פּשוטע אידישע אַרבעטער, וואָס יאָגן זיך יעדן פרי־מאָרגן מיט אײליקע טריט איבער די שטיגן אַרונטער, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

יוסף אָפּאַטאָשו שטייט אַליין אויך אויף יעדן פרימאָרגן צוגלייך מיט די אַלע, וואָס באַוואוינען דאָס הויז. אויך ער קאָן זיך נישט פאַרגינען צו פאַרשפּעטיקן, כאָטש אַרונטערלויפן איבער די שטיגן דאַרף ער נישט, וואָרים זיין ווערקשטאַט איז ביי אים אין שטוב, — אין די פּאָר צימערן, וואָס ער מיט זיין פרוי און זון באַוואוינען. אין אָט דעם ווערקשטאַט הויבט זיך אויך אָן די אַרבעט זיבן אַזייגער יעדן פרימאָרגן. אין קיין אַרבעט איז דאָרט קיינמאָל קיין מאַנגל נישטאָ. אויף זיין שרייב־טיש איז שטענדיק פאַראַנען אַן אָנגעהויבענער ראָמאַן פּאָרטצוזעצן, אַ קליינע דערציילונג צו פאַרענדיקן און נאָטיצן און פאַרצייכנונגען פאַר אַ גאַנצע רייע נייע אַרבעטן, וואָס האַלטן ערשט אין אויסקריסטאַליזירן זיך אין אים זיינען אויך פאַראַנען. מענטשן און געשעענישן וואַרטן אין דער ריי צו קריגן אַ תיקון. אַמאָל זיינען דאָס טאַקע די נאָענטע שכנים זיינע, — אידישע אַרבעטער, אידישע קרעמער, אַלערליי כלי־קודשניקעס, אַ זקן, וואָס שטייט אויף יעדע נאַכט צו חצות, ווייל דער רבונו של עולם האָט זיין אויער אויך צו אַ אידישע תפילה אין בראָנקס באַוויליקט. עס קומען צו אים אויך געסט פון „גאַריק סטריט" און פון אַנדערע נויאָרקער געגנטן. מען

קומט צו אים פון אנדערע שטעט און אויך פון אנדערע לענ־דער. עס קומען מענטשן פון דעם איצטיקן לעבעדיקן לעבן און עס קומען שאַטנס פון די פריערדיקע דורות אויפגעלעבט צו ווערן.

אין אַט דעם ווערקשטאַט זײַנען דאָך דורכגעגאַנגען אַלע פיגורן פון זײַנע „פוילישע וועלדער", פון זײַן „1863", פון זײַן „אַליין", פון זײַן „חתונה אין רעגענסבורג", פון זײַן „טענצערין" און פון נאָך און נאָך.

„אליהו בחור" איז אויך געווען אַ היימישער גאַסט אין זײַן ווערקשטאַט.

יוסף אָפּאַטאָשו איז אַ גוטער מכנים אורח. ער האָט זיי אַלעמען אויפגענומען און ער נעמט זיי אויך איצט אויף. ער גיט זיי אַלעמען דאָס וואָס זיי באַדאַרפן האָבן, כדי צו זײַן דאָס וואָס זיי זײַנען. ער גיט זיי זייערע מעלות און זייערע חסרונות. ער גיט זיי צוריק זייער לעבן און שיקט זיי דערנאָך אַרויס דורך זײַנע ביכער אין דער ברייטער וועלט אַריין, כדי לײַט זאָלן זען דאָס, וואָס עס טוט זיך בײַ אונדז און דאָס, וואָס עס האָט זיך געטאָן פריער.

אָבער נישט בלויז אָט די אַרבעט אַליין וואַרט יעדן פרי־מאָרגן אויף יוסף אָפּאַטאָשון אין זײַן ווערקשטאַט. עס וואַרטן אויך אַ סך נײַע ביכער, וואָס מען דאַרף איבערלייענען. עס וואַרטן גאַנצע פּעקלעך מיט בריוו אויף וועלכע מען דאַרף ענטפערן, וואָרים ער איז בײַ אונדז נישט נאָר איינער פון די סאַמע פּראָדוקטיווסטע און פרוכטבאַרסטע שריפטשטעלער, נאָר די גאַנצע ליטעראַטור אונדזערע איז זײַן באַלעבאַטישקייט מיט וועלכער ער אָטעמט ממש.

די אידישע שריפטשטעלער פון דער גאָרער וועלט ווייסן דאָס און מען שטייט דערפאַר מיט אים אין שטענדיקער, נאָ־ענטער פאַרבינדונג.

ג

— אונדזער אַמבאַסאַדאָר! — רופן בײַ יעדער געלעגנ־הייט די נויאָרקער קאָלעגן יוסף אָפּאַטאָשון.

נישט שטענדיק ווערט אָט דער אויסרוף אויסגעדריקט מיט דער זעלבער אינטאָנאַציע, וואָרים עס ווענדט זיך, ווער עס זאָג עס.

ער מאַכט פיל אָפטערע רייזעס, ווי יעדער אַנדערער פון אונדזערע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער קיין אייראָפּע און אין וועלכן לאַנד ער קומט וויל מען דאָך ביי אים וויסן ווער איז וואָס אין אונדזער ליטעראַטור. קומט אויס אַזוי, אַז ווער עס ווערט דורך אים דערמאָנט איז צופרידן מיטן אַמבאַסאַדאָר און ווער נישט, איז ער אודאי אומצופרידן.

פון די לעצטע האָט יוסף אָפּאַטאָשו גאַנץ אָפט היפּש צו זינגען און צו זאָגן. אַזעלכע זיינען אָפט בעלנים אַ שאָקל צו טאָן דעם געזונטן באָדן אויף וועלכן ער שטייט אין אונדזער ליטעראַטור.

אָפּלייקענען אים אינגאַנצן קאָן מען דאָך אָבער פּאָרט נישט און פּרואווט דאָס אַמאָל איינער טאָן, דערפילט ער אַליין, אַז ער האָט אַ פּנים פון חוזק. איז פּרואווט אַזאַ איינער כאָטש אַ קליין ביסל אָפּדינגען פונעם פּרייז, פּרואווט ער כאָטש פאַרקלענערן דעם ווערט.

און אַזעלעכער, אַז ער נעמט זיך צו דער אַרבעט, זוכט ער און נישטערט ביז ער געפינט אויס אַלצדינג, וואָס יוסף אָפּאַטאָשו פאַרמאָגט נישט.

און וואָס זשע אַזוינס פאַרמאָגט עס נישט יוסף אָפּאַטאָשו ?

אָהאָ, עס זיינען פאַראַן אַ היפּשע צאָל זאַכן, וואָס ער פאַרמאָגט נישט.

אָט וויים איך, צום ביישפּיל, אַז יוסף אָפּאַטאָשו פאַרמאָגט זייער ווייניק געלט. איך וויים אויך, אַז ער האָט נישט אויף זיין פּנים קיין גריכישע נאָז, אַז זיינע הענט זיינען נישט קיין קליינינקע, ווי ביי אַ געצערטלט מיידל און אַז אויף זיינע פיס קאָנען קיין קליינע נומערן שיך נישט אַרויף.

מאַלע וואָס אַ מענטש אין אונדזער לעבן פאַרמאָגט נישט !

איך האָב אַמאָל געהערט, ווי איינער האָט אין זיין קאַנאַדע אויף יוסף אָפּאַטאָשון אויסגערופן :

— ער שרײבט נישט אויף קײן שרײב־מאַשין און אויך נישט מיט קײן פֿאָנטנפֿען!

פֿאַרשטײט זיך, אַז אָט דער אויסרוף איז נישט געװען אין װערטערלעכן זין, נאָר אין סימבאָלישן זין איז ער געמײנט געװאָרן.

געדאַרפֿט האָט דאָס מסתמא מײנען, אַז יוסף אָפּאַטאָשו שרײבט נישט אַזוי גלאַטיק, װי אַ שרײב־מאַשין און נישט אַזוי דין, װי אַ פֿאָנטנפֿען און אויב עס איז װירקלעך אַזוי געמײנט געװאָרן, איז יענער טאַקע אפשר גערעכט געװען, אָבער ער האָט פֿאַרגעסן, אַז עס זײנען נאָך פֿאַראַנען אַ סך אַנדערע מכשירים מיט װעלכע אַ שריפֿטשטעלער קאָן זיך גאַנץ דערפֿאָלגרײך באַנוצן.

ד

יעדעס מאָל, װען איך לײען יוסף אָפּאַטאָשוס אַ זאַך, האָב איך דעם אײַנדרוק, אַז די סיטואַציעס, בילדער און מענטשן האָט ער אויפֿגעמאָלן פֿאַר אונדז מיט דער הילף פֿון דיקע מאָלערישע פּינדזלען, װעלכע ער האָט געהאַלטן אין אײַן טונקען אין אַלערלײ קאָלירנדיקע פֿאַרבן.

אַ שטריך און נאָך אַ שטריך און עס װאַקסט אויס אַ בילד, אַ גאַנצע סיטואַציע און די מענטשן לעבן אויף פֿולבלוטיקע, אַז מען קאָן זײ ממש אָנטאַפּן מיט די הענט.

יוסף אָפּאַטאָשו איז אַזוי אָנגעפּאַקט מיט טעמאַטיק, אַז זי רײַסט זיך פֿון אים אויף אַ דינאַמישן אופֿן. ער האָט דערפֿאַר נישט קײן איבעריקן געדולד פֿאַר קײן טריװיאַליטעטן, פֿאַר ניואַנסן, כאָטש ער איז בײַ אונדז אײנער פֿון די אַרבעטסזאַמסטע שריפֿטשטעלער. די טעמאַטיק, װאָס ברױזט אין אים, צװינגט אים צו זיצן יעדן טאָג שעה׳ן בײַ זײַן אַרבעטס־טיש און כדי זיך פֿון איר צו באַפֿרײַען מאָלט ער זי דורך דיקע און ברײטע שטריכן. ער פֿאַרמאָגט אַזאַ װאָונדערלעכע פֿלינקײט צוצופּאַסן פֿאַרב צו פֿאַרב און װי געשיקט ער מאַנעװרירט אַרײַן אײן סיטואַציע אין דער אַנדערער, כאָטש פֿאַר אַ

גענײט אויג איז נישט קײן סוד, אז די פלינקײט און געשיקט־קײט קומען אים נישט אָן גאַנץ איבעריק גרינג דורכצופירן.

זײן פלינקײט און געשיקטקײט נעמען זיך פשוט פון דער אײזערנער גבורה, װאָס ער פאַרמאָגט. מען זעט און מען פילט, אז די געװיכטן, װאָס באַװעגן זיך אין זײנע הענט, זײנען היפש שװערע, אָבער די הענט, װאָס באַװעגן זײ זײנען שטאַרק און עס גײט אַ גאַנג אָן באַזונדער אָנשטרענגונג.

דאָס זעלבע איז מיטן ריטעם, װאָס שלאָגט פון זײנע זאַצן. עס איז נישט קײן ריטעם פון גומענע זװילן איבער פלושענע טאַ־פעטן, נאָר פון געקאָװעטע קנאַפל, װאָס שפּאַנען ריטמיש איבער דעם שטײנערדיקן ברוק.

זײן אױסזען איז אױך אַזױ.

װען איך באַטראַכט אַמאָל יוסף אָפּאַטאָשון, קריג איך דעם אײנדרוק, אַז ער אַלײן האָט מיט דער הילף פון זײנע פינדזלען זיך אױסגעמאָלן.

שאַרפע כאַראַקטער־שטריכן פון אױבן ביז אַרונטער שטעלן צוזאַמען דאָס אױסזען פון אים.

קוקנדיק אויף אים פון דער נאָענט, קריג איך זײער אָפט דעם אײנדרוק, אַז בײ זײן געבורט, האָט ער זיך געבעטן בײם רבונו של עולם:

— נודיע נישט, איך בעט דיך, און גיב זיך נישט אָפּ מיט קײן קלײניקײטן.

אָט אַזױ האָט ער זיך געמוזט בעטן און דער רבונו של עולם האָט זײן װילן געטאָן.

אַ מענטש דאַרף האָבן פיס, כדי צו האָבן מיט װאָס גע־זונט און שטאַרק צו טרעטן איבער דעם ברײטן טראַקט פונעם לעבן. אַ מענטש דאַרף האָבן הענט, כדי מיט זײ עפּעס אױפ־צוטאָן. פיס פאַר לאַקירטע קאַמאַשן און הענט פאַר פינגערלעך זײנען אפשר אָן עניין פאַר עמיצן אַנדערש, אָבער נישט פאַר אים און אַזױ מיט יעדן אבר פון זײן גוף. זײן נאָז איז נישט קײן אױסגעשניצטע, אָבער דערפאַר איז זי אַ פולע און אַ היפּ־

שע און דערשמעקן קאָן ער מיט איר אויף אַ שטח פון מײלן. זײַן קין איז בײַ אים אַזעלכער, וואָס קאָן פריער געשוואָלן מאַכן די פויסט פון אַ גלאַדיאַטאָר, אײדער אָלײן צו דערפילן דעם קלאַפּ, און אַ פּאָר פלײצעס פאַרמאָגט ער, וואָס קאָנען נעמען אויף זיך דאָס גאַנצע פאָלק ישראל און עס ברענגען צום שפּיץ פונעם באַרג. בלויז די אויגן זײַנע זײַנען בײַ אים נישט איבער־געכאַפּט די מאָס, אָבער אויגן זײַנען דאָך אין דער אמתן נישט מער, ווי די פענצטער אין דעם געבוי פון אַ מענטשן דורך וועלכע דער גאַנצער אינערליכער „איך" קוקט אַרויס, כדי צו זען און באַנעמען די וועלט און יוסף אָפּאַטאָשוס אינערלעכקייט האָט אין זיך דעם זעלבן כח, ווי עס האָבן זײַנע אויסערלעכע שטריכן און זי זעט און באַנעמט די וועלט מיט יענער קרנדיקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אָפּאַטאָשודיק.

ה

יוסף אָפּאַטאָשוס אַרײַנקומען אין דער אידישער ליטעראַ־טור אַרײַן איז געווען, ווי דער כח פון אַ ווינט, וואָס וואַרפט אום און קערט איבער אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג.

איך ווײס נישט צי האָט ער אויסגעבראָכן די טיר פונעם היכל, וואו די „אַלטע" זײַנען געזעסן אײַנגעשלאָסענע. אַז ער האָט אויסגעבראָכן עטלעכע שויבן איז זיכער. אפילו אין דער זעלבער גרופּע „יונגע" מיט וועלכער ער איז געקומען האָט ער איבערגעקערט עטלעכע פאַרשטײפטע בוימער, וואָס זײַנען אים געשטאַנען אין וועג.

ווען איך בין דעם ערשטן מאָל אינעם ווינטער פון נײַנצן פערצן און פופצן אַרײַנגעקומען אינעם קרײז פון דער אידישער ליטעראַטור אין נויאָרק איז שוין די דעמלטיקע גרופּע „יונגע" געווען צושפּאָלטן אויף צווײ קעמפענדיקע צדדים. אײן צד איז געשטאַנען אַרום דעם ערשטן פירער דוד איגנאַטאָוו און דער צווײ־טער אַרום אָפּאַטאָשון, וועלכער האָט שוין דעמאָלט מוריד געווען אין דוד איגנאַטאָווס פירערשאַפט.

אַרום די טישלעך פון דעם דעמאָלטיקן קלײנעם מילכיקן רעס־

טאָראַנדל, וואָס איז געווען דער מקום־מקלט פון די דעמלטיקע „יונגע", האָט מען דערציילט אומגעפער אזוי:

דוד איגנאַטאָוו, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט אין זיין ערשטן זאַמלבוך „שריפטן" יוסף אָפּאַטאָשוס ערשטן ראָמאַן „דער פערד גנב", האָט פון אָנהויב אָן זיך זייער געפרייט מיט זיין אַנטדעקונג, אָבער אזוי ווי די קריטיק האָט זיך אָפּגערופן פיל בעסער וועגן דעם אַנטדעקטנס ווערק אינעם זאַמלבוך, ווי וועגן דעם „גבור אין קייטן", וואָס דער אַנטדעקער האָט דאָרט אַליין געהאַט, איז דוד איגנאַטאָוו אייפערזיכטיק געוואָרן און עס איז געקומען צו אַ מלחמה.

דוד איגנאַטאָוו איז אויף ווייטער געבליבן דער ארויס־געבער פון די „שריפטן" און יוסף אָפּאַטאָשו האָט ארומגערינגלט ארום זיך עטלעכע פון די „יונגע" און האָט אָנגעהויבן ארויס־געבן אַן אַנדער זאַמלבוך: „די נייע היים", וואָס איז געווען נישט אַזוי קעגנעריש צו די „יונגע" פון יענעם צד, ווי צום רעדאַקטאָר.

אָט אזוי האָט מען דערציילט ארום די טישלעך אינעם רעסטאָראַנדל און איך, וואָס האָב נאָך ביידן נישט געזען פּערזענלעך, האָב זיך זיי ביידן פאָרגעשטעלט, ווי צוויי יונגע גלאַדיאַטאָרס, וואָס פאַרמעסטן זיך צום קאַמף און מיין הארץ האָט געקלאַפּט פאַר ביידן.

אַביסל שפּעטער האָב איך זיך באַקאַנט מיט זיי.

דוד איגנאַטאָוו — אַ יונג מיט טונקל־ברענענדיקע אויגן און מיט אַן ענערגישן פּנים, האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונגן קאַפּיטאַן, וואָס איז זיכער מיט זיינע מיטהעלפער. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פונעם רעסטאָראַנדל, האָבן זיך גלייך ארומגערינגלט ארום אים זיינע נאָענטסטע צווישן וועלכע עס זיינען געווען: מאַני לייב, זישא לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד און אברהם משה דילאָן.

אַז ער פלעגט זיך אוועקזעצן צוזאַמען מיט זיי ביי אַ טישל, האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן אַזאַ וויכטי־

קייט, אַז זייטיקע מענטשן האָבן פּשוט מורא געהאַט פאַרבייצו־שפּאַנען אין דער נאָענטקייט.

ספּעציעל האָט די וויכטיקייט געשפּילט אויף דוד איג־נאַטאָווס שטערן. זי האָט געלאָזט וויסן, אַז דאָ קומט פאָר אַ פאַרהאַנדלונג, וואָס יעדעס וואָרט איז נישט גלאַט אַזוי, נאָר עס איז אַזוינס, וואָס מאַכט גרויסע ליטעראַרישע געשיכטע.

מען האָט גערעדט מער אויפן וואַונק, ווי מיט ווערטער און אויף זייטיקע מענטשן פּלעגט דאָס זייער אָפּט מאַכן דעם איינדרוק, ווי קאָנספּיראַטאָרס וואָלטן געזעסן און אויסגעפּלאַנירט אַן איבערקערעניש אין זייער מדינה.

— נאָר מע שושקעט זיך! — פּלעגט משה לייב האַלפּערן אַמאָל אַ ברום טאָן און דערביי אַ שיק טאָן צו זיי פון זיין זייטיקן טישל אַ פּאָר בייזע, ווינטיקע בליקן.

— עס קלויבט זיך אַ מלחמה אויף אידן, — פּלעגט אויך יוסף ראָלניק אַן איראָנישן שמייכל טאָן אין זיינע דיקע וואָנ־צעס אריין פון אַן אַנדער טישל.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען מיט דעם מורד־במלכות'־דיקן יוסף אָפּאַטאָשו.

אַז ער איז געזעסן מיט חברים ביי אַ טישל, האָט זיין קול געקלונגען איבערן גאַנצן רעסטאָראַנדל. יונג און קרעפּטיק, מיט אַ פולן קאָפּ געדיכטע, קויל־שוואַרצע האָר און אַ ברייטן שטערן, ווי ביי אַ יונגן חריף, האָט זיין קול געקלונגען פריי און אָפן, אָבער צו דער זעלבער צייט אַרויסרופעריש. אָפטמאָל האָט ער מיט זיין געבויגענער און פאַרשפּיצטער נאָז געגעבן דעם איינדרוק פון אַ רויב־פויגל, וואָס דראָעט אַרונטערצולאָזן זיך אויף עמיצן און אים פאַרצוקן, כאָטש אין דער ווירקלעכקייט איז ער כמעט שטענדיק געווען גוטמוטיק.

און נישט קיין וואונדער.

עס איז געווען די גוטמוטיקייט פון אַ יונגן זיגער, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו זיין זייער גוטמוטיק.

יוסף אָפּאַטאָשו איז גלייך ביים אָנהויב נעגאַנגען מיט

פעסטע און זיכערע טריט צום אויבנאָן פון אונדזער ליטעראַטור, כאָטש קיין שטרויכלונגען האָבן אים אויף זיין וועג נישט אויס־געמיטן.

אמת, די שטרויכלונגען זיינען געקומען פון דרויסן און נישט פון אים אליין, אָבער עס איז דאָך קיין נייעס נישט, אַז איבער דרויסנדיקע שטרויכלונגען זאָל אַ קינסטלער בלייבן שטיין אימיטן וועג און נישט בכוח זיין דערגיין אַהין, וואוהין ער דאַרף דערגיין.

יוסף אָפּאַטאָשו געהערט אָבער נישט צו יענע, וואָס לאָזן זיך אַזוי גרינג די פיס פאַרפּלאָנטערן. נישט אומזיסט פאַר־מאָגט ער אַ פּאָר געזונטע טרעטערס. אַז עס איז נויטיק, איז אַ שאָר מיט אַ פּוס און ווייטער געגאַנגען.

עס לעבט אויף אין מיין זכרון דער איינדרוק, וואָס ש. ניגערס אַ קריטיק האָט געמאַכט אויף די „יונגע" איבער אָפּאַ־טאָשוס ערשטן ראָמאַן „דער פערד גנב". אין איר איז פאַר־אויסגעזאָגט געוואָרן, אַז אונדזער ליטעראַטור וועט אַ סך נחת האָבן פון דעם יונגן, נייעם שריפטשטעלער. עס איז געווען אָט די קריטיק פון ש. ניגערן, וואָס איז אַריבערגעקומען פון יענעם זייט ים, איבער וועלכער מען האָט זיך געאַמפּערט וואָכן גאַנצע אַרום די טישלעך פון דעם רעסטאָראַנדל. בשעת איינצל־נע האָבן זיך געפרייט, האָבן אָבער די מערסטע געפּרואווט צוויי־פלען אין דער נביאות פון ניגערן.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס גייט פאַר הינטער זיינע פּליייצעס, אָבער ער האָט דאָס גענומען, ווי אַ זינגער, וואָס ווייסט, אַז די באַזינגטע איז דערלויבט דאָס ביסל ציינקריצעניש.

ו

מיט אַפּאָר וואָכן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין אונדזער פרעסע אָפּרופן וועגן זיינס אַ בוך דערציילונגען, וואָס איז דער פערצנטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק. דער פערצנטער באַנד!

ווען איך זאָל נישט וויסן, אַז מיר האָבן נאָך נישט געפּייערט אָפּאַטאָשוס פופציק יאָריקן יובילייִ, וואָלט איך שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז אויך איך בין שוין אַן עלטערער מענטש.
ווי גיך די יאָרן זיינען עס אַ גיי געטאָן!

אַט ערשט דאַכט זיך האָט ער געשריבן זיינע ערשטע ביכער.
נאָכן „פערד גנב" איז געקומען „די נויאָרקער געטאָ", דערנאָך זיין ראָמאַן „היברו". איך געדענק, ווען זיין פּרעכטיקע קליינע נאָוועלע „ציגיינער" איז פאַרטיק געוואָרן און ווען ער האָט פאַרטראַכט די רייע ווערק פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט מיט „די פוילישע וועלדער", ווי דאָס צענטראַל ווערק.
אין יענער צייט האָט ער זיך נאָך געבחורט סיי אין זיין לעבן און סיי אין דער ליטעראַטור.

אין לעבן אַ גרוי־פּלושן קאַפּעלושל אויפן קאָפּ מיטן טעלערל געבויגן וואויל־יונגעריש צום פּנים. אַ ברייטער מאַנטל, וואָס האָט געוויקלט זיין יוגנטלעכע פיגור מיט דער ווייכקייט פון אַ פּעלערינע און אין דער ליטעראַטור, איז ער געגאַנגען פון איין שטיק לעבן צום אַנדערן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין אויספּרואוון זיין אייגענע גבורה.

היינט איז שוין יוסף אָפּאַטאָשו אַזאַ פאַרוואָרצלטער סיי אין לעבן און סיי אין דער ליטעראַטור.

אַ באַלעבאָס פון אַ שטוב מיט אַ נומער אויף זיך, וואָס איז באַקאַנט צו מענטשן, וואָס געפינען זיך איבער אַלע קאָנטינענטן פון דער ערד, אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ טאַטע פון אַ דערוואַקסענעם זון, אַ באַרימטער שריפטשטעלער מיט פערצן בענד, וואָס פאַרנעמען אַ היפּשן פּלאַץ אין טויזנטער ביכערשאַפעס און אין הונדערטער פאָלקס־ביבליאָטעקן. אַ צאָל פון אָט די פערצן בענד זיינען איבערגעזעצט אויך אין אַנדערע שפּראַכן.

עס לעבן אויף די יאָרן פון יוסף אָפּאַטאָשוס בחורשאַפט אין נויאָרק.

זומערדיקע שפּאַצירגענג אין קראָטאָנאַ־פּאַרק אין די בראָנקס אין דער געזעלשאַפט פון יונגע אידישע מיידלעך. צו

איין מיידל, א שלאנקס מיט בלויע אויגן און בלאנדן קוטשער־ראוון קאפ איז ער באזונדער אויפמערקזאם. שפעטער איז אט דאס מיידל געווארן זיין פרוי און די מוטער פון זיין קינד און יוסף אפאטאשו איז געווארן א יושב אוהל.

זעלטן ווען אין א שטוב האב איך באמערקט אזא אונטער־שייד פון איין צימער ביזן אנדערן, ווי איך האב עס באמערקט אין דער שטוב פון די אפאטאשוס.

בשעת אינעם ארבעט־צימער הענגט אזא חשובער ערנסט, שוועבט אום אינעם דערבייאיקן וואוינצימער א לייכטע שפי־לעוודיקייט. איך בין אמאל געשטאנען אויפן שוועל, וואס גרע־נעצט אפ דיביידע צימערן און געהאט דאס געפיל, ווי איך וואלט געשטאנען אויפן גרענעץ פון צוויי באזונדערע לענדער.

די זומערדיקע זון האט דוקא פיל מער ארייגעלויכטן אינעם ארבעט־צימער ,אבער עס איז געווען א ליכט מיט א צוועק, וואו־רים דער איבערגעבויגענער שריפטשטעלער איבערן טיש האט דאך דאס ליכט געמוזט האבן פאר זיין ארבעט, בשעת דאס ביסל שיין אינעם דערבייאיקן צימער האט זיך אומגעשפילט, ווי א דריטער שטיפער צו דער בלאנדער ארעלאן און איר קליינעם זינדל דודל.

איצט איז שוין דודל אויך א דערוואקסענער. ער איז שוין א דוד אפאטאשו מיט אספיראציעס חשוב צו מאכן זיין נאמען אויך דער בינע, ווי זיין פאטער האט אים חשוב געמאכט אין דער ליטעראטור.

ז

אין פערזענלעכן קאנטאקט מיט די ארומיקע איז יוסף אפא־טאשו כמעט שטענדיק רעזערווירט.

עס מאכט דעם איינדרוק, ווי ער וואלט באוואוסטזיניק אוועקגעשטעלט א מין ווענטל צווישן זיך און די ארומיקע. בלויז מיט גאר אייגענע מענטשן ווערט ער אמאל אן אויפגעעפנטער, אבער אפילו צווישן זיי לאזט ער זעלטן אויפלייזן אין זיך די חשיבות, וואס ציטערט אום איבער אים, ווי א פיין געשייערט

מעשׂן שילדל אויף דער טיר פון א זייער וויכטיקער אינסטיטוציע.

ער געהערט צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס ווייסן צו שאצן זייער אייגענעם ווערט און ער איז דערפאר אויף דער וואך, אז קיין שפּרינקעלע זאָל נישט פאלן אויף דער אייגענער פּער־זענלעכקייט, פאר וועלכער ער האָט אליין גרויס דרך ארץ. נישט אומזיסט האָט ער אזא שטארקע באציאונג צו יעדן געדרוקטן וואָרט. עס נעמט זיך ביי אים זייער א סך פון זיין באציאונג צום אייגענעם וואָרט. ביי יוסף אָפּאטאָשון איז קיינמאָל נישט קיין בוך גלאט אזוי א ביכל, נאָר עס איז ביי אים א ספר און א ספר איז ביי אים קיין טויטע זאך, וואָס האָט בלעטלעך און איז צווישן צוויי טאָוולען, נאָר עס איז ביי אים דאָס מויל פון א לעבעדיקן און געליטערטן מענטשן.

עס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר אים אָט דאָס, וואָס יעדעס מאָל, ווען ער דארף ארויסטרעטן פערזענלעך אין דער עפנטלעכקייט, שליסט ער זיך אָפּ אויף עטלעכע שעה ביי זיך אין ארבעט־צימער.

— איר ארבעט אויף אייער רעפעראט, חבר אָפּאטאָשו?

— נאָין, — ענטפערט ער אייך און א פינקל טוענדיק מיט זיינע טונקעלע אויגן, דערציילט ער אייך אָפנהארציק, אז פאר יעדן אויפטריט זיינעם, האָט ער די באדערפעניש צו פארברענ־גען אין גוטער געזעלשאפט.

די גוטע געזעלשאפט זיינען פאר אים די ביכער פון זיין גרויסער ביבליאָטעק.

עס ווייעט פון אים שטענדיק מיט א געוויסער גייסטיקער אריסטאָקראטישקייט, כאָטש קיין אריסטאָקראט אין לעבן איז ער דאָך נישט. דערצו איז זיין העמד נישט שטייף אויסגע־פּרעסט, אָבער דער מענטש, וואָס היט אָפּ די חשיבות איבער זיך איז ער שטענדיק.

זיינע קליידער זיינען קיינמאָל נישט לויט דער לעצטער מאָ־דע, אָבער זיין אנצוג איז שטענדיק ריין און אויסגעפּרעסט. בלויז זיין געמיט איז קיינמאָל נישט קיין אויסגעפּרעסטס. עס

שלאָגט פון אים מיט אומרו אפילו ווען ער שמועסט אָדער לאַכט געמיטלעך.

יוסף אָפּאַטאָשוס אומרו מאַכט אָפּט דעם איינדרוק, אַז אָט אָט און ער וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטורעם, אָבער בלויז אין זעלטענע פאַלן ברעכט דער שטורעם אויס. מערסטנס איז דאָס בלויז אַן ערב־שטורעם, וואָס צעגייט זיך.

אין אַזעלכע מאָמענטן העלפט אים אַרויס זיין אינטעלעק־טואַליזם, וואָס פאַרלאָזט אים נישט אפילו, ווען די עמאָציעס אין אים רייסן זיך צום אויבערפלאַך.

דער זעלבער אינטעלעקטואַליזם פילט זיך אויך אין זיין שרייבן. ווען איר לייענט זיינע אַ זאַך, וואָס שלאָגט מיט אַן אימ־פּעט פון אַ צובושעוועט פערד, פילט איר דאָך די שטאַרקע הענט פונעם טרייבער, וואָס האַלטן די לייצעס אין די שטאַרקע הענט.

אַ באַריידעוודיקער איז ער דוקא יאָ, אָבער קיינמאָל זיינען זיינע רייד נישט קיין ווערטער צוליב דעם שפּיל פון ווערטער, נאָר עס זיינען רייד, וואָס קומען דיר עפּעס צו זאָגן. אַז ער שווייגט רעדט זיין פּנים, ריידן זיינע באַוועגונגען. אָפּטמאָל האָט ער אַ טבע אונטערצוזינגען, כאָטש דאָס איז ביי אים קיינ־מאָל נישט קיין געזאַנג, וואָס ציט זיך אין שטילער, רואיקער האַרמאָניע.

גיכער זיינען דאָס שטיקער פון זיין קול, וואָס ווערן אַרויס־געוואָרפן פון אים מיט אומרו און אימפּעט אינעם דרויסן אַרויס.

איך בין אַמאָל געגאַנגען מיט אים שפּעט ביינאַכט פון דר. יחיאל קלינגס הויז דורך דעם קראָטאָנאַ פּאַרק, וואָס איז אין די בראָנקס. עס איז געווען אָנהויב הארבסט. די צווייגן פון דיביימער האָבן זיך געוויגט און דערמאָנט אָן דעם ווייכן לי־רישן טאָן פון די לידער, וואָס די דיכטער האָבן דורכן אָוונט געלייענט אין דעם הויז פון די קלינגס און אָן די געזאַנגען פון דער פרוי בערטאַ קלינג. די דאַרע אַרונטערגעפאַלענע בלעטער פון די ביימער האָבן זיך געשאַרט אונטער אונדזערע שפּאַנענדי־קע טריט און זיינען געווען, ווי אַ מין שטילע נאָכבאַגלייטונג צו

אונדזער ריטמישן מאַרש, אָבער פּלוצלונג האָט יוסף אָפּאַטאָשו אַנגעהויבן זינגען הויך אויפן קול און די לופט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיטן ריטעם פון אויסגעהוילטע שטעקלעך, וואָס פאַלן איבער מענטשלעכע רוקנס.

איך בין געגאַנגען לעבן אים אַן אויפגערעגטער און גע־טראַכט פון די מאָדנע שפּיצלעך, וואָס די נאַטור טוט אָפּטמאָל אָפּ צו אַ מענטשן.

פון איין זייט אַזאַ כוח אין דער פּען און פון דער צווייטער זייט אַזאַ הילפלאָזיקייט אינעם קול ביי דעם זעלבן מענטשן.

ח

און אפשר איז דאָס גאָרנישט אַזאַ הילפלאָזיקייט, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט.

ווען איך טראַכט איצט פון יענעם מאָמענט, קומט מיר אויפן זין, אַז אייגנטלעך איז דער אופן פון זיין שאַפן דאָך אויך אַזוי.

עס איז נישט קיין מייסטערשאַפט, וואָס ברענגט צו שלימות און האַרמאָניע דאָס אינערלעכע ברויזן אין אים, נאָר עס זיינען ברויזנדיקע שטיקער לעבן, וואָס זיין אומרו און אימפּעט וואַרפן אויף אַ גבורהדיקן און מייסטערהאַפטן אופן פאַר אונדזערע אויגן אַרויס.

זיין אידיש איז אַ שפּעדיקער, ווייל עס שלאָגט מיט שפּע׳־דיקן לעבן פון אים. עס איז נישט די געשלפינקייט פון זיין וואָרט, וואָס פאַרכאַפּט אונדז, נאָר די שפּרודלדיקייט פון לעבן, וואָס שלאָגט דערפון אַרויס.

זיינע מאַלערישע פּענדזלעך טונקען זיך אין פולע עמערס מיט פאַרבן פון אונטער זיי, וואָס רייסט אונדז מיט און נעמט אונדז מיט מיט זיך. ער איז אַ גלענצענדיקער און טרעפלעכער מאָלער פון מענטשן און סיטואַציעס און פון דעסטוועגן איז דאָס נישט דאָס אויסערלעכע, וואָס פאַרכאַפּט אונדזערע געמיטער, נאָר די

אינערלעכע דינאַמיק, וואָס פילט זיך אין אַלצדינג, וואָס ער באַ־ווייזט אונדז.

זיין גאַנץ שאַפן איז איין גרויסער שטיק אימפעט, ווי אימ־פעטיק ער איז אַליין צווישן אונדז.

— אַפּאַטאָשו, וואָס איז די איילעניש? — פרעגט אים אַמאָל אַ חבר מיט וועלכן ער זיצט ביים טישל אין קאַפע הויז ביי אַ שמועס.

— וואָס זשע וועט מען אויסזיצן? — וויל אַפּאַטאָשו וויסן און עס הויבט אים פונעם בענקל.

עס איז נישט וויכטיק צי ער דאַרף יאָ ערגעץ גיין, אָדער נישט. עס טרעפט זיך, אַז ער האָט גראַדע יאָ אַ פּאָר פרייע שעה'ן, אָבער זיצן און אוועקהרגענען גלאַט אַזוי עטלעכע שעה'ן אין געמיטלעכן שמועס איז קעגן זיין טבע.

— עס טראָגט אים! — צובייזערט זיך אַמאָל אַ חבר הלמאי מען לאָזט אים איבער און דעמאָלט קוקט אויף אים יוסף אַפּאַ־טאָשו מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, וואָס קאַטשעט זיך אַרונ־טער פון זיינע טונקעלע אויגן ביז זיין שאַרף אויסגעשפּיצטן קין.

און אפילו אָט דער שמייכל איז ביי אים אַן אומרואיקער און אַן אימפּעטיקער.

יוסף ראָלניק

עס ליגט פאַר מיר אַ ניי צעעפנט ביכעלע לידער פון יוסף ראָלניק, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען. „נייע לידער" רופט דער דיכטער אָן די זאַמלונג. איז דער נאָמען אַ פאַרפירערי־שער, ווייל נישט קיין לידער פון דער נייער צייט זיינען זיי, אויך נישט קיין לידער פון אַ באַנייטן ראָלניקן זיינען זיי. עס זיינען די זעלבע מאָטיוון, אָדער כמעט די זעלבע מאָטיוון, וואָס מיר געפינען אין זיין קליינער זאַמלונג „צום שטערן נויד", וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק, — עס זיינען די זעלבע אָדער כמעט די זעלבע מאָטיוון, וואָס ער האָט אונדז געגעבן אין זיין גרויסער זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין דעם יאָר ניינצן־פופצן. קיין וויכטיקע ענדערונג איז אינעם געמיט פונעם דיכטער יוסף ראָלניק נישט פאָרגעקומען, — ער איז, וואָס ער איז שטענדיק געווען און דאָס איז; אויפריכטי־קער און לויטערער דיכטער פון זיין אייגענעם, זיין פערזענ־לעכן לעבן אויף אונדזער וועלט.

נישט „נייע לידער" האָט ער געדאַרפט אַ נאָמען געבן זיין לעצטע זאַמלונג. גיכער וואָלט זיך געפּאַסט דער נאָמען: „מער לידער" און מער לידער איז דאָך ראָלניקס גרעסטער באַגער אין לעבן.

> זון אין מערב זעצט זיך גיך,
> וואָס דאַרף נאָך אַ מענטש, ווי איך?
> לידער, קליינע לידער.

ביי קיין אַנדער דיכטער חזרט זיך נישט איבער אַזוי אָפט דער מאָטיוו פון בענקשאַפט נאָך לידער, ווי ביי יוסף ראָלניקן. איר וועט אים געפינען אין אַלע זיינע זאַמלונגען צו עטלעכע מאָל. ער צערטלט אים. ער פרעגט אין זיין ליד פון וואַנען דאָס ליד ווערט געבוירן. ער שרעקט זיך אין זיינע לידער פאַר דער שרעק טאָמער טריקנט חלילה אוים אין זיין געמיט

דער קוואַל פון לידער און טוט ער תּפילה צו גאָט און ווידער דורך לידער פאַר לידער:

גאָט, מיין שיצונג און מיין וואַנט,
לייז מיך אויס פון שניטערס האַנט,
לייז מיך אויס מיט לידער.

לויט יוסף ראָלניקן קומט אויס, אַז דער גאַנצער זין פון לעבן באַשטייט פון לידער, אַז דער זין אַליין איז נישט מער, ווי אַ ליד. די „גרויסע שטעט און די נייע לענדער" אין וועלכער ער איז נישט מער, ווי אַ דורכגייער, אַ „פרעמדער" האָבן פאַר אים גאָרנישט. נאָנט ווערן זיי אים ערשט דעמאָלט, ווען עס גייען אויף פון זיי לידער צו אים.

און ווייל דער זין פון זיין לעבן איז ביי אים זיין ליד, איז דערפאַר אַזאַ ציטערניש, אַזאַ צאַפּלעניש ביי אים פאַר דעם. דערפאַר איז דאָס אים אַזוי טייער און דערפאַר „נייע לידער", כאָטש דער נאָמען איז נישט קיין צוגעפּאַסטער.

ב.

און וואָס איז דען יאָ צוגעפּאַסט אין דעם דיכטער יוסף ראָלניקס לעבן?

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור
זיין האָרץ האָט געזונגען, די ליפּן—געשוויגן
און קיינער פון אַלע אַרומיקע מענטשן
אוי, קיינער געהערט האָט דעם ניגון.

אַזוי האָט יוסף ראָלניק געזונגען ווען זיך מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק און וויפיל מענטשן הערן עס אפילו היינט זיין ניגון, ווען ער איז אַזוי רייף און פולבלוטיק.

די זעץ־מאַשינען פון דעם נויאָרקער „טאָג" קלאַפּן אַן אַן אויפהער, וואַרפנדיק פון זיך מיט בלייענע שורות. שפּע־

טער גײען איבער די אָפּדרוקן אין די הענט פֿון די קאָרעקטאָרס, וואָס זיצן בײ אַ טױבער וואַנט און פֿאַרריכטן די גרײזן.

דער פּאָעט יוסף ראָלניק איז אײנער פֿון אָט די קאָרעקטאָרס.. און שױן יאָרן, אַז ער זיצט אַזױ טאָג אױס און טאָג אײַן בײ אָט דער טױבער וואַנט און פֿאַרריכט די גרײזן, וואָס די גולמדיקע זעץ־מאַשינען מאַכן.

אַז איך פֿאַל אַמאָל אַרײַן און דערזע זײַן עטוואָס געבױגענע פֿיגור אין די בלױע אַרבעטער הױזן, קומט מיר אױפֿן זין, אַז אים איז שױן עפּעס, װי באַשערט זײַן גאַנץ לעבן אין אַלץ, וואָס ער זאָל נישט טאָן, אָנצעווײַזן אױף גרײזן.

וואָרים, וואָס זײַנען דען זײַנע לידער, אױב נישט קײן פֿינגער־אָנווײַזונגען אױף די גרײזן, וואָס דאָס לעבן האַלט אין אײן מאַכן!

נישט מער, וואָס בשעת די גרײזן אױף די אָפּדרוקן פֿון די בלײענע שורות קאָן ער פֿאַרריכטן מיט זײַנע הענט, קאָן ער אױף די גרײזן, וואָס דאָס לעבן מאַכט אָנווײַזן בלױז דורך לידער.

— נאַט זעט, וואָס פֿאַר אַן אומרעכטן עס ווערן געטאָן צום מענטשן אין אונדזער לעבן!

אָט אַזױ רײדן כמעט אַלע זײַנע לידער. אמת, אַז דעם מענטשן וועמען יוסף ראָלניק האָט אין זין אין אַלע זײַנע לידער איז ער אַלײן, אָבער דער עלנט, די אָרעמקײט, די דערנידערונג, די דערשלאָגנקײט און די אַלײנקײט, וואָס שלאָגט פֿון די מערסטע לידער זײַנע קאָנען אָנגעווענדט ווערן אױף מיליאָנען אַנדערע אַזעלכע ווי ער איז. און נישט קוקנדיק, וואָס דער אױסדרוק איז בײ אים אַ רײן יחידישער, זײַנען אָבער אין תוך גענומען ראָלניקס לידער מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן אינהאַלט.

ג.

עס דערמאָנען זיך די יאָרן, ווען די „יונגע" פֿלעגן אָפּזיצן די אָוונטן אַרום די ווײסע, גלאַנציקע טישלעך אינעם קלײנעם

קעלער־רעסטאָראַן אויף איסט בראָדוויי און פירן היציקע דיס־קוסיעס צווישן זיך וועגן קונסט און קינסטלער.

יוסף ראָלניק פלעגט געוויינלעך זיצן ביי אַ זייטיקן טישל אַליין מיט זיך און אין די דיסקוסיעס קיין אייגטייל נישט נעמען.

און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן האָט ער זיך געהאַלטן באַזונדער, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז דאָס בעסטע, וואָס אַ דיכטער האָט צו זאָגן, זאָגט ער דאָס דורך זיינע לידער און דאָס דע־באַטירן ביי די טישלעך איז גלאַט רייד צוליב רייד און דאָס איז נישט זיין טבע.

יוסף ראָלניק איז אפילו אַ קמצן אויף ווערטער אין זיינע לידער, אָבער דערפאַר איז יעדעס וואָרט זיינס אַ פּולס. עס איז עפּעס, ווי ער וואָלט אין יעדן וואָרט זיינעם אַלדאָס גוטס אריינגעלייגט און ער זשאַלעוועט דערפאַר מיט דעם זיך ארומ־צוואַרפן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין.

זיינע לידער זיינען, ווי ער אַליין, איינזאַמע, פּראָסטע און טראָגן וואָכעדיקע כאַלאַטלעך איבער זיך און דאָך האָבן זיי דעם כוח אין זיך אייך יום־טובדיק צו מאַכן.

זיי זיינען, ווי געשמאַק ראָזעווע ברויט, וואָס פאַרוואַנדלען דעם וואָכעדיקן טיש אין יום־טוב.

אַ יום־טוב, כאָטש ניט קיין שרייענדיקער, נישט קיין זייער קאָלירנדיקער, אָבער דער קאָליר, וואָס איז אין אים דאָ שיינט מיט אַ הערלעכער ליטערקייט. ער טאַנצט נישט אין קיין זיבן שלייערן איבער די גאַסן, אָבער ער שיינט צו דיר פון זיין ווינקל ארויס.

יאָרן לאַנג איז ער געזעסן צוזאַמען מיט די „יונגע" אין רעסטאָראַנדל, אָבער זיין טישל איז שטענדיק געווען באַזונדער, אין אַ זייט, אין אַ ווינקל פאַרשטעקט.

— ראָלניקס ווינקל, — פלעגט מען נישט איינמאָל באַ־מערקן און דערביי צולייגן:

— אַ מענטש האָט כוח צו זיין אַליין.

און ווי לויט א געהיימן אָפּמאַך האָט מען דאָס טישל, וואו יוסף ראַלניק איז געזעסן געלאָזן צורו.

געלאָזט צורו, אָבער נישט איגנאָרירט פונדעסטוועגן.

זײַן אָפּגעזונדערטקייט האָט אָפּטמאָל אינטריגירט און ארויס־גערופן ביי קאָלעגן פּרושים:

— וואָס איז דאָס עניוות, צי נזירות? — האָט מען נישט איינמאָל זיך געפרעגט.

אים אַליין איז מסתמא נישט איינגעפאַלן, אז מיט א פּאָר טישלעך ווייטער איז ער די טעמע פון אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך, וואָרים בשעת אַנדערע האָבן געשמועסט וועגן אים איז ער זיך געזעסן אַליין ביי א גלעזל טיי, אָדער קאַווע און דאָס פּנים זיינס האָט פאַרטראַכט און בלייך געקוקט פאַר זיך, דערמאָנענדיק אָן א פּנים פון אַן אַסקעט געמאָלן פון א מאָנאַך אין מיטל־אַלטער.

עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אז א ציניקער האָט גענומען באַווייזן, אַז ראַלניקס עניוות נעמט זיך אייגנטלעך פון גאווה, אַז זיין נזירות איז בלויז א מעטאָדע אזא כדי שטאַר־קער דערזען צו ווערן. אָבער אַלע די, וואָס האָבן ראַלניקן גוט געקאָנט האָבן מבטל געווען דעם ציניקער.

ראובן אייזלאַנד האָט איינמאָל ווי אַן ענטפער צו יענעם ציניקער גענומען ציטירן ראַלניקס א ליד:

מיין פאַרלאַנג און מיין באַגער
איז לויטער קליינקייטן.

— אָט דאָס איז ער! — האָט אייזלאַנד מיט א פייכטן גלאַנץ אין זיינע אויגן באַטאָנט און. אַלעמענס פּנימער האָבן זיך א קער געטאָן צו ראַלניקס ווינקל.

ד.

מיט דער גרופּע „יונגע" האָט יוסף ראַלניק זיך אויף אַזויפיל אָנגעהערט, אויף וויפיל ער האָט אַזוי ווי זיי געשריבן פיינע לידער, וואָס האָבן קיין שטאַרקן רעזאָנאַנס אין לעבעדיקן לעבן נישט געהאַט.

אינעם סאַמע מהות פון זיין שאַפן האָט ער מיט זיי קיין געמיינזאַמס נישט געהאַט.

זיי זיינען געגאַנגען מיט די אויגן צו דער לבנה און ער — מיט די בליקן אַרום זיך. זיי זיינען געקומען מיט אַ מיסיע צו באַנייען דאָס וואָכעדיקע וואָרט אויף אידיש און ער האָט גע־געבן אָן קיין שום מיסיעס זיין גרוי וואָכעדיקן לעבן דורך זיין וואָרט:

אונדזער לאַנד איז גרוי און אָרעם.
אונדזער הימל בלייך;
שמאָלע, הויקערדיקע וועגן
קייקלען זיך, ווי רויך.

אָט אַזוי האָט ער געזונגען וועגן זיין געבורט־לאַנד ליטע און ענלעך אַזוי האָט ער געזונגען וועגן זיין אַדאָפּטירטער היים נויאָרק.

פּשוט און רירנדיק, ווי פּשוט און רירנדיק עס איז געווען דאָס געפיל, וואָס האָט די לידער געבוירן.

פאַר אַ צאָל קאָלעגן איז אָט די פּשוטקייט שוין געווען אַ ביסל צו פּשוט און דאָס אויפריכטיק געפיל, אונטער דעם איז אויך פאַר זיי נישט גענוג געווען.

— קליינע באַגערן, — האָט מען זיך אַמאָל אַ קרים געטאָן און זיי האָבן דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז ראַלניקס קליינע באַגערן נעמען זיך נישט דערפאַר, וואָס ער האָט קליינע השגות. אדרבה.

זיינע השגות זיינען געווען דוקא גאַנץ גרויסע, נאָר וואָס זשע דען? ער איז צווישן זיינע קאָלעגן שוין דעמאָלט געווען דער דערוואַקסענער מענטש, וואָס האָט געוואוסט, אַז עס איז אומזיסט די מי צו האַלטן כסדר אויסגעשטרעקט די הענט נאָכן טעלערל פון הימל.

אין דער צייט, ווען זיינע חברים האָבן זיך געריסן איבער זייערע בלויע אויסגעחלומטע פערדלעך צו דער לבנה, צו די

שטערן, צו דער קעניגרייך נישט פון „דיזער וועלט”, האָט ער זיך געלאָזט איבער די וועגן פון גאָטס באַראָט:

אויף גאָטס באַראָט, זאָל ער מיך פירן
וואוהין ער וויל און ווי ער וויל . . .

און אז מען גייט שוין אויף גאָטס באַראָט, איז צו וואָס פאַר א גוטן יאָר דאַרף מען זיך אויספּוצן? אויף בלויע פערד־לעך צו דער לבנה איז עפּעס אַנדערש. אהין, אז מען שוועבט באַדאַרף מען זיין אויסגעפּוצט, — די פערדלעך דאַרפן גאָלדענע צוימלעך האָבן און די רייטער — גאָלדענע קנעפּלעך, וואָרים א קשיה אויף א מעשה, — עס קאָן דאָך נאָך אַנטקעגן קומען די מלכה שבא אין איר גאָלדענעם רייטוואָגן, די שלמית אין א גאָלדענעם שטערנטיכל, אָדער גאָר קלעאָפּאַטראַ מיט איר אַל־באַסטער האַלדז און פאַרשכורנדיקע אויגן און דעמאָלט, אויב מען וועט נישט זיין לויט אַלע דקדוקים פון פּאָרעם, איז וואָס פאַר א פּנים וועט מען האָבן.

האָבן טאַקע אַלע חברים זיינע געלייגט דעם טראָפּ זייער שטאַרק אויף דער פאָרעם און ער איינער צווישן זיי האָט בלויז אין זיין געהאַט דעם אינהאַלט.

שפּאַנענדיק איבער די וועגן פון גאָטס באַראָט, האָט יוסף ראָלניק געזונגען זיין ליד מיט פּשוטע ווערטער, ווי פּשוט עס זיינען געווײנלעך די זאַמדיקע וועגן פון גאָטס באַראָט:

שבת, יום־טוב און ראש חודש —
מיינע יום־טובדיקע קליידער
הענגען נישט גענוצט, געטראָגן
אויף דער הינטער־וואַנט אין חדר.

די סאַמע פּראָסטע, וואָכעדיקסטע ווערטער האָט ער אין זיינע לידער באַנוצט, אָבער שבת־יום־טובדיקייט איז סיי ווי פון זיי אויפגעגאַנגען, ווייל אונטער די פּראָסטע ווערטער איז אויפ־געגאַנגען א לויטער געזאַנג.

ה.

אין די זאמלביכער „שריפטן", וואס האבן און יענע יארן געבראכט די ווערק פון די „יונגע" אין דער עפנטלעכקייט, האט יוסף ראלניק נישט קיין איינטייל גענומען.

איך האב אים אמאל געפרעגט וועגן דעם, האט זיך א דינער שמייכל א שפרייט געטאן איבער זיין בלייך, קיילעכדיק פנים און איז באלד פארשוואונדן געווארן צווישן די דיקע וואנצעס איבער זיין צוגעשלאסן מויל.

ווייס איך ביז היינט נישט פארוואס ער האט אין אט די זאמלביכער נישט מיטגעארבעט, אבער ווייסן ווייס איך, אז זיינע לידער וואלטן זיך סיי ווי נישט געווען אריינגעפאסט אויף די עלעגאנטע בלעטער פון די „שריפטן". זיי האבן זיך בעסער געפאסט פאר די גרויע זייטן פון דער „פרייער ארבעטער שטימע", וואו ער האט אין יענע יארן מיטגעארבעט כמעט וועכנטלעך.

עס האט אבער גארנישט אויסגעמאכט. די איבעריקע חברים האבן נישט נאר ראלניקן באטראכט פאר איינעם פון זיי, נאר פון צייט צו צייט האט מען זיך אפילו געווענדט צו אים, ווי צו א מאיאק, ווייל די איינגענע שיף האט הילפלאז אומגעציטערט איבער די וואסערן און קיין ברעג נישט געקאנט געפינען.

עס זיינען געווען מאמענטן, ווען די בלויע פעדערלעך זיינען ווי צערונען געווארן און אין די אויסגעחלומטע לענדער נישט פון „דיזער וועלט" זיינען אפילו קיין ווינטמילן אויך נישט געווען צו געפינען.

דאס לעבדיקע לעבן האט מען נישט געזען און מען האט פשוט ניט געוואלט עפענען די אויגן צו דעם.

אויף יענעם זייט ים האט אייראפע זיך געצונדן אין פלאמען, אבער דער רויך, וואס האט זיך פארטראגן אהער האט עפעס, ווי נאך גרויער געמאכט. די געבורט-ווייען אין די פלאמען פון א נייער וועלט האט מען נישט באמערקט און וואס מען האט יא באמערקט, איז געווען כאטש נעם און פארמאך די

אויגן. האָט מען זיי טאַקע פאַרמאַכט און ראַלניקס רעזיגנאַציע איז׳ פלוצלונג געוואָרן דאָס אינדזל, וואוהין אַלע האָבן זיך בלינד אַ צי געטאָן.

אין נײַנצן פופצן איז פלוצים יוסף ראַלניק געשטעלט געוואָרן אין צענטער.

די חברים האָבן צוזאַמענגענומען זײַנע לידער און זיי אַרויסגעגעבן אין אַ פּרעכטיקן באַנד און דער זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן״, פון וועלכן מאַני לייב, אייזלאַנד און לאַנדוי זײַנען געווען די רעדאַקטאָרס האָט זיך איינמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ ראַלניק נומער.

זייטיקע מענטשן האָבן געמיינט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן פון אויפגעוואַכטן געוויסן צו אַ קאָלעגע, וואָס מען האָט פאַר אַ צייט פאַרנאַכלעסיקט, אָבער נאָנטע האָבן געוואוסט די אמתע סיבה.

עס איז געווען גאַנץ פשוט, מען האָט זיך דערפילט פאַרלוירענע און מען האָט געבענקט נאָך לאַנד.

— ראַלניקס לאַנד! — האָט עמיצער אויסגערופן און מען האָט זיך אַ ווענד געטאָן אַהין.

ו.

מיט אַ שטעקן אין האַנט און מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס איז ער מיט יאָרן צוריק געקומען קיין נויאָרק פון דער אָרעמער ליטע.

מיט דעם שטעקן האָט ער געטאַפּט דעם וועג פאָראויס און ווען ער איז מיד געוואָרן האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויסרוען און כדי אין זײַן רו זיך מיט עפּעס צו פאַרשפּילן, האָט ער פון זײַן פּעקל אויסגעפּאַקט די זומערס און די ווינטערס אַרום זײַן דאָרפישער מיל אין דער ליטע.

אָט די דאָרפישע מיל לעבן וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעלעבט זײַנע פריע יאָרן איז מיט אים פאַרבליבן ביז איצט, כאָטש ער לעבט שוין אין נויאָרק פיל מערער, ווי ער האָט געלעבט אין זײַן ליטווישן דאָרף.

זי איז ביי אים געווען דער פּרעליוד פון זיין גרויסער זאַמלונג לידער, וואָס איז דערשינען אין ניינצן־פופצן און וועל־כע איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניינצן זעקס און צוואַנציק אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט. די זעלבע מיל איז ווידער־אַמאָל דער פּרעליוד פון זיין נייסטער זאַמלונג, וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען און ליגט איצט אויף מיין טיש.

נויאָרק האָט ער קיינמאָל ניט באַנומען.

די גרויסע קאַכיקע מעטראָפּאָליע איז צו רוישיק פאַר זיין געמיט.

ער האָט דאָס אפילו יאָ געוואָלט און אַ פּרואוו געטאָן, אָבער:

וילט זיך מיר צונויפגאָרטלען זשוכאָוויץ־בראָדוויי,
ווי אַ פּאָס אַ לעדערנער גאָרטלט רעדער צוויי.
גרעבליעס שוואַרצע שטרעקן זיך בלאָטיקלעך און נאָס.
רויטע פייערלעך ביי דער ערד ציען שוואַרצע גאָס.

עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. בראָדוויי איז צו שטאַרק פאַר זשוכאָוויץ און אַזוי ווי יוסף ראָלניק האָט צו אָט דער ריזיקער, קאָלירדרייכער און וואַנזיניקער בראָדוויי זיינע אויגן און זיין האַרץ נישט צעעפנט, האָט ער זי נישט באַנומען. זי איז פאַר אים געווען נישט מער, ווי נאָך אַ וועג אויף גאָטס באַראָט. און אפשר האָט ער יאָ זיינע אויגן און זיין האַרץ צעעפנט און דאָך נישט קאָנענדיק זי באַנעמען, האָט ער זיך באַוואוסטזיניק אָפּגערוקט פון איר און זיך געלאָזט צו זיין „אינקאָגניטאָ״, וואָס איז דאָס איינזאַמסטע אינדזל אין אונדזער אידישער דיכטונג.

יוסף ראָלניק איז דער נזיר אין דער אידישער דיכטונג, אָבער זיין נזירות איז נישט קיין אינדישע, וואָס דערגייט צו נירוואַנע, נאָר אַ אידישע נזירות, וואָס רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט, מישט זיך נישט מיט דעם אָרום, אָבער האַלט פונדעסטוועגן אַן אויג פון אַ זייט אויף דעם, וואָס קומט פאָר אין דעם אָרום.

און ווער ווייסט?

אפשר וועט ער זיך נאָך באַפרייען פון זיין „אינקאָגניטאָ״ און זיך דערנענטערן צום לעבן, זיך אויסמישן מיט דעם, דאָס באַנעמען און דערמיט אויפסניי באַפרוכפערן זיין ליד.

דאָס לעבן איז דאָך אַזוי גלאַנציק, אַזוי ברויזנדיק, כאָטש עס טראָגט אויף זיך ראַלניקס כאַלאַט און נישט קיין יום־טובדיקן פראַק.

יוסף ראַלניקס הערלעך און פשוט וואָרט וואָלט דאָך מיט אַ נייעם אינהאַלט זיך דערפילט אין זיין פיין און אויפריכטיק ליד וואָלט דאָך באמת אַ נייעם אינהאַלט געקראָגן.

מ. י. חאַימאָוויטש

זיין שרייבען מאַכט אויף מיר שטענדיק דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזען דאָס לעבן דורך אַ פענצטער פון אַ הויכן שטאָק, זיינען דערפאַר די מענטשן פון זיינע נאָוועלן אַזעלכע מיניאַטורנע. עס איז בלויז דער הינטערגרונט, וואָס איז ביי אים אַ ברייטער, ווייל דעם הינטערגרונט קאָן מען זען פון דער הויך דורכן פענצטער פיל ברייטער, אויף גאַנצע מיילן.

משה יונה חאַימאָוויטש מישט זיך זייער ווייניק מיט די מענטשן, וואָס ער מאָלט אין זיינע נאָוועלן, אָבער פיינט האָט ער זיי פונדעסטוועגן נישט. ער איז צו פילאָזאָפיש־קיל, אַז ער זאָל זיי פיינט האָבן.

עס איז בכלל נישטאָ אין זיין שרייבן נישט קיין ליבע און נישט קיין שנאה.

אַזוי אין זיינע נאָוועלן און אַזוי אויך אין זיינע עסייען און פעליעטאָנען.

עס איז אַ קילע פילאָזאָפישע באַטראַכטונג פון מענטשן אונטער אַזעלכע, אָדער אַנדערע סיטואַציעס און לאַגעס, וואָס זיינען אַזוי, ווי זיי זיינען, ווייל אַנדערש האָט בשום אופן נישט געקאָנט געשען.

ליבע מיינט באַגייסטערונג, אָבער דער, וואָס נעמט דאָס לעבן שטענדיק קיל און באַטראַכט, האָט נישט פון וואָס באַ־גייסטערט צו ווערן. שנאה מיינט געוויינלעך אַנטוישונג, אָבער ער דערוואַרט קיינמאָל נישט מער פון מענטשן ווי דאָס, וואָס זיי קאָנען גיבן. אָפטמאָל דאַכט זיך דיר אוים אויף אַ מינוט, אַז ער האָט רחמנות אויף מענטשן, אָבער דו כאַפּסט זיך גלייך, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט, וואָרים רחמנות הייסט מיטגעפיל און מיטגעפיל איז סענטימענטאַליזם, וואָס קומט געוויינלעך פון איבערשוימטע עמאָציעס און דאָס איז בשום אופן נישט אין כאַראַקטער פון משה יונה חאַימאָוויטש.

מיט דער גאַנצער מיסטעריע, וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט, איז דאָס פונדעסטוועגן פאַר אים נישט אינגאַנצן אומקלאָר־און אָפּטמאָל אפילו זייער פשוט.

עס איז עפּעס, ווי ער וואָלט מעשה גוטער ספּאָרטסמאַן אויפגעהויבן די הענט און געזאָגט אויף אַ גאַנץ גוטמוטיקן און געמיטלעכן אופן:

— צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, בין איך טאַקע נישט דערגאַנגען, אָבער אַז עס איז דאָ אַ זון, וואָס בשעת זי וואַרעמט איז זייער אַנגענעם, דאָס ווייס איך.

ער ווייסט, אַז עס איז דאָ אַן אוניווערז אין וועלכן עס שוועבן אַרום אַזויפיל און אַזויפיל פּלאַנעטן. איינער פון זיי איז די ערד אויף וועלכער עס זיינען דאָ מענטשן און אויך ער, משה יונה חאַימאָוויטש. צו וואָס און צו וועם? ווייסט עס דער גוטער יאָר!

געווען אַ צייט, ווען ער האָט געפּרואווט דערגיין דעם סוד פון אָט דעם אַלץ אַרום אים. ער האָט אים געזוכט אין די דיקע ביכער, וואָס זיינען דאָ, אָבער אַנשטאָט צו דערגיין דעם סוד, האָט ער גאָר געפונען אין זיי אַ שלל פון אינטערעסאַנטע פאָרמען און סטילן און אַזוי ווי דאָס געפונענע האָט אים זייער אַ סך געגוס געגעבן, איז פאָרעם און סטיל געוואָרן דער גאַנצער זין פון זיין לעבן.

ב.

אָבער איז דען ווירקלעך דאָ אַזאַ זאַך, ווי הוילע פאָרם אינגאַנצן אָן אינהאַלט? און סטיל? איז טאַקע פאַראַן אַזאַ קונסט־ווערק אויף וועלכן מען זאָל קענען זאָגן, אַז דאָס איז בלויז סטיל און מערער גאָרנישט?

— אומזין! — וועט משה יונה חאַימאָוויטש אַליין אַ זאָג טאָן און זיינע קליינע, אָבער דורכדרינגלעכע אויגן וועלן דערביי טאָן אַ פלאַקער אויף מיט טונקעלע פלעמלעך.

און משה יונה חאַימאָוויטש באַווייזט עס סיי מיט זיין שרייבן און סיי מיט זיין פּערזענלעכן לעבן. אויבנאויף, דאַכט

זיך, דורכאוים נישט מער, ווי פאָרם און סטיל, אָבער קיינמאָל נישט אינגאַנצן אָן אינהאַלט, נישט מער דער אינהאַלט אין אים איז אַליין אַ שטיק פאָרם און אַ באַזונדער מין סטיל.

מוז מען טאַקע ווייזן דאָס אינערלעכע אַזוי, אַז עס זאָל אַרויסטראַטשען דורך דעם אויסערלעכן? קאָן מען דען נישט מאָלן דאָס אויסערלעכע אַזוי, אַז מען זאָל במילא דערפילן דאָס אינערלעכע?

מאָלט טאַקע אַזוי משה יונה חאַימאָוויטש זיינע מענטשן. דורך אַ באַוועגונג פון יענעמס אַ האַנט, דורך אַ זייטיקן בליק פון עמיצנס אַן אויג, דורך אַ קנייטש פון אַ מענטשנס אַ מלבוש רעגיסטרירט ער דאָס אינערלעכע לעבן פון זיינע פערזאָנאַזשן.

אפילו דעם „מאַן פון נצרת", ווען ער האָט דערזען פון אַ פיל העכערן אָרט, ווי דורך זיין פענצטער פון אַ הויכן שטאָק, האָט ער אונדז געוויזן פיל מער דורך זיין בערדל, אויגן און באַוועגונגען, ווי דורך דער פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט גע־פרייזדיקט, ווארים עס איז דאָך נישט געווען די קריסטלעכע פילאָזאָפיע, וואָס משה יונה חאַימאָוויטש האָט אונדז געוואָלט באַלייכטן. אָזעלכע באַלייכטונגען זיינען דאָ אַ סך און יעדע באַלייכטונג איז סיווי וויכטיק בלויז אויף אַזויפיל אויף וויפיל מיר זען דעם באַלייכטער מיטן לאַמטערן אין זיין אויפגעהויבענער און אויסגעשטרעקטער האַנט.

— פאָרם און סטיל! — טענהט שטענדיק משה יונה חאַימאָוויטש אין זיינע פערזענלעכע געשפרעכן וועגן קונסט און הערט דערביי נישט אויף אַטקירן יענע שריפטשטעלער, וועל־כע פאַקן אָן אין זייערע ביכער מיט גאַנצע פעק אינהאַלט, וואָס סטאַרטשעט אַרוים אויף אַ פאַרמלאָזן און סטיללאָזן אופן.

ג.

אין דער משפחה פון די אידישע שריפטשטעלער אין נויאָרק איז משה יונה חאַימאָוויטש דער איינציקער, וואָס טראָגט קיינמאָל נישט אויף זיך די טאָגע פון אַ שריפטשטעלער.

עס איז עפּעס, אַזוי ווי די שריפטשטעלער־טאָגע וואָלט געוועזן אין זײַנע אויגן, ווי אַן אוניפאָרם און אוניפאָרמס זײַנען נישט פאַר אים.

פאָרם יאָ, אָבער נישט קיין אוניפאָרם!

פאָרם איז נאָך אַלעמען עלאַסטיש. בײַט זיך לויט דער שטימונג, לויט דעם מאָמענט, אָבער אוניפאָרם איז שטענדיק דאָס זעלבע. פאָרם גייט האַנט אין האַנט מיט סטיל, אָבער אוניפאָרם איז ביים סאַמע סוף סטיללאָזיקייט, וואָרים, ווי קאָן אַ בייכלדיקער מענטש טראָגן די זעלבע אוניפאָרם, ווי עס טראָגט אַ מענטש מיט אַ שלאַנקער פיגור?

משה יונה האַימאָוויטשעס סטיל טראָגט דוקא נישט קיין אויסטערלישן שניפּס, אָבער דער איינפאַכער שניפּס אַרום זײַן האַלדז איז שטענדיק אויסגעבונדן אַזוי, אַז ער וואַרפט זיך אין די אויגן מיט דער פּערפעקטקייט און נעטקייט.

— משה יונה, איר זעט היינט אויס ווי אַ באַנקיר, — זאָגט אים עמיצער אין שפּאַס.

— נו יאָ, איך האָב היינט אָפּגענומען צען דאָלאַר פאַר אַ דערציילונג, — ענטפערט ער גוטמוטיק.

גוטמוטיקער שפּאַס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר משה יונה האַימאָוויטשן.

אפילו דער נאַטור אַליין שטעלט ער אַרויס אַ צונג, ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיט איר:

— דערקאָנסט מיך, האַ?

בשעת די קאָלעגן פון זײַנע יאָרן קוקן שוין אויס גאַנץ באַיאָרנטע מענטשן, שפּאַנט ער אַרום צווישן זיי מיט אַ פיגור פון אַ יונגן אַטלעט.

אַלע ווייסן, אַז משה יונה האַימאָוויטש פאַרדינט נישט איבעריקס פיל און דאָך איז ער שטענדיק דער שענצט־געקליי־דעטער צווישן אונדז אַלעמען.

וואו נעמט ער דערויף?

ער נעמט אין ערגעץ נישט!

ער פאַרמאָגט אַזאַ כישוף־שפּרוך, וואָס האַלט נישט נאָר אים אַליין שטענדיק יונג, פריש און ניי, נאָר אויך אַלץ, וואָס איז אין נאָענטער באַרירונג מיט אים.

פונקט, ווי ער ווייסט די קונץ פון איבערזאָגן אַן אַלט וואָרט אויף אַ גאַנץ נייעם אופן, אַזוי ווייסט ער אויך די קונסט צו טראָגן אַן אַנצוג עטלעכע יאָר און ער זאָל אויסקוקן אַזוי ניי, ווי ערשט פונעם שניידער אַרויס. די פּאָר מלבושים, וואָס ער פאַרמאָגט, בייט ער אויף זיך טאָג־טעגלעך און האָט שטענדיק גרויס הנאה צו הערן פון אַ קאָלעגע:

— משה יונה, וואו און ווען האָסטו געקויפט אָט דעם פּרעכטיקן אַנצוגל, האַ?

אָט אַזוי איז ער, אונדזער משה יונה חאַימאָוויטש, — דער שטענדיק יונגער און עלעגאַנטער צווישן די קאָלעגן.

ער האָט דעם כוח צו פאַרוואַנדלען איינפאַכע פעדים אין אַ געוועב, וואָס גיט דעם איינדרוק פון זייד.

זיינע אויגן זיינען קליינע, אָבער שאַרף זיינען זיי און דורכדרינגלעך, אַז אָפּטמאָל האָסטו דעם איינדרוק, אַז עס זיינען אָנגעשטעלט אויף דיר צוויי גרויסע קוקערס. אַ האַרט קול ביי אים און שווער ציט עס זיך פון זיין מויל, אָבער זיינע ווערטער פאַלן שטענדיק פון אים מיט יענער גרינגקייט, וואָס דערמאָנען אין גלאַנציקע קאַמאַשן איבער ווייכן טעפּיך.

— העלאָ באָי! — טוט ער אייך אַ באַגריס מיט אַ וואָוויליונגערישקייט ביים באַגעגענען זיך, ווי ער וואָלט געוועזן אַ זאָרגלאָזער לעב־יונג אויף דעם נויאָרקער בראָדוויי און נישט קיין לאַנג־יאָריקער, פּראָדוקטיווער און ערנסטער שריפטשטעלער.

ד.

און אַז ער איז אַ פּראָדוקטיווער שריפטשטעלער, ווייזן בלויז זיינע נאָענטע מענטשן און נישט די ברייטע עפנטלעכקייט.

אונדזער אידיש לעבן אין אַמעריקע איז נישט מסוגל אויפצונעמען די ווערק פון אַלע קינסטלער, וואָס מיר פאַרמאָגן, משה יונה חאַימאָוויטש ווייסט עס און נעמט דאָס אָן מיט

יענער פילאָזאָפישער קלאָרקייט, ווי ער נעמט אויף דאָס לעבן אין זיינע ווערק.

פאַר די פילע יאָרן, וואָס ער איז אין אונדזער ליטעראַטור, זיינען דערשינען בלויז אַ פּאָר פון זיינע ביכער און אויך זיי זיינען געקומען אין דער עפנטלעכקייט, ווי דורך נסים ממש, יואָרים ער אַליין האָט נישט געמאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג, אַז זיי זאָלן דערשיינען.

מיט יאָרן צוריק איז געשען אַזאַ נס.

אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען סקולער האָט געגרינדעט אַ פאַרלאַג מיטן נאָמען „קולטור" און צווישן די פּאָר געדרוקטע ביכער, וואָס אָט דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, איז אויך געווען די פיינע נאָוועלע, דער „מאַן פון נצרת" פון משה יונה חאַימאָוויטש.

— די גרעסטע נאַרישקייט פון אַ מענטשן! — האָט חאַימאָוויטש באַמערקט וועגן פאַרלעגער.

— ווי מיינט איר, ער וועט פאַרקויפן אַ פּאָר ביכלעך, האַ?

אָט אַזוי האָט ער געפרעגט די חברים, וואָס זיינען דעמאָלט געזעסן מיט אים ביי אַ טישל אין קאַפע־הויז און דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס נישט קיין טרויער און נישט קיין בייזקייט האָבן זיך געהערט אין זיין קול. זיין פּנים האָט געהאַט אַ גוטמוטיקן אויסזען און עס איז געווען, אַזוי ווי ער וואָלט געטראַכט ביי זיך:

— נו, וואָס זשע, די וועלט האָט שוין טאַקע ניט מער, וואָס צו טאָן, ווי בלויז צו לייענען ביכער? און אויב יאָ לייענען ביכער, מוזן זיי דווקא זיין מיינע ביכער?

אָט אַזוי אין יענע פריעריקע יאָרן און אָט אַזוי אויך היינט.

אָט זיצט ער מיט מיר ביי אַ טישל און מישנדיק מיטן לעפעלע אין דער גלאָז טיי, רעדט ער איצט מיטן זעלבן אינטערעס וועגן די לאַצן פון זיין פערפעקט אויסגעפּרעסט רעקל, פונקט,

ווי ער האָט פריער גערעדט וועגן דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו קונסט.

ער האָט ליב דאָס לעבן, ווייל ער געפינט אין דעם אַ פיינע קאָלעקציע פון פאַרשיידנפאַרביקע פאָרמען און סטילן און עס איז דאָ פון וואָס געניס צו קריגן. אים איז טייער פראַנקרייך, ווייל זי האָט אים געגעבן פלאַבערן און פראַנסן און וועלכע ער איז ביז היינט צו טאָג נאָך פאַרטיפט פון צייט צו צייט און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אים טייער, ווייל פון דאָרטן גייט אויף פאַר אים דער גאַנץ נייער, פראָלעטאַרישער סטיל, וואָס לענין האָט מיט זיין געניאַלער פערזענלעכקייט אריינגעבראַכט אין לעבן אריין.

פאַר אים צעשמייכלט זיך דער פרימאָרגן צוליב דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט אינדערפרי אַ פיינע דערציילונג פון יוסף אָפּאַטאָשו, פונקט ווי דערפאַר, וואָס פינפטע עוועניו האָט אין די שויפענצטער שיינע שניפסן און ער קאָן זיי באַוואונ־דערן, ווען ער האָט צייט דערפאַר.

ה.

און צייט האָט מער פון אַלעמען ביי אונדז משה יונה חאַימאָוויטש.

אפילו דאַן, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער „וואָכנ־בלאַט", וואָס גייט שוין אַרום אַ לענגערע צייט ביי אונדז אין נויאָרק, האָט ער אויך צייט געהאַט מער פון אַלעמען.

מען זעט אים אָפט שפּאַצירן גלאַט אַזוי זיך, אַ נעטן, אַ פיין געקליידטן, איבער דער צווייטער עוועניו פון נויאָרק. ער האָט צייט צו שטיין און באַוואונדערן אַ שויפענצטער פאַר אַ לענגערער צייט. ער געפינט שטענדיק אַ פּאָר שעה אַוועקצו־געבן צו זען אַן אַטלעטן קאַמף, אויב ער קאָן נאָר קריגן אַן אומזיסטיקן בילעט דורך אַ ספּאָרט־קריטיקער.

מען דאַרף זען מיט וואָס פאַר אַ רואיקייט משה יונה חאַי־מאָוויטש זיצט אין דער דרוקעריי, וואו די „וואָכנבלאַט" ווערט געדרוקט.

אנדערע שריפטשטעלער כאפן זיך אריין אין איילעניש.
מען כאפט א בליק אויף א קאַרעקטור און מען פאַרשווינדט
און ער קוקט אויף זיי שטענדיק מיט אזא רואיקייט:

— וואָס איז די איילעניש, הא?

נאָענטע מענטשן, וואָס וויסן, אז זיינע שופלאָדן זיינען
אָנגעלאָדן מיט א היפשער צאָל מאַנוסקריפּטן, וואונדערן זיך
אַמאָל:

— ווען שרייבט משה יונה חאימאָוויטש?

זעט אויס, אז דאָס, וואָס ער ווארפט זיך אונדז שטענדיק
אין די אויגן איז דערפאַר, ווייל ער איז פון די, וואָס מען קאָן
נישט פאַרבייגיין אומבאַמערקט.

מנחם באָריישאַ

ביז היינט איז מיר נאָך אַלץ שווער זיך צוגעוואוינען צום נאָמען „באָריישאַ", וואָרים פאַר יאָרן און יאָרן, אַז ער איז ביי אונז געווען „מנחם" און נישט „באָריישאַ".

פאַרוואָס האָט ער פּלוצלונג באַשלאָסן צו ענדערן זיין נאָמען? איז דאָס געווען צופעליק? אָדער איז אין דעם גע־לעגן עפּעס אַ כוונה?

איך ווייס נישט. איך האָב וועגן דעם מיט אים קיינמאָל נישט גערעדט, אָבער אַ שטיקל השערה בוי איך אויף דעם, וואָס נישט נאָר האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ נאָמען צו זיך, נאָר ער האָט אפילו דעם נאָמען „מנחם" פאַרקירצט און פון דעם אַמאָליקן מנחמען איז געוואָרען מ. באָריישאַ.

און מיין השערה איז — די גרינטלעכערע איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים פאַר די לעצטע יאָרן.

עס איז אַן איבערקערעניש, וואָס האָט אים געצוואונגען זיך אָפּצוטרייסלען פון אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געטראָגן מיט זיך.

איך זאָג „מיט זיך" און נישט „אין זיך", ווייל פון דעם וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך האָט ער זיך נישט אָפּגע־טרייסלט. ער טראָגט דאָס אויך איצט און טאַקע מיט מער קלאָרקייט. און דאָס איז דער רעזולטאַט פון די אָפּטרייסלונגען, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיך אין די לעצטע יאָרן.

פאַראַנען קינסטלער, וואָס ווערן געבוירן אין אַרבעלעך. זיי זיינען די גליקלעכע. נישט נאָר ווערן זיי געבוירן מיט קריג־לעך אין די הענט, נאָר די קריגלעך זיינען שוין טאַקע ביים סאַמע געבורט אָנגעפילט מיט וויין און פאַראַנען קינסטלער, וואָס ווערן געבוירן אָדער מיט קריגלעך בלויז און זייער מיסיע איז צו זוכן די ריכטיקע קוואַלן פון וואַנען צו שעפּן, אָדער מיט

א לעבעדיקן קוואל און זיך און זייער ארבעט אויף דער וועלט און צו באשאפן די ריכטיקע קריגלעך.

מ. באַריישאַ געהערט צו די לעצטע סאָרט קינסטלער אין אונדזער דיכטונג.

ער איז געקומען צו אונדז מיט אַ סך אַנגעפילטקייט אין זיך, אָבער עס האָט אים גענומען יאָרן צו באשאַפן די ריכטיקע פאָרעם, דורך וועלכער דער אינהאַלט, וואָס איז אין אים, זאָל קריגן דעם ריכטיקן אויסדרוק.

עס איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם גאַנג, וואָס ער האָט דורכגעמאַרשירט ביז איצט, צו זען דעם שווערן געראַנגל, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין זוכעניש פון פאָרמען.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ער האָט ביים אָנהויב זיך באַנוצט מיט דער לירישער פאָרם און עס איז אויך גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ער האָט אין יענער צייט געגלויבט, אַז ער האָט דאָס ריכטיקע קריגל אין וועלכן אַנצופילן זיין וויין און אַזוי ווי זיין אינהאַלט איז, — גאַנץ צו מאַכן דאָס צעפאַלנקייט, דאָס צעדריבלטקייט, האָט דער נאָמען „מנחם" זיך געפּאַסט, וואָרים „מנחם" מיינט אַ טרייסטער, וואָס טרייסט, אַ צינדער פון האָפנונגען אויף ליכטיקע צייטן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער אינהאַלט האָט זיך ביי אים ביז היינט ניט געביטן. ער גייט ביי אים דורך דורך אַלע קינסטלערישע פאָרעם־עקספּערימענטן, וואָס ער האָט ביז איצט געמאַכט, נישט מער, וואָס דורך איינעם זעט ער זיך פיל קלע־רער און פיל לויטערער, ווי דורך אַן אַנדערן.

מען זעט זיין אינהאַלט דורך זיינע לירישע עקספּערימענטן, מען זעט אים דורך זיינע דראַמאַטישע פּאָעמען „דער גלגול", „דער פּאַסטוך דוד". אָבער מען זעט אים פיל לויטערער און קלאָרער דורך זיין עפּישער פּאָעמע „זאַוול רימער" און דורך דער רייע אַנדערע עפּישע פּאָעמען, וואָס ער דרוקט לעצטנס אין פאַרשיידענע אויסגאַבן.

עס קוקט מיר אויס, אַז אָט די עפּישע פאָרעם איז דאָס ריכטיקע קריגל פאַר זיין וויין און אַזוי ווי אין זיין דערגייין צו

אַט דער פאַרעם האָט ער זיך געמוזט אָפּטרייסלען פון אַ גאַנצע רייע בגדים, וואָס ער האָט אויפן וועג אויסגעפּרואווט אויף זיך, האָט ער שוין אין איין וועג זיך אויך אָפּגעטרייסלט פון דעם נאָמען „מנחם", וואָס האָט געמיינט „דער טרייסטער".

פאַר יענע יאָרן, ווען ער האָט געריטן אויף דעם גראַציעזן בלוי־לירישן פערדל, האָט זיך דער נאָמען „מנחם" געפּאַסט, אָבער איצט, ווען ער שטייט מיט דעם שווערן געצייג אין די הענט פון אַן עפּיקער, איז מ. באַריישאַ מער רעפּרעזענטאַטיוו.

ב.

געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען באַהעפט מיט די אידישע קאָמוניסטן אין נויאָרק. ער האָט געדרוקט זיינע זאַכן אין דער „פרייהייט" און איז געלייענט געוואָרן פון צענדליקער טויזנטער פּראָלעטאַריער.

— איר פאַרשטייט ? — פלעגט ער זיך אין יענע יאָרן אַמאָל צו מיר ווענדן און קנייטשנדיק דעם שטערן, פלעגט ער זיך צוריידן :

— דער „איך" איז טאַקע זייער אַ וויכטיקער ענין. אָבער ער מוז זיין באַהעפט מיטן לעבן. מיטן כלל. אַנדערש איז דאָס געשאַפענע ווערק קיין ווערק נישט.

אַט אַזוי פלעגט ער אין יענע יאָרן צו מיר ריידן און לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז ער איז זייער גליקלעך, וואָס ער האָט זיך באַהעפט מיטן כלל, אָבער זיין פּנים האָט דערציילט גאָר עפּעס אַנדערש.

עפּעס אַזאַ אומעט איז דווקא אין יענע יאָרן געווען אויסגעשפּרייט איבער זיין פּנים.

פאַרוואָס ?

איך האָב געפּרואווט אויסטייטשן דעם אומעט, וואָס האָט געווייעט פון אים דערמיט, וואָס אין זיין באַהעפטונג מיטן כלל האָט ער זיך דערפילט געבונדן אין זיין זוכעניש נאָך ייענער פאָרם אין וועלכער ער האָט זיך גענויטיקט. איך האָב געאַנט, אַז פאַר אים איז דער כלל מיט וועלכן ער האָט זיך באַ־

העפּט נישט קײן פּאַרקײטלונג פֿון טויזנטער אײנסן, נאָר אײן גרויסער אײנס, וואָס שלינגט אײַן אַלץ און אַלעמען און צווישן זײ ווערט ער אַלײן אויך פּאַרשלונגען.

אַזוי האָב איך פֿאַר זיך אינטערפּרעטירט דעם אומעט, וואָס האָט געווײעט פֿון אים אין יענע יאָרן און מיר דאַכט זיך אויך איצט אויס, אַז מײַן אינטערפּרעטאַציע איז געווען אַ ריכטיקע, וואָרים ווען אַ דיכטער, וואָס הויבט אָן באַנעמען דעם וועג אויף וועלכן ער דאַרף וואַנדערן זײַנע טריט, קערט זיך אָפּ פֿון אים דערפֿאַר, ווײַל דער מאָמענט פֿאָדערט פֿון אים גאָר אַן אַנדערן, קאָן דער אַנדער וועג נישט זײַן קײן מזל־ברכהדיקער סײַ פֿאַר דעם מאָמענט וועלכן ער האָט ברעה צו דינען און סײַ פֿאַר זײַן אײגן געמיט, וואָס ווערט דורכדעם צעריסן און צעפּיצלט.

זײַן וועג איז דער וועג איבער וועלכן ער האָט געפֿונען זײַן „זאַוול רימער”. אין אָט דעם ווערק האָט דער אינהאַלט אין אים געפֿונען די פֿאָרעם און „זאַוול רימער” איז אין פֿאַר־גלײַך מיט אַלץ, וואָס איז דערשינען פֿון אים אין בוך־פֿאָרם, זײַן פֿײַנסטע און עכטסטע דערגרײכונג. עס איז אַ ווערק פֿון פֿולשטענדיקער שלימות און עס איז פֿון ביז גאָר וויכטיקער באַטײַטונג אין אונדזער דיכטונג. וואָלט ער אין די יאָרן אין וועלכע ער האָט זיך אידענטיפֿיצירט מיטן קאָמוניזם, ווײַטער געגאַנגען אויף אָט דעם וועג, וואָלט ער גאַנץ נײַע און גאָר אַנדערע „זאַוול רימערס” באַגעגנט צווישן די אידישע קאָמוניס־טישע מאַסן און דער עפּיקער אין אים וואָלט זײ אונדז געגעבן מיט דער זעלבער קינסטלערישער דערגרײכונג, וואָס ער האָט דערגרײכט אין זײַן ערשטן „זאַוול רימער”. האָט ער זיך אָבער אין יענע יאָרן, ווי עפּעס פֿאַרלוירן. אָנשטאָט דעם זעער פֿון מענטשן, דער באַנעמער פֿון אידײיענגעראַנגלען מ. באָרײשאָ, וואָס האָט זיך אַזוי פֿײַן אָנגעהויבן צו פֿאָרמירן, איז ווידער צום לעבן געקומען דער זינגער, באַזינגער, דער טרײסטער מנחם, וואָס האָט אָפּערירט מיט פֿאָרמען דורך וועלכע דאָס

עבטע אין אים האָט נישט געקאָנט קומען צום פולסטן אויס־דרוק און דערפאַר דער „ויתרוצצו" אין אים און דערפאַר די מרה שחורה אויף זיין פּנים, כאָטש לויט די רייד, וואָס ער האָט גערעדט פּערזענלעך און לויט די געזאַנגען, וואָס ער האָט געזונגען שריפטלעך, האָט עס געהייסן, אַז אים איז אדרבה ואדרבה.

ג.

אודאי זיינען געווען יאָרן, ווען פון זיין אויסרלעבן אויס־זען האָט געשלאָגן מיט רווישיקער און איבערשוימטער פרייד, כאָטש אין די זעלבע יאָרן איז ער שוין אַרומגעגאַנגען מיטן לאָמטערן אין די הענט און געזוכט דאָס קרינל, וואָס איז אים נויטיק געווען.

דאָס זיינען געווען די יאָרן פון זיין יוגנט און יוגנט האָט אַ טבע צו זינגען אפילו, ווען זי האָט נישט קיין שיך אויף די פיס אָנצוטאָן.

עס דערמאָנט זיך מיר די צייט ווען ער איז אָנגעקומען קיין נויאָרק.

איך זיץ מיר אַזוי אויף איסט בראָדוויי אין קעלער־רעס־טאָראַן און פּלאַפּל מיט אַ חבר. פּלוצלונג דערהער איך הינטער זיך אַן אומבאַקאַנט קול:

— האַלפּערן געפעלט מיר.

איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע צווישן אַ גרופּע באַקאַנטע יונגע שריפטשטעלער אַ יונגנמאַן מיט אַ קיילעכדיק, לאַכנדיק פּנים און פיינע אַש־קאַליריקע האָר.

— ווער איז ער? — ווער איך נייגעריק.

נאָר אָט טוט זיך אַ טראָג אַריין ווי אַ ווינט משה לייב האַלפּערן און טוט אַ זאָג הויך אויפן קול:

— העלאָ, מנחם!

— מנחם?

— נו יאָ, דאָס איז ער דאָך טאַקע.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ פּאָר אָוונטן פריער

האָב איך געזען זיין בילד אין אַן אַלבאָם ביי מיין שוואַרץ־אויגיקער באַקאַנטער.

— ער איז פּרצעס ליבלינג, — האָט זי מיט באַוואונ־דערונג גערעדט וועגן אים.

איך האָב געקוקט אויף פּרצעס בילד, וואָס איז אויך געווען אַריינגעקלעפּט אינעם זעלבן אַלבאָם, און באַמערקט:

— פּרץ קוקט אויס ווי אַ פּוילישער גוטבאַזיצער.

— און מנחם ווי זיינס אַ זינדל, — האָט זי צוגעלייגט און צערטלעך אַ גלעט געטאָן מנחמס פּנים אויפן בילד.

אַביסל שפּעטער האָט זי מיר דערציילט וועגן אַן אָוונט אין דעם וואַרשעווער „הזמיר" אויף וועלכן זי האָט געהערט מנחמען פאַרלייענען זיינע לידער:

— ער האָט אַזעלכע צאַרטע, ווייסע הענט, — האָט זי מיט פאַרליבטקייט אין קול גערעדט און איך, וואָס האָב אין יענער צייט געאַרבעט יעדן טאָג מיט אַ פאַרב־בערשטל, האָב דערפילט אַן אומרואיקייט וועגן מיינע אייגענע הענט.

איך האָב זיך געטרייסט, וואָס דאָס גאַז־פלעמל איבערן טישל איז געווען אַ קליינס און האָט צו מיינע הענט נישט זייער שטאַרק דערגרייכט.

אין אַ וואָך אַרום האָבן די „יונגע" אָפיציעל מקבל פּנים געווען מנחמען.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען געזעסן אַ רייע יונגע שריפט־שטעלער. זיי האָבן אויסגעקוקט לגבי דער האַלטונג פון מנחמען אַזוי אומבאַהאָלפן, אַז דער איינדרוק איז געווען, אַז נישט זיי זיינען דאָ מקבל פּנים אַן ערשט־אַריבערגעקומענעם גאַסט, נאָר אַז דער גאַסט איז אַריבערגעקומען פון יענעם זייט ים כדי צו געבן סמיכה די היגע אומבאַהאָלפענע יונגע פּאָעטן, וואָס זיינען דעם ברייטן עולם כמעט ווי נישט באַקאַנט געווען.

איך בין געזעסן מיט מיין שוואַרץ־אויגיקער באַקאַנטער צווישן דעם עולם און זי האָט מיך אַלע ווײַלע אַ צופּ געטאָן ביים אַרבל און געשמייכלט:

— איז ער נישט וואונדערלעך?

נו יאָ. ער האָט דעמאָלט אויסגעקוקט, ווי אַ יונגער רבי, וועמענס גלאַנציק אַטלאַסענע קאַפּאָטע איז נאָר־וואָס פונעם שניידערס הענט אַרויס:

—שטייט אַ בוים פאַרוואָרצלט . . . קומט אַ שטורעם און ברעכט זיינע צווייגן אָפּ . . . טראָגט זיי אין דער פרעמד איבער ימען אוועק . . . וויינען די אָפּגעריסענע צווייגן אין דער פרעמד . . . זיי בענקען אַהיים . . . צו זייער שטאַם . . .

דער עולם איז פאַרגאַפּט געוואָרן פון אָט די רייד. די ווער־טער, וואָס זיינע פּאַמעלעכדיק אַרויס פון זיין מויל, האָבן גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך פריער אין וואַסערן געטובלט.

— איז ער נישט וואונדערלעך? — האָט מיין שוואַרץ־אויגיקע שכנה נישט אויפגעהערט צו צופּן מיין אַרבל, און איך בין געזעסן און שטיל צו זיך געטראַכט:

— אַ גליקלעכער יונג, אונדזער מנחם.

ד.

און אין יענע יאָרן האָט ער טאַקע געגעבן דעם איינדרוק פון אַ גליקלעכן מענטשן.

עס איז געווען די צייט, ווען דער אינהאַלט אין אים האָט שוין אָנגעהויבן אָנצוטאַפּן די ריכטיקע פאָרם. עס איז געווען נישט לאַנג נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעשריבן זיין גרעסע־רע פּאָעמע „פוילן". אַריינפאַלנדיק קיין נויאָרק, האָט ער דערפילט אין אונדזער אידישן לעבן דעם זעלבן געראַנגל, וואָס איז פאָר־געקומען אין אים אַליין — אַ לעבן, וואָס איז צעשטויבט, צע־דריבלט און בענקט צו דער זעלבער צייט נאָך גאַנצקייט, נאָך פאָרעם.

אין האָטעלן וואוינען זיי,
פרעגט פאַרוואָס? פאַרטייטשן זיי, —
אונדזערס איז די גאַנצע וועלט,
בויט מען אין ערגעץ קיין געצעלט.

שפּעטער איז געקומען זיין בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אַ רינג אין דעם קייט".

נישט גלאַט אַזוי אַ רינג, וואָס קייקלט זיך לשם גלאַט אַזוי קייקלען, נאָר אַ קייט, וואָס דורות האָבן פאַר אים אָנגעהויבן צו שמידן און ער איז בלויז די איצטיקע, וויטערדיקע „רינג" אין איר און ווען ער האָט שפּעטער דערפילט, אַז די „קייט" הענגט אויף משקולת, האָט ער געגעבן דורך זיין בוך „זאַמד" דעם זאַמדיקן באָדן איבער וועלכן מיר האָבן אַלע אין יענע יאָרן געטראָטן.

לויט דער טעמאַטיק, וואָס ער האָט דעמאָלט געברויכט פאַר זיינע לידער, וואָלט געדאַרפט געווען יאָגן אַ שווערקייט פון אים פּערזענלעך און דאָך איז ער צו יענער צייט געווען דער פריילעכסטער יונג צווישן דער גאַנצער חברה יונגוואַרג אין נויאָרק, בשעת אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז אויף אַ וויילע געווען אָפיציעל אידענטיפיצירט מיט דער קאָמוניסטישער מאַסע, זיך געמישט מיט איר און געזונגען פאַר איר מאַרשן, האָט געיאָגט פון אים אַ טיפע מרה־שחורה.

פאַרוואָס?

עס זעט אויס, אַז פאַר דעם קינסטלער איז דער קוואַל פון פרייד קודם כל אין זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען, — מאַכט נישט אויס, וואָס די דערגרייכונג קומט אפילו פון דעם אייגענעם אונטערגאַנג, בשעת געזאַנגען פון פרייד, וואָס ווערן געשריבן, ווייל מען דאַרף אַזוי, ווייל אַזוי פאָדערט די באַוועגונג מיט וועלכער מען האָט זיך אידענטיפיצירט, ברענגען געוויינלעך דעם קינסטלער פּערזענלעך צו דער טיפסטער פּיין און פאַרצווייפלונג.

ה.

עס גייען אויף אין מיין זכרון צוויי מאָמענטן אין וועלכע איך האָב געזען צוויי באַזונדערע מנחמס.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ שמחה אין ה. לייוויקס הויז, עטלעכע טעג נאָך זיין חתונה.

די קליינע צימערלעך ערגעצוואו אין די בראנקס זיינען געווען געפּאַקט מיט אינגערע און עלטערע שריפטשטעלער.

— חברה, אַ געזאַנג, — האָט יהואש מיט אַ ליכטיקן פּנים פון אַ גליקלעכן מחותן זיך געבעטן.

— אוּדאַי, אוּדאַי, — האָט אברהם רייזען מסכים געווען און זיך אַפּילו געלאָזט אין אַ פרייליכן טענצל צווישן די טישן, אָבער צום טאַנצן האָט מען דאָך געדאַרפט אונטערזינגער, און חברה יונגוואַרג איז גאָר געווען פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַטור.

אָבער אָט האָט זיך באַוויזן מנחם און עס איז געוואָרן אַן אמתע שמחה.

— וואָס פאַר אַ דעבאַטן! — האָט ער זיך צעשריען אויף דער חברה און טאַקע גלייך געטאָן אַ זינג אויף איין אידיש ליד נאָכן אַנדערן און איז דערנאָך אַוועק צו אוקראַינישע און אַנ־דערע פאָלקס־לידער.

זיינע שיינע האָר האָבן זיך זאָרגלאָז און יונגטלעך גע־וויקלט צו זיינע פרייליכע אויגן און זיין פּנים איז געווען פול מיט פריידיקער שקאַצוואַטישקייט.

און דאַן גייט אויף אין מיין זכרון אַן אַנדער מאָמענט מיט גאָר אַן אַנדער מנחמען.

עס איז געווען אין די יאָרן, ווען ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע זיינע כוחות צו דינען דער באַוועגונג פונם רעוואָלו־ציאָנערן אַרבעטער־קלאַס און דאָך זיך נישט אָפּזאָגן פון די חברים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף יענעם זייט פּאַרקן.

דער פּריץ־שרייבער פאַראיין האָט געגעבען אַ קבלת פּנים פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָנען און מנחם האָט זיך אויף אָט דעם אָוונט באַוויזן. איך געדענק, אַז איך האָב יענעם אָוונט נישט געקאָנט אָפּרייסן מיינע בליקן פון אים, וואָרים עס איז דעמאָלט געזעסן גאָר אַן אַנדער מנחם.

עס איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז איך האָב דערזען קנייטשעלעך אַרום זיינע אויגן. פון אָט די קנייטשעלעך איז

אויפגעגאַנגען אַ צער, וואָס האָט גערעדט הויך אויפן קול וועגן טיפע איבערלעבונגען אינערלעכע אין אים.

מענטשן האָבן ווערטער געבעטן און גערעדט און ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און עקשנותדיק געדרוקערט זיין ליולקע.

שפּעטער האָט זיך עמיצן פאַרבענקט נאָך אַ חסידישן ניגון און אויגן האָבן זיך אַ ווענדט געטאָן צו אים:

— נו, מנחם?

—עס זינגט זיך מיר נישט! — האָט ער שטרענג געענט־פערט און דעם גאַנצן אָוונט בלויז געצויגן דעם רויך פון זיין ליולקע.

ו.

עס האָט זיך אים נישט געזונגען אין יענע יאָרן, ווען ער האָט זיך באַמיט צו זינגען און באַזינגען די טריט פונעם רע־וואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס און אויב ער האָט יאָ געזונגען, איז דאָס געווען אַ געצוואונגען געזאַנג.

די שולד איז נישט געווען פון דער קאָמוניסטישער באַ־וועגונג. זי האָט אים נישט געצוואונגען צו זינגען דווקא מאַרשן און לירישע געזאַנגען. ער אַליין האָט זיך געצוואונגען. עס איז געווען די צייט אין זיין לעבן, ווען ער האָט זיך געזוכט איבערצוברעכן און עס האָט זיך אים זייער שווער איינגעגעבן. ער, וואָס האָט אַריינגעגעבן אין „זאַוול רימערן" אַלע מעלות טובות, געמאַכט אים פאַר אַ פּאָעט, פאַר אַ פידל־שפּילער, פאַר אַ מענטשן וואָס טראָגט אויף זיינע אַרבעטער פּלייצעס דעם גאַנצן יאָר פון דער צייט, האָט ער דאָך געמוזט הערן פון דעם זעלבן זאַוולען אַזעלכע ווערטער ווי:

די פרייד גייט, ווי אַ ליכטל, אויס,
און גליק פאַרוויאַנעט, ווי אַ רויז,

דאָס זעלבע געשעט מיט זיין וויקטאָר בערגערן פון זיין „גלגול", וואָס בענקט נאָך באַהעפטונג מיטן כלל און ווערט

דאָך צוטראָטן אונטערן קנאפּל פון זיין יוגנט־חבר פּירשט מירסקי־מראָסלאָווסקים שווערער נאַציאָנאַלער ירושה.

איין וויכטיקע זאַך האָט ער דערגרייכט אין די יאָרן, ווען ער האָט זיך געשטעלט פּנים אל פּנים מיט דער מאסע. אויב ער האָט נישט באוויזן זיך מיט איר צו פאַרשמעלצן, האָט ער אָבער זיך אַליין אין יענע יאָרן קלאָרער דערזען.

דער זעער פונם אידייען גערעַנגל אינם מענטשן, וואָס האָט שוין זייט יאָרן געשפּרייט די הענט איבער דעם זינגענדיקן טרייסטער, איז אין יענע יאָרן רייפער געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפּטרייסלעניש פון א סך זאַכן, ווייל דער ווייַן אין אים האָט דאָס ריכטיקע קריגל געפונען.

מ. באָריישאָ האָט באַזיגט מנחמען.

דער ליריקער האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט אינגאַנצן פאַר דעם עפּיקער.

מיר זעען דאָס פון די רייע פראַגמענטן, וואָס מ. באָריישאָ דרוקט פון צייט צו צייט. עס שלאָגט פון זיי מיט לעבעדיקן אידייען־גערעַנגל פון אונדזער צייט, עס הערט זיך פון זיי דאָס קול פון דעם גאַנצן כּלל, כאָטש מ. באָריישאָס הארץ איז אין די מערסטע פאַלן מיט דעם קול פון יענעם טייל אינם כּלל, וואָס לעבט פון ארבעט און קעמפט איבערצובויען אונדזער וועלט.

א. ראַבאָי

א. ראַבאָי, א מיטארבעטער פון דער קאָמוניסטישער „מאָרגן פרייהייט״, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון נויאָרקער פּראָלעטפּען, ער שרייבט אָפּענע בריוו צו מאַני לייבן און צו אַנדערע קאָלעגן זיינע, דערמאָנענדיק זיי אָן דעם גרויסן יום הדין, וואָס דערוואַרט זיי, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט איבערנעמען די הערשאַפט פון דער ערד.

א. ראַבאָי?

סאַראַ טיפע איבערקערעניש עס האָט ווירקלעך געמוזט פאָרקומען אין אָט דעם שטילן, שטענדיק ביים זייט גייענדיקן מענטשן, וואָס האָט אים פּלוצלונג אַוועקגעשטעלט אין די רווישיקע רייען פון די קעמפער.

ווער עס האָט אים געקאָנט אין די פריערדיקע יאָרן, יענעם איז אומגעהויער שווער זיך צוצוגעוואוינען צו דער רויטער טאָגע, אין וועלכער ער האָט זיך באַוואוסטזיניק אָנגעטאָן.

דער נאָמען א. ראַבאָי האָט זיך פאַר לאַנגע יאָרן אַסאָצייִרט מיט דעם ווייסן שטילן בלענד פון פריש געפאַלענעם שניי, מיט גרינס פון אַ זייטיקער סטעזשקע, מיטן ריח פון אַלפאַלפאַ, אָדער פון פריש־אויפגעאַקערטער ערד, אָבער א. ראַבאָי אין דער מיט פונעם ברייטן זאַמדיקן וועג? דערצו נאָך מיט אַ ביקס איבערן שולטער, אָדער אַ שטראָפנדיקע רוט אין דער האַנט?

עס איז אַזוי שווער זיך צוצוגעוואוינען צו אָט דעם נייעם, זיך באַנייטן ראַבאָיען.

און דאָך איז דאָס אַ פאַקט. מיר לייענען זיינע זאַכן זייער אָפט איצט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ און דאָס זיינען נישט מער קיין „איך דערצייל״ וועגן „אַ פאָס פונעם ים״, אָדער וועגן „שטילע טריט״, — עס איז נישט מער קיין שטילער, רואיקער שפּאַצירן גיין ביים זייט, נאָר טריט אין דער מיט פונעם באַלעבטן טראַקט, עס איז נישט מער קיין לייכטער באַריר מיט די זווילן

איבער די קעפּלעך פון גראָז, כדי דעם פרישן ריח מער אַרויס־ברענגען, נאָר עס זיינען געקאָוועטע קנאָפּל, וואָס גראָבן זיך איין און לאָזן צייכנס הינטער זיך.

איז ער איצט מער קינסטלער, ווי פריער? איז ער כאָטש איצט נישט ווינציקער קינסטלעריש, ווי פריער? אָבער נישט וועגן דעם האַנדלט זיך עס איצט.

וויכטיק איז, וואָס א. ראַבאַי דינט זיין אידעאַל אויפריכטיק און ערנסט, שפּאַנט טראָט אין טראָט מיט דעם אַרבעטער קלאַס, גיט אים אָפּ אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט: זיין וואָרט, ווי זיין לעבן.

זיין וואָרט דורך דער „מאָרגן־פרייהייט", דעם „האַמער", דעם „סיגנאַל" און דורך אַנדערע אויסגאַבן פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי, און זיין לעבן — דורך דער יוניע, וואו ער איז טעטיק און דורך דעם פּראָלעטפּען, פון וועלכן ער איז אַקטיוו און איז דאָרט אַ פירנדיקע פיגור.

מיט אַ צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַ פּאַר־טרעטער פון די אומפּאַרטייאישע שריפטשטעלער ביי אַ זיצונג מיט פאָרשטייער פונעם „פּראָלעטפּען" און איך האָב געזען א. ראַ־באַיען ביי דער אַרבעט, — די זעלבע אויסגעבויגענע פּלייצע, די זעלבע לולקע צווישן די פּליישיקע ליפּן, אָבער דער קאָפּ איז ביי אים פאַרריסן אַרויף און די אויגן פלאַמען ביי אים, ווי קיינמאָל נישט פריער.

ב.

צווישן דער גרופּע „יונגע", מיט וועלכער ער האָט מיט יאָרן צוריק אַריינגעשפּאַנט אין אונדזער ליטעראַטור אַריין, איז ער געווען דער אומרעוואָלוציאָנערסטער. לגבי זיינע קאָלעגן פון דער גרופּע האָט ער שטענדיק געגעבן דעם איינדרוק פון יענער באַלעבאַטישקייט, פון וועלכער עס ווייט מיט רו און פרידן. די מערסטע פון זיינע חברים אין יענער צייט זיינען לכל הפּחות געווען שטיקלעך באָהעמער, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ סימן פון רעוואָלוציאָנערישקייט, אָבער נישט א. ראַבאַי.

— מײן הײם . . . מײן פרוי . . . מײן קינד . . . מײן פֿולקע . . . מײן ביסל רויך . . .

ער האָט די ווערטער נישט אַרויסגערעדט, אָבער זײ האָבן זיך געהערט און געפילט פון זײן יעדער באַוועגונג, און וואָס שײך דעם אײגנאַרטיקן און נײעם אופן פון זײן שרײבן איז דאָס געווען אַ נאַטירלעכקײט בײ אים, ווײל אַזוי איז ער געווען און ער האָט אַנדערש גאָר נישט געקאָנט.

איצט, נאָך יאָרן שפּעטער, ווען איך טראַכט וועגן די שוועריקײטן, וואָס די גרופּע „יונגע" האָט געהאַט אַנערקענט צו ווערן און אויפגענומען צו ווערן מצד דער דענסטמאָלדיקער געזעלשאַפטלעכקײט, קומט מיר אויפן זין, אַז די צײט האָט אפשר דורך די יאָרן מער אויסקריסטאַליזירט די בליקן פון די פּאַרטײען אויף ליטעראַטור, שאַרפער אויסגעצויגן די ליניען צווישן אײנער און דער אַנדערער, זיך פולשטענדיק אָפּגעגרעניצט, אָבער אין עצם איז דער דאַמאָלסטיקער בליק געווען כמעט דער זעלבער, ווי הײנט.

מיט דעם אײנציקן אונטערשײד, וואָס די איצטיקע לינקע באַוועגונג ווײזט אַרויס אַ שטאַרקע באַציאונג צו דער ליטעראַטור, בשעת די באַוועגונג אין יענע יאָרן האָט זיך מיט איר פיל ווייניקער אינטערעסירט.

אונדזער לעבן אין אַמעריקע, וואָס איז שטענדיק געווען הויפּטזאַכלעך אַ לעבן פון פּאַרטײען, האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויפנעמען די „יונגע", וועלכע זײנען געקומען מיט דער אַמביציע אַרײנצוברענגען אין אונדזער ליטעראַטור אַרײן זיך אַלײן, — די שאַרף אויסגערונדעטע פּערזענלעכקײטן פון די קינסטלער. — מען האָט געוואָלט אָפּשפּיגלונגען פון דער אײיענער געזעלשאַפטלעכקײט, מען האָט געוואָלט זען די אײגענע בלאָטע און די קינסטלער מיט זײערע אַקסלען בײ די הינטערשטע רעדער צו העלפן דעם וואָגן פון דער בלאָטע אַרויסשלעפּן און זײ, די „יונגע" האָבן, אָנשטאָט דעם, גאָר געמאָלן זײערע אײגענע פּנימער.

אין די דענסטמאַלדיקע טענות, אַז די ווערק פון די „יונ־גע" זיינען אומפאַרשטענדלעך פאַר די לייענער ,איז געווען מער ציינפאַרדרייעריי, ווי אויפריכטיקייט, וואָרים וואָס, וואָס, אָבער פאַרשטענדלעך האָבן די „יונגע" געשריבן. איינע פון זייערע וויכטיקע קרעדאָס איז דוקא געווען די פשטות פון וואָרט און פון בילד, — נישט מער, אָנשטאָט צו מאָלן דאָס לעבן פאָטאָ־גראַפיש, האָבן זיי דאָס געוויזן אינעם ליכט פון זייערע אייגע־נע קינסטלערישע פערזענלעכקייטן און ביי אונדז אין אַמעריקע, וואו קיין פאַרגעגנער, ווי אַ יצחק לייבוש פרץ, האָט מען נישט געהאַט, איז דאָס געווען אומפאַרשטענדלעכקייט, מאָדערניזם, אָדער „דעקאַדענץ", ווי אב. קאַהאַן האָט דאָס באַצייכנט.

די דענסטמאַלדיקע פאַרטיי־פירער, וועלכע זיינען שוין אויך אין יענע יאָרן געווען די פוסקים איבער ליטעראַטור האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אויפנעמען דעם „איכיזם" פון די „יונגע", אָבער מען האָט עפּעס קיין מוט נישט געהאַט אָנצואווייזן מיט די פינגער אויף דעם הויפּט־דאָרן, וואָס האָט זיי געשטאָכן, — פאַרוואָס? ווייל קיין אידעאָלאָגיע האָט מען נישט געהאַט, מען האָט אַליין קיין קלאָרע השגה נישט געהאַט, וואָס מען האָט גע־וואָלט פון דער ליטעראַטור, האָט מען דערפאַר זיך אַליין פאַר־רעדט די ציין און געוואָרפן מיט באַשולדיקונגען אויף די „יונ־גע", וואָס האָבן פשוט קיין זין נישט געהאַט.

האָט עפּעס אַ זין געהאַט צו זאָגן, אַז א. ראַבאָי האָט געשריבן אומפאַרשטענדלעך?

צווישן זיינע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין נײַנצן צוואַנציק, געפינט זיך אַ בוך קורצע נאָוועלן, וואָס רופט זיך: „איך דערצייל", איז אָט דער נאָמען כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר אים אַליין פון יענער צייט און סיי פאַר דער גאַנצער גרופּע „יונגע". עס איז געווען נישט דער „וואָס" און „פון וואָס" מען האָט דערציילט, נאָר דער עיקרשט דער ווי אַזוי „איך" דער־צייל. עס איז געווען נישט אַזוי דער באַגאַזש, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, נאָר דער אופן, ווי אַזוי „איך" פּאַק

דעם באַגאַזש פאַנאַנדער. מיט אײן וואָרט, עס איז געווען, אָדער געזאָלט זײַן, קונסט, די ריינע קונסט און נישט עפּעס אַנדערש. און אַזוי ווי קונסט לשם קונסט איז אין תוך געווען פרעמד אויך צו די פּאַרטיי־פירער פון יענער צייט, האָט מען די „יונגע" נישט אויפגענומען. דער אײנציקער אונטערשייד פון יענע ביז די הײנטיקע איז נאָר אין דעם, וואָס בשעת די ערשטע האָבן פשוט נישט געוואוסט ווער עס האָט זיי געשליידערט, האָבן די לעצטע אַ באַוואוסטזיניקע אידעאָלאָגיע, וואָס זאָגט אין קלאָרע דיבורים, אַז די קונסט איז בלויז ווערטפול, ווען זי דינט דעם אַרבעטער קלאַס און אויף וויפיל זי איז קונסט לשם קונסט, באַדאַרף מען זי אויף אַ שײנע און ריינע כפרה.

אָבער זײַנען א. ראַבאָיס ווערק פון יענער צייט געווען בלויז קונסט לשם קונסט?

מישט מען אויף די ביכער זײַנע, וואָס זײַנען דערשינען אין יענע יאָרן, שלאָגט מען זיך אָן אויף אַ גאַנץ היפּשן באַגאַזש אויך, אָבער די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון א ראַבאָיען איז פונדעסטוועגן נישט געווען אַזוי דער „וואָס" ער האָט געבראַכט, נאָר דער „ווי אַזוי" ער האָט דאָס אויסגעלייגט פאַרן אויג.

מיט אײן וואָרט, עס איז בײַ אים געווען דער עיקרשט: „איך דערצייל" און זײַן „איך" איז געווען אַזאַ רואיקער, אַזאַ בײַם זייט גייענדיקער און אַזאַ צופרידענער מיט דעם האָב און גוטס, וואָס ער האָט געבראַכט.

ג.

עס איז זיכער גוט פאַר א. ראַבאָיען, וואָס ער האָט זיך סוף כל סוף אידענטיפיצירט מיט דעם קאָמוניזם. פאַר אים, דעם עכטן מענטשן און געזונטן קינסטלער, איז קאָמוניזם אַ גרויס געווינס. דער קאָמוניזם האָט זײַן עכטער קינסטלעריש־קייט צוגעגעבן אַ גרויסן פּלוס און דאָס איז אַ וועלט־באַנעם, וואָס ער האָט פריער נישט געהאַט.

דער נייער וועלט־באַנעם פירט א. ראַבאָיען ביסלעכווייז אַרויס פון דער זייטיקייט און שטעלט אים אַוועק אין מיטן טראַקט פון אונדזער לעבן.

א. ראַבאָיען האָט אפשר גאָרנישט געדאַרפט זיין אַזוי שווער זיך צו אידענטיפיצירן מיטן קאָמוניזם, וואָרים קיין צו גרויסן איבערברוך האָט ער אין זיך נישט געדאַרפט מאַכן. צו זיין ווייב, צו זיין זון, צו זיין לולקע און צו זיין ביסל רויך האָט ער באַדאַרפט צושטעלן בלויז זיין קלאַס און ער איז גע־וואָרן אַ נאַטירלעכער מיטגליד אין דער פּאַרטיי. אַן אַרבעטער אין אַ שאַפּ איז ער דאָך אייגענטלעך אויך געווען אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם „איך דער־צייל" פיל מער, ווי אויף דעם פון וואָס ער האָט דערציילט. נישט מער, וואָס בשעת אין יענע יאָרן איז דער שאַפּ געווען פאַר אים בלויז דאָס פּלאַץ, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער איצט, אין זיין אידענטיפיצירן זיך מיטן קאָמוניזם, אויך געמוזט ווענדן זיינע אויגן אויפן שאַפּ, כדי אויך ער זאָל ווערן דער־פאַרונג אויף אָפּצושפּיגלען זיך אין זיינע ווייטערדיקע קינסט־לערישע אַרבעטן.

נו, האָט ער דאָס געטאָן. געטאָן, נישט פילנדיק אין זיך קיין געוואַלדיקן איבערברוך. זיין לעבן איז איצט פולער דער־מיט, וואָס די פרייע שעה'ן, וועלכע ער פלעגט אַמאָליקע יאָרן אָפּגעבן דעם קאַפע־טישל מיט חברים קינסטלער, גיט ער זיי לעצטנס אָפּ צו די מיטינגען פון זיין יוניע, אָדער צו די זי־צונגען פונעם פּראָלעטפּען ,און, וואָס שייך זיין שרייבן, איז וויפיל איז טאַקע געווען דער שיר צו ציען זיידענע פעדעמלעך פון דער ווייטער ווענטט און פון דעם ביסל היימישקייט, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, כדי אויסצוניען זיינע פיינע, אָפּט־מאָל ביז גאָר פּרעכטיקע אוצרעלעך אין אונדזער ליטעראַטור?

לצים דערציילן, אַז א. ראַבאָי האָט זיך לעצטנס אויסגע־דריקט, אַז זינט ער איז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַדאַרף ער ווינטער נישט קיין וואַרימע בגדים, וואָרים עס איז אים וואַרעם געננוג.

אַט אַזוי דערציילן זיי, די לצים, און פאַרשטייען גאָרנישט, אַז אין זייער לצנות גיבן זיי איבער עפּעס אַזוינס וועגן א. ראַבאָיס נייע לאַגע, וואָס ליגט זיך זייער גוט אויפן שכל. וואָרים מיט דעם גאַנצן קרעפּטיקן און זייער קערנדיקן טאַלאַנט, וואָס ער פאַרמאָגט, איז ער אַ סך יאָרן פון זיין לעבן געווען צו זייטיק; — געשפּאַנט איבער זייטיקע סטעזשקעלעך און אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן געמאָלן פאַר אונדז שפּילעוודיקע און שטימונגספולע אוזאָרן אויף פלושענע טעפּיכער, וועלכע זיינען געווען אַנגענעם פאַרן אויג, ליב פאַרן געמיט, אָבער עס האָט געפעלט אין זיי דער שלאָגנדיקער פּולס פון לעבעדיקן לעבן, וואָס זאָל באמת דערוואַרימען.

איצט איז עפּעס אַנדערש. אַדאַפּטירנדיק אויך דעם קלאַס זיינעם צו די מיטגלידער פון זיין משפּחה, האָט ער געמוזט צוליב אים פאַרלאָזן די זייטיקע סטעזשקעלעך, איבער וועלכע ער האָט ביז איצט געשפּאַנט און אַרויפשפּאַנען מיט אים צוזאַמען אויף דעם ברייטן טראַקט. אמת, דער ברייטער טראַקט איז פון גאָר אַן אַנדער שטאָף, — מען קאָן פון אים נישט ציען קיין זיידענע פעדעמלעך אויף אויסצונייען אוזאָרעלעך איבער פלושענע טעפּיכער ,אָבער עס שלאָגט איבער אים מיט לעבעדיקן לעבן און אַט דאָס לעבעדיק לעבן הויבט זיך שוין איצט אָן צו פילן אין די זאַכן, וואָס ער דריקט לעצטנס אין דער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פרייהייט” און אים איז וואַרעם פון זיי.

ד.

א. ראַבאָיען איז פריער אויך קיינמאָל צו קאַלט ניט געווען. עס גייען אויף אין זכרון די אַלע יאָרן זייט איך קאָן אים און עפּעס דערמאָנט זיך נישט א. ראַבאָיען מיט אַ זויערן פּנים.

אין יענע צייטן, ווען די „יונגע” האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די „אַלטע”, איז ער געווען דער שטילער גוטמוטיקער מיטגייער צווישן די קעמפנדיקע חברים.

— אַ גוטער חבר, — האָט מען שטענדיק געזאָגט אויף אים און ער אַליין האָט פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט געטראָגן זיין גוטסקייט ווי אַ קנעפּל אויפן היטל. נישט מיט קיין וואָרט און נישט מיט זיין האַלטונג האָט ער ווען ס'איז נישט געגעבן דעם איינדרוק, אַז עס קומט אים עפּעס אַרויס פון דער וועלט, וואָס ער קריגט נישט. אדרבא, אין זיין גאַנצער האַלטונג איז שטענדיק געווען עפּעס אַ מין דאַנקבאַרקייט צום מזל, וואָס עס האָט אים באַשאַפן פונקט אַזוי, ווי ער איז געווען. מיט קיין ווערטער האָט ער דאָס נישט אויסגעדריקט, אָבער דערפאַר האָט דער רויך איבער זיין לולקע שטענדיק דערציילט וועגן דעם. עס איז נישט געווען קיין יאַגנדיקער רויך, וואָס לאָזט וויסן, אַז דער, וואָס לאָזט אים פון זיך אַרויס איז בשעת מעשה צעקריגט מיט דער וועלט, אָדער מיט זיך אַליין, נאָר אַזאַ לייכט־געמיטלעך רויכל, וואָס בשעת דעם אויפגיין צעשלענגעלט עס זיך אַזוי שפּילעוודיק און דערציילט בשעת מעשה אַזוי אגב־אורחא'דיק, אַז דאָס אָרט פון וואַנען עס קומט, איז איינגעוויגט אין רו און אין פרידן.

א. ראַבאָים פיינע דערציילונגען און ראָמאַנען האָבן שטענדיק באַצירט די אויסגאַבן פון די „יונגע" און יעדעס מאָל, ווען אַזאַ אויסגאַבע פלעגט דערזען די ליכטיקע וועלט, פלעגט מען אים זען מיט אַ צעשטראַלטן פנים, ווי ביי אַ יונגן טאַטן, וואָס האָט שוין באַוויזן צו פייערן אַ שמחה ביי זיינעם אַ קינד.

קיין צו אָפטער גאַסט אינעם ליטעראַרישן קאַפעהויז איז ער אפילו אין יענע יאָרן אויך נישט געווען.

ער האָט פשוט קיין צייט נישט געהאַט צו זיצן שעה'ן אין די קאַפע־הייזער, ווי די מערסטע פון זיינע קאָלעגן האָבן געטאָן.

אין שטוב איז שוין צו יענער צייט געווען אַ פרוי און אַ קינד, צו וועלכע ער איז געווען זייער איבערגעגעבן און מען האָט פאַר זייערטוועגן געדאַרפט גיין אין שאַפּ אַריין פאַרדינען, און צייט פאַר שרייבן האָט ער אויך געדאַרפט האָבן, איז ער

דערפאר געווען א זעלטענער גאסט צווישן זיינע נאָענטסטע חברים און זיין דערשיינונג שטענדיק געווען ביי אַלעמען א שטיקל יום־טוב.

— ראבאַי איז דאָ!

— אָט זיצט ער!

איך, וואָס בין דעמאָלט געווען צווישן די ערשט נאָרוואָס געקומענע, צווישן די אָנהויבער, פלעג קוקן אויף אים פון א זייט טישל און איך געדענק, ווי איך פלעג זיך שטענדיק וואונדערן אויף דער ענערגיע, וואָס ער פאַרמאָגט:

— ווען שרייבט ער זיינע פּרעכטיקע נאָוועלן?

אָט אַזוי פלעג איך זיך פרעגן און מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט די אָוונטיקע שעה'ן ביי אים אין הויז.

זיין פרוי, א שטיל און באַשיידן מענטש, וועלכע איז אַזוי שפּאַרעוודיק מיטן וואָרט, ווי ער אַליין, באַשעפּטיקט זיך מיטן בן־יחיד און ראבאַי, מיט זיין לולקע אין מויל, זיצט ביים שרייב־טיש. דער רויך גייט אויף א דינער, א שלענגלדיקער, איבער דעם לאָמפּ, וואָס שטייט אויף זיין שרייב־טיש און די מוטער נעמט איין דעם קינד מיט א פינגער איבער איר מויל:

— ששש . . . דער טאַטע שרייבט! . . .

דורך די טעג אין שאַפּ, געבויגן איבער דער מאַשין, און אין די אָוונטן — איבער דעם שרייב־טיש.

נישט אומזיסט איז שוין אין יענע יאָרן זיין רוקן געווען אַן אויסגעבויגענער.

דאָס פּנים איז ביי אים יונג אויך איצט און דער רוקן איז נאָך אין יענע יאָרן געווען ביי אים, ווי בייא זקן.

דאָס באַווייזן זיך אַמאָל אין קאַפע־הויז צווישן זיינע חברים איז געווען ביי אים אַליין א יום־טוב, וואָרים שטענדיק איז ער געקומען אַן אויסגעוואַשענער, א פרישׁ געראַזירטער און אין א פרישן אָנצוג אָנגעטאָן. ביים עפענען די טיר פלעגט זיך פאַר אַלץ באַווייזן זיין לולקע, וואָס ער לאָזט זעלטן ווען אַרויס פון צווישן זיינע ליפּן און הינטער איר ערשט, זיין לענג־

לעך ברוין פנים מיט די צוויי גרויסע שווארצע שיינענדיקע אויגן:

— העלא, ראבאי, — פלעגט מען אים מיט ליבשאפט באגריסן פון אלע טישלעך און ער איז געשטאנען אין דער מיט פון רעסטאראן, א שמייכלענדיקער און א לענגערע צייט נישט געקאנט אפמאכן ביי זיך ביי וועלכן פון די טישלעך זיך צו זעצן, ווארים וועדליק ער האט געפילט צו די חברים, וואלט ער א בעלן געווען זיצן ביי אלע טישלעך.

ה.

ווי פילט זיך איצט א. ראבאי אין קרייז פון דעם נויארקער פראלעטפען, פון וואנען עס גייט אויף אזא קעגנערשאפט צו די מערסטע פון זיינע אמאליקע חברים?

שווער צו זאגן.

מיט די פריערדיקע חברים האט ער איבערגעריסן און ער קומט זיך מיט זיך זעלטן צוזאמען. פאר די פאר יאר, זייט ער איז קאמוניסט געווארן, האב איך אים געזען בלויז א פאר געציילטע מאל און בלויז ביי דער לויה פון משה ליב האלפערן האט זיך אויף א וויל אויסגעדאכט, אז דאס איז דער זעלבער א. ראבאי.

גערעדט ביים ארון האט ער אפילו נישט, אבער זיינע אויגן זיינען דענסטמאל געווען טרערנדיקע, ווי ביי אלע קאלעגן.

קיין צו גרויסער בעל־דברן איז ער קיינמאל נישט געווען, אבער דערפאר איז ער שטענדיק געווען אן אויסגעצייכנטער צוהערער צו יענעם.

איך געדענק, אז איך פלעג ליב האבן צו קוקן אויף אים, ווען ער איז געזעסן אין א געזעלשאפט. נישט נאר זיינע אויערן האבן געהערט, נאר אויך זיינע אויגן, זיינע באקן און אפילו זיין לולקע אין מויל.

יא, אויך זיין לולקע אין מויל פלעגט הערן, וואס מען רעדט, ווארים לויט די שנירלעך רויך, וואס פלעגן זיך שנירלען פון איר, האט מען געקאנט דערקאנען, ווי אזוי א. ראבאי האט

רעאַגירט אויף די רייד, וואָס מען האָט גערעדט.

בלויז אין זעלטענע פֿאַלן האָב איך געזען ראַבאָיען אַרויס־נעמען די לולקע פֿון מויל און אָנהויבן ריידן אויפֿן קול, און ווען ער פֿלעגט דאָס טאָן, איז דאָס געווען אַ געשעניש:

— שאַט, זאָל זײַן שטיל, ראַבאָי רעדט!

וועגן וואָס פֿלעגט ער ריידן אין יענער צײַט?

זייער זעלטן וועגן דעם, וואָס די אַרומיקע האָבן גערעדט און אָפּטמאָל האָט דאָס געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער האָט דערבײַ געהאַט אַ באַהאַלטענע כוונה, וואָס ער קומט פּלוצלונג אַרויס מיט עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום ענין.

מען איז צום בײַשפּיל געזעסן און גערעדט וועגן עפּעס אַ נײַע ריכטונג אין דער פּאָעזיע און ראַבאָי האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין אַמאָל אין אַ זומערדיקן לבנה־אָוונט געפֿאָרן אויף אַ ברוינער שקאַפּע לעבן אַלפֿאַלפֿאַ פֿעלד און יעדעס מאָל, ווען איך האָב געצויגן דאָס צוימל אויף רעכטס, האָט זי דווקא געצויגן דעם קאָפּ אויף לינקס.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער אין אַן ענלעכן מאָמענט דער־ציילט פּלוצלונג וועגן אַ קו:

— די רויטע קעלביקע קו מיטן ווײַסן לאַטקעלע אויפֿן שטערן איז געשטאַנען און געקוקט אין דער שנייאיקער ווײַט־קייט, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט נאָר אירע אויגן האָבן געקוקט, נאָר אויך דאָס ווײַסע לאַטקעלע האָט געקוקט אויף דער שנייאיקער ווײַטקייט.

לעצטנס שרײַבט ער אַנדערש און רעדט אויך אַנדערש.

אויף דער זיצונג מיטן פּראָלעטפּען וועגן דעם פּאַראײַניקטן פֿראָנט, אויף וועלכן איך בין געווען, איז א. ראַבאָי געווען דער פּאָרזיצער און דאָרטן איז זײַן ריידן געווען אַזוי אַנדערש, ווי עס איז איצט אַנדערש זײַן שרײַבן.

עס איז נישט מער בלויז דער דופֿט פֿון פֿריש צעאַקערטע ערד, נאָר עס איז דאָס עקשנות פֿון דער ערד גופֿא.

ב. לאַפּין

שטענדיק מאַכט ער אויף מיר דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן אין מיטן ראַנגלען מיט עפּעס אַ שטערונג, וואָס שטייט אים אין וועג. שטענדיק איז זיין פּנים אנגעשטרענגט, אַזש די פאַרב שטייט אים אין די באַקן. קיין זאַך אויף וואָס זיינע אויגן פאַלן, איז נישט קיין פּשוטע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אין יעדער זאַך זעט ער סודות און אַזעלכע סודות, וואָס זאָגן קיינמאָל קיין גוטס נישט אָן.

איך שטעל זיך פאָר, אַז אין זיינע פריע קינדער יאָרן האָט מען אים אַ סך מאָל איבערגעשראָקן, און אָט די שרעק גייט אים נאָך איבער אַלע זיינע וועגן און דערפאַר זיינען זיינע אויגן אין אַ שטענדיקער עקסקורסיע, — אַן אומרואיקע, פּחד־פולע עקסקורסיע —

דיין געהער ווערט גיריק, שאַרף,
פיינלעך אויסגעשפּרייט די אויגן,

אַ מענטש מיט אַ גיריקן און שאַרפן געהער, פאַרהערט זייער אָפט די רעאַלע קולות אַרום זיך, ווייל זיינע אויערן האַלטן כסדר אין איין אויפנעמען קולות נישט קיין דאַאיקע, און אַזאַ מענטש נעמט זעלטן אויף דאָס רעאַל, פּשוט, טאָג־טעגלעך לעבן אַרום זיך, נאָר די מיסטעריע הינטער דעם נעמט ער אויף.

אָט ליגט פאַר מיר זיין בוך „ציינכנס" און שוין אַ פּאָר וואָכן, אַז איך בלעטער דאָס כמעט יעדן טאָג און יעדן אָוונט און יעדעס מאָל, ווען איך ריר זיך צו דערצו, ווער איך אריינגעפּלאָנטערט אין ב. לאַפּינס געראַנגל.

אָן ווערטער — בלויז קלאַנגען.
די קלאַנגען — שטיל־שטילע,
אין האַרץ, אַ געראַנגל,
ס׳וועט זיגן דער ווילן.

ווען מען ראַנגלט זיך מיט רעאַלע שטערונגען, באַנוצט מען

קעגן זיי רעאַלן, פיזישן כח, אָדער אין ערגסטן פאַל, שרייט מען אויף קולי־קולות און מען באַנוצט דערביי פול בלוטיקע ווער־טער, אָבער ווען די שטערונגען זיינען מיסטעריעזע און זיי גרייפן דיך אָן הינטן אַרום, אָדער פון די פאַרשידענע טונקעלע ווינקלען אַרום דיר, ווערן די ווערטער פאַרשטיקט אין דיין האַלדז און עס קומען אַרויס בלויז קלאַנגען.

ב.

פאַראַנען ווערק, וואָס זיינען זעלבסטשטענדיק און גענוגנ־דיק זיי, פאַלט אונדז גאָרנישט איין צו טראַכטן וועגן זייערע באַשעפער, וואָרים מיר נעמען זיי אויף, ווי מיר נעמען אויף די נאַטור, דאָס לעבן. און עס זיינען פאַראַנען ווערק, וואָס ווירקן אויף אונדז, ווי אויסשטראַלונגען פון עמיצן, וואָס שטייט הינ־טער זיי און אָט דער עמיצער אינטריגירט אונדז, מאַניעט אונדז און מיר ווילן אים אַליין זען און באַנעמען.

די לידער פון ב. לאַפּין געהערן צו דעם לעצטן מין.

זיי זיינען נישט קיין זעלבסטשטענדיקע ווערק און זיי קאָ־נען נישט פירן קיין אָפּגעזונדערט לעבן פאַר זיך אַליין. זיי זיינען, ווי שפּיגעלעך אין וועלכע ב. לאַפּין אַליין האַלט זיך כסדר אין איין אָפּשפּיגלען.

אָט דעם איינדרוק האָב איך געקראָגן ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט זיינס אַ ליד און דעם זעלבן איינדרוק האָב איך ביז היינט.

מיין חבר האָט צוויי שפּיגלען
אין צימער זיינע שטיין.
אין איינעם בין איך טייוול,
אין צווייטן בין איך ריין.

זיין חבר האָט צוויי שפּיגלען, אָבער ב. לאַפּין האָט אַ סך און דאָס זיינען זיינע לידער, דורך וועלכע מיר זען אים אַליין.

און ווי זעט ער אויס?

ער גיט דעם איינדרוק, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַן אױ־בערזעצונג פון עפּעס ווייטס און פרעמדס און נישט דאָאיקס.

זי האָט אין זיך שיינקייט אָט די איבערזעצונג. אָבער עס איז א שיינקייט, וואָס פאַראינטערעסירט דיך פיל מער, ווי זי דער־ווארימט דיך.

זיין פנים איז אַן איבערזעצונג פון אַ מאָנגאָל אויף אַ אידן, זיין פיגור איז אַן איבערזעצונג פון אַ בית־מדרשניק אויף אַ וועלט־לעבן מענטשן און זיין טאָג־טעגלעך לעבן איז אַן איבערזעצונג פון אַ פּאָעט, וואָס איז פארשטעלט פאר אַ סוחר.

ג.

אין זכרון גייט אויף דער איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס ערשטע ליד, וואָס איך האָב געלייענט פון ב. לאַפּין. „דאָס הייליקע וועלדל" האָט דאָס ליד געהייסען און אי־בערגעלייענט האָב איך דאָס אין איין צייט, ווען איך האָב גע־לייענט דוד איינהאָרנס „דער לעצטער בעל־תפלה" און איך גע־דענק, אַז בשעת די פיגור פונע לעצטן בעל־תפלה אין שול האָט איינגאַנצן פארטונקלט דעם אינטערעס פארן אויסזען פון דעם מחבר, האָט די שטימונג, וואָס האָט געוויעט פונעם „הייליקן וועלדל" געוועקט אַן אינטערעס צו וויסן, ווער און וואָס דער מחבר איז.

פאַרוואָס איז דאָס אזוי געווען?

אין יענער צייט בין איך אַלט געווען זיבעצן יאָר און דער־צו געלעבט אין טריסק, האָב איך די פראַגע נישט געקענט פאר־ענטפערן. איצט דאַכט זיך מיר איז דאָס פאר מיר קלאָר. אין איינהאָרנס ליד איז פאראַנען אַ פיגור — די פיגור פונעם בעל־תפלה, וועלכע איז גענומען געוואָרן פון אונדזער אייגענעם לעבן. האָט דערפאַר די פיגור אַליין צוגעשמידט מיין גאַנצן אינטערעס צו זיך. בשעת אין לאַפּינס ליד איז געווען נישט מער, ווי שטי־מונג פון עפּעס אַ נישטדאַאיק וועלדל און דער נייגער איז דער־פאַר געוואַקסן צום מענטשן פון יענעם וועלדל.

נישט דאַאיקייט איז אויפגעשריבן איבער דעם פּאָעט און דעם מענטשן ב. לאַפּין.

אין זײנע לידער איז כמעט, ווי גאָרנישט קײן סביבהדיקײט פאַראַן און במילא האָבן זײ אין זיך גאָרנישט קײן הײמישקײט. גיט ער אונדז א ליד װעגן בלומען, הײסט ער אונדז צומאַכן די אויגן, כדי די בלומען צו דערזען. גיט ער אונדז אַ ליד װעגן װינטער, איז דאָס נישט דער װינטער, װעלכן מיר זען און פילן אַרום זיך, נאָר ער גיט אונדז אַ װינטער, װי ער האָט זיך אים געחלומט. אפילו אין זײנע לידער װעגן טשילי, גיט ער אונדז איבער ניכער די דערפאַרונגען פון זײן אײגן נשמה־צאַפּלעניש אויף דער דאָרטיקער ערד, אײדער ער גיט אונדז באמת עפּעס פון טשילי אַלײן.

ד.

— קומט אַביסל שפּאַצירן, — האָט ב. לאַפּין אַ טבע זיך צו װענדן צו אַ חבר, מיט װעלכן ער באַגעגנט זיך.

און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, װאָרים דאָס פּלאַץ אין װעלכן ער געפינט זיך זעט ער נישט און אים דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז ערגעץ אַנדערש װעט ער יאָ עפּעס דערזען, און אפילו, װען ער זיצט שוין יאָ מיט אײך, גײט ער סיװוי שפּאַצירן ערגעץ אַנדערשװאו.

ס׳איז אין גאַס איצט װאָס געשען, —
כ׳קאָן נישט זען.

זעט ער נישט, װאָס אין זײן גאַס טוט זיך און מישט זיך דערפאַר מיט איר נישט אויס און װײל ער מישט זיך נישט מיט איר, איז ער דערפאַר אַ זײטיקער.

װי איך, אַזוי מײנע לידער, —
מיר ברענגען קײן שליחות מיט זיך:
איך האָב נישט געצונדן די מרידה,
בלויז צוגעהאַלטן דאָס ליכט.

איז אַזאַ ליכט אין עמיצנס אַ האַנט אין די הײנטיקע טעג אונדזערע נישט גענוג דעם װעג אונדז צו װײזן. דאָס ליכט האָט בלויז גענוג שײן אין זיך דאָס פּנים פונעם טרעגער אונדז צו באַװײזן און דאָס פּנים איז אַ װײטס, אַ פרעמדס און נישט

דאָאיקס. עס איז נישט פון אונדזער לעבן און נישט פון קיין לעבן ערגעץ אַנדערש, אויף אונדזער ערד, נאָר אַ לופטיקס איז דאָס, — פון הוילער לופט איז דאָס פאָרמירט געוואָרן. די לופט איז פריש פון צייט צו צייט, עס ווילט זיך אָטעמען, אָבער אין דער הוילער לופט איז אויך אומהיימלעך צוליב דער מיס־טעריע, וואָס וואוינט דאָרטן, — די מיסטעריע, וואָס רופט אַרויס פרעג־צייכנס און קיין באַשייד אויף זיי איז נישט צו געפינען.

— קומט אַביסל שפּאַצירן, — האָט ב. לאַפּין אַ טבע צו בעטן ביי אַ חבר מיט וועלכן ער באַגעגנט זיך און ווען מען טוט אים צוליב, שפּאַצירט מען אַוועק מיט אים אין דער הוילער לופט אַריין.

ה.

עס דערמאָנט זיך מיר, אַז ביי דער ערשטער באַקאַנט־שאַפט מיט יאָרן צוריק האָט ער מיר גע'עצה'ט צו אַרבעטן אויף איבערזעצונגען

— וואָס עפּעס פּלוצים איבערזעצונגען? — האָב איך זיך געוואונדערט און דערביי זיך געפילט אַביסל באַליידיקט אויך, וואָרים אין זיין עצה, האָב איך אַריינגעטייטשט אַן אינ־סינואַציע, אַז מיט איבערזעצונגען וואָלט איך אויפגעטאָן פאַר אונדזער דיכטונג פיל מער, ווי מיט מיינע אייגענע לידער.

ב. לאַפּין, וועלכער האָט מיך דעמסטמאָל מיטגענומען אויף זיינעם אַ שפּאַציר, האָט מיר געפּרואווט קלאָר מאַכן וואָס ער האָט געמיינט. ער איז געגאַנגען לעבן מיר מיט זיינע אויגן אַרונטער און גערעדט:

— איבערזעצונגען האָבן אַ מעלה, וואָס זיי נעמען אייך אַוועק פון זיך און טראָגן אייך אַוועק ערגעץ אַנדערש־וואו.

— ערגעץ אַנדערש־וואו?

איך געדענק, אַז איך האָב זיך געפרעגט אָט די פראַגע און נישט געקאָנט באַנעמען פאַרוואָס מען מוז דווקא אַנטלויפן ערגעץ אַנדערש־וואו.

איצט פאַרשטייט איך דאָס בעסער. ב. לאַפּין האָט דענטסמאָל נישט גערעדט צו מיר, נאָר צו זיך אַליין.

ער ווערמענס שויב עס איז פאַרדעקט מיט א דיקן שטויב פאַר דעם לעבן אַרום זיך, האָט זיך שטענדיק געזוכט צו ראַטעווען ערגעץ אַנדערש־וואו און דערפאַר האָט ער טאַקע אַזוי פיל איבערזעצט פון אַנדערע דיכטער.

ו.

און נישט נאָר דורך איבערזעצונגען האָט ער זיך געפּרוווט ראַטעווען ערגעץ אַנדערש, נאָר אויך דורך זיינע לידער, וואָס זיינען איצט צונויפגעזאַמעלט אין א היפּשן בוך, וואָס ער באַטיטלט מיטן נאָמען „צייכנס".

עס זיינען צייכנס נישט פון אונדזער צייט און נישט פון אונדזער לעבן, נאָר עס זיינען צייכנס פון רוים, וואו צייט און לעבן זיינע אַבסטראַקטע באַגריפן.

ווייעט מיט אַזא פרעמדקייט פון אים און, ווי יעדע פרעמדקייט איז שווער, אַזוי איז ב. לאַפּין אַליין אויך א שווערער. מיט אומצייליקע טאָגען געוויכט נידערט פון אים אַרונטער אויף אייך, כאָטש אויפן אויסזען איז ער א דינער און א לייכטער. דאָס קול ביי אים איז אויך א דינס, נאָר רעדט עס צו אייך א וואָרט איז דאָס אַזוי שווער, ווי דער שטיין, וואָס אונדזער פאָטער יעקב האָט אַרונטערגעקאַטשעט פונם ברונים אין חרן, כדי רחל זאָל קאָנען וואַסער שעפּן. אַז דער שטיין איז אַרונטערגעקאַטשעט איז דאָס וואַסער פריש און געשמאַק, אָבער גאָט מיינער, וואו נעמט מען יעקב אבינום כוח דעם שטיין אַלע מאָל אַרונטערצוקאַטשען.

רייד צו מיר אידיש, דעם אויפריכטיק פּראָסטן,
רייד מיט דער שפּראַך פונם פּלאַפּלענדיק קינד,—
ס'ליגט אַזאַ כיין דאַך אין נאָענט פאַרלאָזטן,—
ס'ציטערטלט און וואַרעמט, זאָגט צו און פאַרבינד.

אָט אַזוי בעט ער זיך ביי זיינעם א נאָענטן, אַן אייגענעם און דער נאָענטער און דער אייגענער איז טאַקע ער אַליין און

ער בעט עס טאקע ביי זיך אליין, אָבער זיין געבעט איז דער־הערט בלויז אויף א העלפט, וואָרים כאָטש אידיש רעדט ער מיט זיך, — אויפריכטיק און פּראָסט אידיש, אָבער קיין צערט־לעכקייט און קיין ווארעמקייט איז נישטאָ אזוי פיל, ווי ער וואָלט געוואָלט.

ז.

פרעמד און ווייט, נישט אייגן און נישט דאָאיק, אָבער אין דעם אלץ איז דאָ א כוח, וואָס האָלט דיך געשפּאַנט.

שטייסט און קוקסט. באַוואונדערסט און נעמסט אויף און כדי דאָס אויפגענומענע נישט צו פארלירן פארצייכנסטו עס מיט א בלייפעדער אין דעם נאָטיץ־ביכל, וואָרים עס זיינען נישט קיין צייכנס אויף דער ערד געשניטענע, וואָס וועלן שטענדיק שטיין פאר דיינע אויגן, נאָר צייכנס פון רויך־אותיות געשריבן אין דער לופט און, ווי יעדער זאך, וואָס איז אין רוים מוז סוף־כל־סוף זייער גיך פארווישט ווערן און פאר־שווינדן, איז דאָ א געפאר אז אויך אָט די צייכנס זאָלן פאר־ווישט ווערן און פארשווינדן ווערן.

ב. לאַפּין האָט דאָס אליין געפילט. זיין וועלט, וואָס איז אין רוים האָט מיט דינע רויך־אותיות אין דער לופט צייכנס געמאַכט און כדי אָט די צייכנס זאָלן נישט פארווישט ווערן, האָט ער זיי אין לידער איבערגעדיכטעט און דערמיט זיי געראַ־טעוועט פון זיין ערגעצוואו פאר אונדזערט וועגן, וואָס לעבן אויף דער ערד.

כיגיי ארום א פרעמדער, פארלוירענער

אין דעם ווירבלווינט פון ווערטער...

אָט אזוי קלאָגט ער זיך ב. לאַפּין. אָבער זיין פרעמדקייט און זיין פארלוירנקייט זיינען דורך דעם ווירבלווינט פון זיינע ווערטער דאָך פאר אונדז אייגן געוואָרן, — זיי זיינען איצט אין זיינע לידער, וואָס זיינען צייכנס פונם רוים געבראַכט צו אונדז אויף דער ערד, און ווי אזעלכע וועלן זיי שוין בלייבן מיט אונדז און זינגען צו אונדז פון דעם פּאָעט און מענטש ב. לאַפּין.

דוד איגנאַטאָוו

ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאַנאַרך, וואָס האָט מיטן אייגענעם ווילן אָפּגעדאַנקט פונעם טראָן און וועמען עס פאַרדריסט פונדעסטוועגן הלמאַי זיינע געוועזענע אונטערטאַנען האָבן צוגעלאָזט ער זאָל טאָן אַזאַ זאַך.

פון צייט צו צייט טויכט אויף איבער זיין בלייך, ביינערדיק פּנים אַ באַפעלערישקייט, אָבער ער כאַפּט זיך באַלד, אַז די אַרומיקע זיינען מער נישט קיין אונטערטאַנען און אַז ער איז איצט בלויז איינער צווישן אַנדערע און דענסטמאָל טוט זיך דאָס באַפעלערישקייט אַ וויש אַרונטער און זיין פּנים נעמט אָן אַ שטאָלצע רעזיגנאַציע.

מיט דעם רוב מנין פון אידישע שריפטשטעלער חברט ער זיך נישט. ער קומט נישט אין די פלעצער, וואָס זיי באַזוכן און אפילו צו אַ מיטינג פון „פּען־קלוב", וואו ער איז אַ מיטגליד, קומט ער בלויז אין זעלטענע פאַלן.

עס איז עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון אַלעמען און זיך באַזעצט אין אַ נאָענטן, שכנהשן אינדזל. אַ טעלעסקאָפּ האָט ער פונדעסטוועגן מיטגענומען אַהין און פון צייט צו צייט שטעלט ער אים אָן אויף זיין געוועזענער מדינה.

קיין שנאה צ זיין געוועזענער מדינה טראָגט ער נישט אין האַרצן.

אדרבה.

ער וואָלט געוואָלט זען ביי איר אַ סך „גאָלד און זילבער און בריליאַנטן". נישט איינמאָל האָט ער אָט די אַלע שיינע זאַכן גע־פּראוווט אונטערטראָגן צו אירע איינוואוינער מיט זיינע אייגענע מלכותדיקע הענט, אָבער זייערע הענט האָבן זיך בעסער געשטרעקט צו פּשוט אייזן, ווי צו גאָלד, צו בליי מיט מער אַפּעטיט, ווי צו זילבער און אַז פאַר זיי איז פיל ליבער איינפאַכע גלעזלעך, ווי אמתע בריליאַנטן, איז וואָס זשע?

— זאָל זיי וואויל באַקומען!

אמת, אין דער מדינה דרייען זיך נאָך איצט ארום א צאָל קרובים־למלכות, וואָס ווילן בשום אופן נישט אויסטאָן די אַלטע מלכותדיקע מונדירן. פון צייט צו צייט זעען זיי זיך מיטן אָפּגעדאַנקטן מאָנאַרך אויפן „אינדזל" און דעמאָלט טרעפט זיך, אַז מען לאָזט אַמאָל הערן דאָס אַלט קול אויף א געמיינ־שאַפטלעכן אופן. איז דאָס קול אַ שיינס, אַן איידלס און עס גיסט זיך מיט לירישער צאַרטקייט, אָבער עס איז פאַרט נישט מער, ווי אינדזלדיק און עס איז נישט ביכולת איבערצושרייען די קולות איבער די טומלדיקע וועגן פון דער מדינה.

בלייבן זיך די קרובים־למלכותניקעס אין זייערע פנימער, שאָקלען מיט די קעפּ אויפן חשבון פונם יונגטנלעכן טומעל איבער די געמאַרקן און דענסטמאָל טוען זיי זיך גאַר אַ נעם אויפצובויען בריקלעך פון גאָלדענע שטיקלעך פּאַפּיר צום נעכטן, אייערנעכטן און צום אינדזל, וואו דער מלך זיצט אַן אָפּגעזונדערטער און שפינט אין דער איינזאַמקייט בלויע שטראַליקע לייטערס צו די הויכן, אויף וועלכע מען זאָגט, אַז אין זיי געפינט זיך דאָס פאַר־באָרגן ליכט צו וועלכן מיר אַלע בענקען אַזוי, נאָר מען קאָן דאָס נישט דערגרייכן.

ב.

אָרימע אידישע ליטעראַטור!

זי האָט געהאַט אַלע שאַנסן זיך אָנצופילן מיט לבנה־שיינ־קייט און זי האָט דעם שאַנס דורכגעלאָזן.

דער שאַנס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען די „יונגע" מיט דוד איגנאַטאָוון בראש האָבן געקעניגט אין דער אידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע.

די שיינע, דיקע זאַמלביכער, וואָס דוד איגנאַטאָוו האָט צו־נויפגעשטעלט, זיינען געווען די פעלדער איבער וועלכע די „אינ־געלעך מיט די בלינדע אויגעלעך" האָבן זיך געיאָגט נאָך דער שיינקייט פון דער לבנה.

און אין אַ ביסל לבנה־שײַן האָט אונדזער ליטעראַטור זיך טאַקע דענסטמאָל געניוויטיקט.

שוין אין אַביסל צו גרויען כּאַלאַטל איז זי ביי אונדז אין אַמעריקע אַרומגעגאַנגען איידער די „יונגע" האָבן זיך באַוויזן. אמת, די טרעגער פון די גרויע כּאַלאַטלעך האָבן געהאַט זעענדיקע אויגן, בשעת די „יונגע" זיינען געווען נישט מער, ווי בלויז בלינדע אינגעלעך, אָבער אָט די בלינדע אינגעלעך האָבן פיינע, זיידענע מלבושימלעך געטראָגן און אין זייערע מיילער האָבן זיי געהאַט אַלערליי זילבערנע און גאָלדענע טרומפּייטעלעך, וואָס האָבן אַזוי שיין און אַזוי מעלאָדיש געטרומפּייטערט.

דוד איגנאַטאָוו אַליין, וואָס איז דער קאַפּיטאַן געווען פון דער שיף אויף וועלכער עס זיינען צו אונדז אָנגעקומען די „יונגע", האָט אפילו יאָ דערזען דעם „גבור אין קייטן" און גלייך אַרויסגעשיקט אין דער קאָכעניש פונעם „קעסל־גרוב" אַריין דעם שאָטן זיינעם אינעם געשטאַלט פון ברוך'ן אים צו העלפן. אָבער ער האָט זיך זייער גיך פאַרגעסן אָן אים, ווייל אים האָט פיל מערער געצויגן צוזאַמען מיט אינגעלעך צו זוכן די לבנה.

שפּאַנענדיק מיט זיי צוזאַמען איבער די פעלדער האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין זיין שיינער „פּיבין" און אָן אַנדערע געשטאַלטן, אָבער איבער די זעלבע פעלדער זיינען שלאַנגען געווען און ער האָט ליב געהאַט די קאָליריקע וואונדערלעכע העמדלעך אויף די שלאַנגען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיי אַ סך בעסער געזען, ווי ער האָט געזען „פּיבין". איבער די מענטשן, וואָס ער האָט אויפן וועג צו דער לבנה באַגעגנט האָט ער פייערלעך געזען און ער האָט ליב געהאַט די פייערלעך אַ סך מער, ווי די מענטשן און ער האָט זיי געזען אַ סך בעסער, ווי ער האָט געזען די מענטשן.

די פייערלעך איבער די קעפּ פון די מענטשן זיינען פאַר אים געווען און זיינען נאָך ביז איצט ביי אים דער אָפּשיין פון

דער לבנה, וואָס ער זוכט נאָך ביז איצט אַרום, דער אָפּשיין פון דעם „פאַרבאָרגענעם ליכט” נאָך וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געצויגן און ציט זיך ביז היינט.

איז דערפאַר דוד איגנאַטאָוו ביי אונדז נישט דער מאָלער פון לעבעדיקע מענטשן, נאָר דער אָנוואַרפער פון שאָטנס, וואָס טאַנצן נאָך זיין אייגענעם קער און ריר אויפן וועג צו דער לבנה.

אָרימע אידישע ליטעראַטור!

זי האָט געהאַט אַלע שאַנסן צו ווערן דורכאויס אַ לבנהדיקע, ווען זי וואָלט געווען געפאָלגט דוד איגנאַטאָוון און נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע פוס־טריט, אַזוי ווי עס זיינען זיי נאָכגעגאַנגען און גייען ביז איצט זיי נאָך אַ טייל פון די אַמאָליקע „יונגע”, אָבער אונדזער ליטעראַטור האָט דאָס נישט געוואָלט און איז טאַקע גערעכט געווען אויך, וואָרים לבנה־שיין איז טאַקע גוט און וואויל, ווען זי איז אַ צושפּיל צום לעבעדיקן לעבן, אָבער שיינקייט אָן לעבן? — צו וואָס טויג זי?

ג.

עס גייט אויף פאַר מיינע אויגן דוד איגנאַטאָוו פון יענע יאָרן, ווען ער איז געווען דער אַרויסגעבער, צוזאַמענשטעלער און רעדאַקטאָר פון די זאַמלביכער „שריפטן”.

אַן אַטלעטיש געבויטער יונג, וואָס כאָטש בטבע פלינק און רירעוודיק, איז אָבער יעדע באַוועגונג זיינע געמאָסטן און געוואויגן, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די פּאָזיציע אין וועלכער ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן. אַ פולער קאָפּ מיט טונקעלע האָר, ענערגישער שטערן, טונקעלע אָנגעצונדענע אויגן, ווי ברענענדיקע ליכט־וואָרפערס און אַ פּנים אַ בלייכס, אָבער אַ ביי נערדיקס, וואָס שלאָגט מיט אַזאַ באַפעלערישער עקשנות, אַז אָפטמאָל גיט עס דיר דעם איינדרוק פון טעמפּטקייט.

קיינמאָל האָט מען אים נישט באַגעגנט שפּאַצירן אַליין, אָדער זיצן אַליין ביי אַ טישל אין קאַפע־הויז, ווי מען האָט

באַגעגנט אַנדערע קאָלעגן. שטענדיק איז ער געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַ סוויטע פּאַר וועלכער ער האָט אויסגעלייגט פּלענער און געפּאָדערט זיי דורכצופירן.

און קיין וואונדער איז דאָס פּאַר קיינעם נישט געווען. ווארים מען האָט געוואוסט, אַז דוד איגנאַטאָוו איז נישט גע־קומען אין אונדזער ליטעראַטור אַריין בלויז, ווי אַ קינסטלער, נאָר אויך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיך גענומען דורכ־צופירן אַ זייער וויכטיקע מיסיע.

די מיסיע איז געווען אָפּצואווישן אַלץ און אַלעמען, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פריער אויף אידיש אין אַמעריקע און אָנ־הויבן אויפסניי.

עס איז טשיקאַווע, אַז דער ווידערשטאַנד, וואָס איז גע־קומען מצד די פריערדיקע שריפטשטעלער איז דוקא נישט געווען אַזאַ שטאַרקער.

אויסער אַן אַטאַקעלע פון צייט צו צייט, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט אַרויסגעלאָזט, האָבן די איבעריקע סאַמע וויכ־טיקסטע שריפטשטעלער די „יונגע" נישט באַקעמפט. עפּעס קאָן זיך מיר נישט דערמאָנען, אַז אַזעלכע וויכטיקע דיכטער פונעם עלטערן דור, ווי א. לעסין, אָדער יהואָש זאָלן ווען סע נישט איז האָבן אַטאַקירט די „יונגע". אדרבה, א. לעסין האָט געדרוקט אַ היפּשע צאָל „יונגע" אין דער „צוקונפט" און יהואָש האָט ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעשטרעקט די הענט. דאָס אייגענע האָט געטאָן דוד פּינסקי. די זידלערייען זיינען געקומען מערסטן פון מיטלמעסיקייטן מיט וועלכע עס האָט זיך נישט געלוינט מלחמה צו האַלטן, אָבער דוד איגנאַטאָוו האָט זיך געפילט, ווי אַ יונג־געקרוינטער מלך, וועמעס האַרץ עס רייסט זיך אין מלחמה אַריין, האָט ער דערפאַר געזען אין יעדן על־טערן שרייבער אַ פעסטונג, וואָס דאַרף אַטאַקירט ווערן.

איצט, ווען מען קוקט אויף צוריק, זעט מען, אַז דאָס פעלד איז גאָרנישט געווען אַזוי גרוי און פאַרלאָזן, ווי דוד איגנאַטאָוו האָט עס דענסטמאָל געזען פאַר זיך.

עס האָבן געלעבט און געווירקט אַ היפּשע צאָל גרויסע און אמתע אידישע קינסטלער איידער די „יונגע" האָבן זיך באַוויזן. אָבער די נײַ־געקומענע האָבן געשפּילט די בלינדע אײַנגעלעך, וואָס האָבן נישט געוואָלט זען. דאָס אײנציקע, וואָס זיי האָבן געזען, איז אַ גרוי פאַרלאָזן פעלד, וואָס דאַרף צעאַקערט און פאַרזעעצט ווערן מיט די זאָמען פון שיינקייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע יונגע אָדערן.

און מען קאָן נישט לייקענען, אַז דער פרישער פּאַרזיי איז נישט צונויץ געקומען.

דאָס פעלד איז געדיכטער און קאָלירטער געוואָרן, — עס האָבן זיך באַוויזן אַ היפּשע צאָל נײַע בליטן.

ד.

מען דאַרף אָבער נישט צורעכענען אַלע נײַע בליטן אויפן חשבון פון דוד איגנאַטאָוון.

אַ סך זיינען זיי צעוואַקסן אָן זיין הילף און אָפּטמאָל לגמרי קעגן זיין ווילן, וואָרים די מיסיע, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט איז נישט געוואָרן די מיסיע פון אַלעמען, וואָס האָבן זיך ביים אָנהויב אַרומגערינגלט אַרום זיינע זאַמלביכער. די מלחמה, וואָס האָט זיך ביים אָנהויב אָנגעהויבן קעגן די „אַלטע" איז זייער גיך איבערגעטראָגן געוואָרן אין די אייגענע רייען.

עס האָט רעוואָלטירט יוסף אָפּאַטאָשו און אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם זאַמלבוך: „די נײַע היים". עס זיינען אָנגעקומען אַ גאָר נײַע פלעיאַדע פון דיכטער און דערציילער אויף וועלכע די פילאָזאָפיע פון די „יונגע" האָט זייער אַ קליינעם איינפלוס געהאַט און עס איז געווען ביז גאָר מאָדנע צו זען, ווי די „יונגע" האָבן זייער גיך אָנגעהויבן אויסצוקוקן פאַרעלטערט לגבי די אינגערע פון זיי און אויך לגבי אַ היפּשער צאָל פון די קאָלעגן, וואָס זיינען ביים אָנהויב געשטאַנען מיט זיי.

עס איז פאָרגעקומען אַ שאַרפע דיפערענצירונג און די גרו־פּע „יונגע" איז געבליבן מיט עטלעכע, קוים גענוג אויף צו בענטשן אַ מזומן.

דוד איגנאַטאָוו פּנים האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן. אַנשטאָט די פריערדיקע זיכערקייט אויף דעם, האָט זיך פּלוצ־לונג אָנגעהויבן מערקן אַ שטילע, עקשנותדיקע פאַרביסנקייט. אָבער טיף אין בלוט האָט ער זיך נישט געענדערט, וואָרים ער איז פון די מענטשן, וואָס האָבן אַ געוואַלדיקן דרך ארץ פאַר דעם וואָרט, וואָס זיי האָבן אַמאָל מיט יאָרן צוריק אַרויסגע־לאָזט פון מויל. קיין ניי וואָרט, וואָס זאָל פאַרבייטן דאָס גע־זאָגטע פון אַמאָל ווערט ביי זיי נישט געבוירן, ציטערן זיי איבער דעם אַמאָליקן און האָבן מורא זיך מיט דעם צו שיידן.

אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור פון אַמע־ריקע וועלן דוד איגנאַטאָווס זאַמלביכער „שריפטן" באַצייכנט ווערן, ווי די טריבונע פון דער קונסט לשם קונסט ריכטונג. איז אפשר אָט די ריכטונג נויטיק געווען אויף אַ ווייל, אָבער דוד איגנאַטאָוו האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעוויקלט אין דער טאָגע פון שיינקייט צוליב שיינקייט וועגן, אַז מער, ווי זיך אַליין און די עטלעכע, וואָס גייען אין זיינע פוס־טריט, זעט ער נישט.

אין זיין געיעג נאָכן „פאַרבאָרגענעם ליכט", וואָס געפינט זיך מסתמא אויף יענער זייט פון אונדזער ערד, האָט ער פאַר־זען און פאַרזעט ביז היינט דאָס לעבדיקע לעבן אויף אונדזער ערד, וואָס שטראַלט פון זיך מיט ליכט, וואָס איז שוין גאָרנישט אַזוי פאַרבאָרגן.

און אַז מען זעט נישט קיין לעבעדיק לעבן, זעט מען נישט קיין מענטשן, זעט מען נישט יענע קינסטלער, וואָס באַשאַפן לעבעדיקע מענטשן, פילט מען זיך איינזאַם, פילט מען זיך, ווי אַן אָפּגעדאַנקטער מאָנאַרך, אָפּגעזונדערט אויף אַן איזאָ־לירט אינדזל.

ה.

יעדעס מאָל, ווען מיר קומט אויפן זין אַ באַדייטנדיקער נאָוועליסט, דערזע איך פאַר די אויגן אָן אַ שיעור מענטשן, וואָס זיינען געקומען צום לעבן דורך זיינע ווערק, אָבער ווען איך טראַכט פון דוד איגנאַטאָוון, זע איך בלויז אים אַליין.

האָט ער דאָך אַזויפיל מענטשן אַרויסגעפירט פאַר אונדז אין זיין „קעסל־גרוב", אין זיין „פיבי" און ספּעציעל אין זיין טריאָלאָגיע „אויף וויטע וועגן", אָבער זיי קומען מיר פאָר נישט מער, ווי שאָטנס פון זייער באַשאַפער און זייערע קולות זיינען שטענדיק ווידער־קולות פון דוד איגנאַטאָווס קול.

ער מאַנעווורירט מיט די פיגורן פון זיינע נאָוועלן, ווי ער האָט מאַנעווורירט אַמאָליקע יאָרן מיט די מיטאַרבעטער פון זיינע זאַמלביכער. זיי פירן נישט קיין זעלבסטשטענדיק לעבן און דערפאַר שלאָגט פון זיי מיט ווינציק לעבן. דאָס באַמת שיי־נע, וואָס בלייבט איבערלייענענדיק איגנאַטאָווס אַ נאָוועלע, זיי־נען די זייטיקע, צופעליקע בלעטלעך, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות נישט מיט די מענטשן אין בוך און אפילו נישט מיט דער פאַבולע.

אַזעלכע בלעטלעך געפינט מען אין אַ היפּשער מאָס אין דוד איגנאַטאָווס נאָוועלן. אין זיי איז פאַראַן די אָפּשפּיגלונג פון דער שיינקייט נאָך וועלכער ער יאָגט זיך אַרום, אָבער די שיינ־קייט איז אַ לבנהדיקע און לבנה האָט אַ טבע נישט צו באַ־לייכטן אַזוי פיל, ווי צו באַשיינען.

און שיין איז נישט קיין ליכט.

ליכט באַלייכט און דעקט אויף און שיין באַשיינט און פאַרדעקט.

אין יענע יאָרן, ווען אונדזער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אַרומגעגאַנגען אינעם גרויען כאַאָס, האָט מען זי טאָקע אפשר אביסל באַדאַרפט באַשיינען און צודעקן.

איצט איז זי שוין נישט מער נאַקעט ביי אונדז.

אדרבה.

זי טראָגט שוין אפילו אַביסל צופיל מלבושים אויף זיך.

איצט באַדאַרף מען זי שוין נישט מער באַשײַנען און צודעקן, נאָר עס איז שוין נויטיק זי צו באַלײַכטן, כדי אויפ־צודעקן דאָס ווילד־גראָז, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין איר אונטער פאַרשײדענע שילדן און פירמעס.

איצט איז אונדז שוין אפילו די זון צו ווייניק און דוד איגנאַטאָוו האָט נישט מער, ווי בלויז דעם זילבער־שײַן פון דער לבנה.

ו.

איז דערפאַר נישט קיין חידוש, וואָס ער פילט זיך איצט בײַ אונדז, ווי אַן אָפּגעדאַנקטער מאָנאַרך.

אַן אָפּגעדאַנקטער מלך איז געוויינלעך שוין נישט מער קיין פלינקער, רירעוודיקער יונגערמאַנטשיק, — פּאַסט דער־פאַר די מיטליעריקייט פון זײַן איצטיקן אויסזען זייער שטאַרק צו דער פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט.

זײַן פּנים שלאָגט נאָך איצט אויך מיט עקשנות. אָבער עס איז נישט מער די עקשנות פון אַ האַנט בײַם רודער, נאָר די אײַנגעשפּאַרטקייט פון אַ האַנט נישט אויפצושליסן די טיר, וואָס איז פאַרשלאָסן הינטער זיך.

אַז איך טרעף אים אַמאָל צופעליק אָן ערגעצוואו אויף אַ גאַס, אָדער אין אַ זײַטיקן רעסטאָראַן, גיט ער מיר דעם אײַנד־רוק, ווי ער וואָלט זיך אַליין אַ געבונדענעם געטראָגן אויף די פּלייצעס כדי ער זאָל חלילה נישט אַרונטער פון דעם וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט בײַם סאַמע אָנהויב.

ב. ריווקין

אַ ווינט אין כסדרדיקן אומרו איז ב. ריווקין אין אונדזער לעבן.

ער טראָגט זיך אַרום אַן אימפּעטיקער, זוכט און נישטערט און אַז ער געפינט עפּעס, וואָס דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס איז גוט, טוט ער דאָס אַ הויב אויף, אָבער מיט דעם זעלבן אימפּעט, ווי ער האָט דאָס פריער אויפגעהויבן, טוט ער דאָס פּלוצלונג אַ לאָז איבער און יאָגט זיך אַוועק אויף ווייטערע און נייערע וועגן.

וואָס־זשע אַזוינס זוכט ב. ריווקין אין זיין אימפּעטיקן געיעג?

ער זוכט דעם נייעם גייסט, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אויס־געוועפּטן ביי אונדז. ער זוכט נייע שטיקער מאַטעריע, וואָס זאָלן צוגעפּאַסט זיין אויף לאַטעס פאַר אונדזערע צעלעכערטע בגדים. ער איז ביי אונדז, ווי יענער דימענט־ליבהאָבער, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט אויפצוזוכן דעם סאַ־מע גרעסטן, דעם סאַמע כישופדיקסטן דימענט. ער האָט אים נאָך ביז איצט נישט געפונען, אָבער איבער זיינע וועגן האָט ער פונ־דעסטוועגן באַוויזן אויפצוקלייבן אַ צאָל קלענערע, וואָס זיינען אַן און פאַר זיך זייער ווערטפול. עס מאַכט נישט אויס, וואָס אַ צאָל פון זיי האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר גלעזלעך און נישט מער, — אין יעדער איינזאַמלונג איז פאַראַן פּסולת און מען דאַרף זיך אויף אַזוינס ריכטן. אָבער נישט וועגן פּסולת רעדט זיך דאָ, נאָר וועגן דיווירקלעכע ווערטן, וואָס דער אומרואיקער און ווינטיקער ב. ריווקין האָט אין זיין געיעג אויפגעקליבן און זיי געטאָן אַ וואָרף אַריין אין אונדזער לעבן.

ב.

משיחיזם, ספּיריטואַליזם, צערעמאָניאַליזם, אַלאַמעריקאַניזם — דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר געציילטע קינדער, וואָס ב. ריוו־קינס אומרואיקער, זוכנדיקער גייסט האָט פאַר אונדזערטוועגן

געבוירן אין זיין געיעג נאָך דעם, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט נישט באַוויזן צו דערגרייכן.

זיי געבוירן און זיי גלייך איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט, אַז יענע זאָלן זיי אויסניאַנטשען, ווארים ער אַליין האָט פאַר זייערטוועגן קיין צייט נישט געהאַט, — דער רוף ערגעץ אַנדערש האָט אים שוין געטראָגן אין זיין ווינטיקן אומרו.

דאָס געראָטנסטע קינד זיינס איז זיין משיח־אידייע. אויף איר האָבן זיך גלייך, ווי ב. ריווקין האָט זי געבוירן, געפונען אַ היפּשע צאָל בעלנים. עס איז אמת, אַז נישט נאָר האָט מען זי געטריי אויסגעניאַנטשעט, נאָר מען האָט אין איר אַריינגענאָסן היפּשע שטיקער פון זיך אַליין און מען האָט די אייגענע איכן דורך איר געפורעמט, אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז דעם ערשטן רוף פאַר אָט דער אידייע האָט גערופן ב. ריווקין. ווינציקער פון זיין משיחיזם, האָט וואָרצלען געשלאָגן ביי אונדז זיין ספּיריטואַליזם. אָבער זיין ספּיריטואַליזם צו וועלכן ער האָט אין אונדזער ליטעראַטור אַ שותף אין דעם דיכטער א. אלמי, האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף אַ צאָל פון אונדזערע שאַפנדיקע כוחות. מיט זיין צערעמאָניאַליזם האָט ער געגעבן דעם שליסל צו אונדזערע פּעדאַגאָגן זיך צו פאַר־טראַכטן וועגן אַ נייעם ריטואַל אין אונדזער מאָדערנעם לעבן, וועלכער זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם אַלטן, שוין אָפּ־געלעבטן און זיין אַלאַמעריקאַניזם, וואָס איז אפשר מער פּלאַן ווי אידייע, באַשעפטיקט גאַנץ היפּש אונדזערע מוחות. ווארים אינעם געדאַנק צו פאַראייניקן אַלע קלענערע נאַציאָנאַלע קול־טורן, וועלכע זאָלן געמיינזאַם פאַרשטעלן מיט זיך איין פאַר־אייניקטע, נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער קולטור, וואָס ווערט געשאַפן אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן ליגט אפשר די רעטונג פאַר די מינאָריטעט־קולטורן.

ג.

דער לעצטער פון ב. ריווקינס דימענטן איז דער באַלשע־וויזם פון דעם אידישן וואָרט.

נישט מיט דעם קאָמוניזם שטראַלט ב. ריווקין, נאָר מיט דעם באָלשעוויזם פונעם אידישן וואָרט. דעם קאָמוניזם האָט ער נישט געדאַרפט פאַר אונדז אַנטדעקן, — ער איז געקומען צו אונדז אָן ב. ריווקינס הילף. געקומען און אונדז אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין אַ פיבער, וואָס לאָזט אונדז נישט אָפּ. פון איין זייט ציט ער אַ סך פון אונדז מיט דעם אומבאַשטרייטבאַרן יושר, וואָס ער טראָגט אין זיך, און פון דער צווייטער זייט שרעקט ער אַנדערע אַביסל אָפּ מיט דעם פלאַם, וואָס ער טראָגט אין זיך און דראָעט צו פאַרצערן אַ היפּשן טייל פון דעם באַגאַזש מיט וועלכן עס איז זיך שווער צו שיידן. עס איז ממה־נפשך — אָדער דו גיסט אויף אויפן מזבח דאָס, וואָס עס איז דיר אייגן און שפּאַנסט אַריבער אַהין גרייט פאַר אַ גאַנץ נייעם אָנהויב, אָדער דו שטייסט מיט דיין פּעקל פון דער זייט און קוקסט אַהין מיט בענקענדיקע אויגן.

ב. ריווקין איז דער איינציקער צווישן אונדז, וואָס גייט אומגעשראָקן אַהין נישט איבערלאָזנדיק דאָס געפּעק זיינס אויף דער זייט און שוין אָפּגערעדט וועגן איבערגעבן דאָס אויפן מזבח. פאַר אים איז דער קאָמוניזם נישט קיין אָפּגעשלאָסענע תורה אין וועלכער קיין פּינטעלע קאָן נישט צוגעגעבן אָדער געמינערט ווערן. פאַר אים איז דער קאָמוניזם גיכער אַ ברייט, ניי־אַנטדעקט פעלד, וואָס האָט אין זיך אַ סך זאַפט פאַר נייע אידייען־געוויקסן און אויב נייע קאָנען זיך דאָרטן פאַנאַנדערבליען, איז פאַרוואָס נישט פּרואוון איבערפלאַנצן אויך אַ סך פון די פריערדיקע?

פּרואווט טאַקע ב. ריווקין טאָן אָט די אַרבעט. ער זעט בשום אופן נישט קיין סתירה צווישן זיין משיחיזם, ספּיריטואַליזם, צערעמאָניאַליזם, אַלאַמעריקאַניזם מיט דעם קאָמוניזם. אדרבה, ערשט אונטער אַ קאָמוניסטישער אָרדנונג זיינען דאָ מעגלעכקייטן פאַר זיינע אידייען און דאָ קומט זיין באָלשעוויסטיש־אידיש וואָרט, — דאָס וואָרט, וואָס איז געוועזן שטענדיק דער אינסטרומענט פון דעם אידישן האַרפּאַשניק דאַרף

און מוז איבערנעמען אַלע גייסטיקע ווערטן פּונקט, ווי די הענט פון דעם האָרעפּאַשניק נעמען איבער די מאַטעריעלע ווערטן. אי די גייסטיקע ווערטן פון פריער זיינען סטימולירט געוואָרן פון דער בורזשואַזיע, — נו איז וואָס? הלמאי די מאַטעריעלע ווערטן וואָס דער סטימול זיי צו שאַפן איז אויך געקומען פון דער זעלבער בורזשואַזיע און פונדעסטוועגן נעמט זיי דער פּראָלעטאַריאַט איבער און דערקלערט זיי פאַר אייגן האָב און גוטס.

פונדעסטוועגן באַדאַרף מען נישט מיינען, אַז דאָס איז שוין ב. ריווקינס לעצטע סטאַנציע.

וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער ליטעראַטור, ווייל ב. ריווקינס ווערט באַשטייט נישט אַזוי אין די אידייען, וואָס ער האַלט אין איין אויסגעפינען פאַר אונדז, ווי דווקא אין דעם אומרואיקן געיעג זיינעם.

עס איז אַ געיעג, וואָס שטעקט אונדז אָן און לאָזט אונדז נישט רואיק זיצן אויף די לאָרבער־קרענץ, וואָס מיר האָבן זיך שוין דערוואָרבן.

עס דערמאָנט זיך מיר מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ב. ריווקינען.

עס איז געווען אין אַ שפּעטן ווינטער נאָכמיטאָג אין דעם יאָר ניינצן־זעכצן. איך בין געזעסן מיט משה לייב האַלפּערי־נען ביי אַ טישל אינעם מילכיקן רעסטאָראַן אויף איסט בראָד־וויי, וואוהין די דעמאָלסטיקע „יונגע" פלעגן אַריינקומען. פּלוצ־לונג האָט זיך צוגעוויגט צו אונדז אַ קליינגעוויקסיקער קאָפּ, מיט אַ פּול, אָבער זייער אומרואיק פּנים און שווער באַבריל־טע אויגן.

— אַ גרויסער, דינאַמישער כוח, — האָט האַלפּערן שטי־לערהייט צו מיר געזאָגט וועגן אים און גלייך נאָכן פאָרשטעלן אונדז, האָט ער גענומען קיבעצן ריווקינען.

— איר האָט אַזויפיל אַלדאָסגוטס, אַז איר שטאָפּט אָן

אַלע בלויזן מיט דעם, — און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט האַלפּערן געפרעגט:

— איר פאָלגט נאָך די אַרטיקלען וועגן די יונגע שריפט־שטעלער, וואָס ריווקין דרוקט לעצטנס?

מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז האַלפּערן טיילט נישט אינגאַנצן ריווקינס מיינונגען וועגן אַ סך פון זיינע קאָלעגן און מיר איז געוואָרן אינטערעסאַנט.

ב. ריווקין, נישט אויסטוענדיק דעם מאַנטל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. בלויז איין זייט זיינע איז געווען צוגערוקט צום טישל, בשעת די אַנדערע, די אָפּגערוקטע, האָט געלאָזט וויסן, אַז דאָס צוזעצן זיך איז בלויז אויף אַ רגע, וואָרים ער האָט קיין צייט נישט צו זיצן.

ער איז אָבער פאַרט אָפּגעזעסן אַ היפּש שטיקל צייט, וואָרים האַלפּערנס טענות האָבן אים, זעט אויס, פאַראינטריגירט.

— הממם!! — האָט ריווקין אַ ברום געטאָן יעדעס מאָל, ווען האַלפּערן האָט געטאָן אַ דערלאַנג אַ שטאַרקן אַרגומענט קעגן דעם, אָדער יענעם שריפטשטעלער, וואָס ריווקין האָט ממש ביי די יונגע טשופּרינעס געטראָגן צו די וואָלקנס אַרויף.

און איך געדענק, אַז יענע דעבאַטע האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ טשיקאַוון איינדרוק, וואָרים בשעת האַלפּערן האָט גע־רעדט און גערעדט, איז ריווקין אָפּגעקומען בלויז מיט אַ ברום.

— הממם!! — האָט ריווקין געענטפערט און נאָך יעדן ברום אַזאַ, האָט האַלפּערן זיך צערעדט מיט מער פלאַקער.

ענדלעך האָט זיך ב. ריווקין אויפגעהויבן פון זיין שטול און פון זיין מויל האָבן זיך גענומען רייסן ווערטער, וועלכע האָבן געגעבן דעם איינדרוק פון דינאַמיט אויפרייסן:

—קררררריטיקער, — האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן, און בשעת מעשה האָבן זיינע קורצזיכטיקע אויגן געקוקט דורך די דיקע ברילן זיינע אויף אַ זייט:

— קרררריטיקער באַדאַרפן נישט זיין קיין לויזזערם אויף צו לויזזזן די קעפּ פון די שריפטשטעלער! . . . אידייען פאַר־

וואָרפער באַדאַרפן זיי זיין . . . איר פאַרשטייט? אידייען־פאַרוואָרפער אין די הימלען אַריין! . . . צו די האָריזאָנטן צו! . . . און די שריפטשטעלער באַדאַרפן זיך לאָזן צו די הימלען, צו די האָריזאָנטן, וואוהין דער קרדריטיקער שיקט זיי . . . איר פאַרשטייט?

אָפּגעזאָגט אָט די ווערטער, האָט זיך ריוּוקינס קליינגע־וויקסיקע קאָנטיקע פיגור געטאָן אַ וויג אַרויס פונעם רעסטאָ־ראַנדל אינעם דרויסן אַריין.

— אַ וואונדערלעכער שריפטשטעלער, — האָט האַלפּערן געזאָגט און זיינע בלויע אויגן האָבן אים נאָכגעקוקט ביזוואַנען ער איז פאַרשוואונדן.

ה.

אַ אידייען פאַרוואָרפער אין די הימלען אַריין, צו די האָריזאָנטן צו.

זייט איך געדענק אים אין אונדזער ליטעראַטור, איז ער אָט אַזאַ ביי אונדז. יאָגט זיך אַרום אַן אימפּעטיקער, זוכט און נישטערט, געפינט און גיט אַוועק כדי זיך נישט דאַרפן אָפּ־שטעלן, וואָרים נייע וועגן מאָנען און רופן שוין ערגעץ אַנדערש.

אַזוי אין זיין אידייען־וועלט, און אַזוי אויך אין זיין טאָג־טעגלעכן, פּערזענלעכן לעבן.

פונקט ווי זיין גייסט קאָן זיך נישט צו לאַנג קאָנצענטרירן אַרום איין און איינציקער אידיע, וואָס ער אַליין באַשאַפט, אַזוי קאָן ער זיך נישט איינלעבן אין איין און איינציקער רעדאַקציע פון וועלכער ער וואָלט געדאַרפט און געקאָנט ציען זיין חיונה, — נישט מער, וואָס בשעת זיינע אידייען בייט ער נישט אויס איינע אויף דער אַנדערער, נאָר באַמיט זיך צו געפינען גע־מיינזאַמס צווישן זיי אַלע, האָט ער זיינע שטעלעס אין די אידישע רעדאַקציעס געהאַלטן אַזוי לאַנג אין איין בייטן, ביז ער איז אינגאַנצן אָן פּרנסה געבליבן.

איצט איז ב. ריוּוקין צווישן די אַרבעטסלאָזע אידישע שריפטשטעלער. און די עוולה איז דאָ אַ צווייענדיקע: ערשטנס,

דער פאַקט, וואָס אַזאַ ווי ער, וועלכער איז שוין אַגב אַ בן חמשים אויך, זאָל בוכשטעבלעך לעבן אָן דער מינדסטער פּרנסה, און צווייטנס, נישט האָבנדיק קיין שטענדיקע טריבונע, שרייבט ער דערוויילע פּיל ווינציקער, ווי ער וואָלט געדאַרפט און געקאָנט פאַר אונדז שרייבן.

די אַרטיקלען, וואָס ער דרוקט לעצטנס דאָ און דאָרטן זיינען, מיט קליינע אויסנאַמען, נישט דאָס, וואָס ב. ריווקין קאָן און דאַרף אונדז געבן. אודאי איז אין זיי פאַראַנען אַ געוואַלטיקער כוח, אָבער עס איז גיכער דער כוח פון שאַרפע געז־באַמבעס איידער פון יענער וואונדערלעכער שעפערישקייט, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיך. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אים איז שטענדיק געווען דאָס אָנפילן מיט אייגן האָב און גוטס די בלויזן אַרום אים, דאָס דערגאַנצן, וואָס עמיצן אַנדערש איז נישט געלונגען גאַנץ צו מאַכן, באַשאַפן בערג איבער פלאַכלאַנד, אַרומוועבן וואונדערלעכע וויזיעס אין דער הוילער פוסטקייט און נישט דאָס צעשטערנדיקע.

ו.

אָבער פאַריבל אויף אים קאָן מען פונדעסטוועגן נישט האָבן. מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז ווען אַ מענטש מיט אַזעלכע כוחות ווי ער, ווערט איזאָלירט פון יעדער מעגלעכקייט צו קאָנען עקזיסטירן, מוז ער ווערן פאַרביטערט.

און ב. ריווקינס פאַרביטערטקייט פילט זיך איצט אין אונדזערע קרייזן ביז גאָר.

ער, וואָס האָט דורך אַלע זיינע יאָרן אין זיין צוגאַנג צו ווערק פון אידישע שריפטשטעלער שטענדיק מיטגעבראַכט אין זיינע קעשענעס כל־טוב אָנצופילן די בלויזן, וואָס זיינען צוליב פאַרזען, נאַכלעסיקייט, אָדער צוליב מאַנגל אין כוחות אויסגעלאָזן געוואָרן, שטייט איצט קעגן אַ צאָל פון די אידישע שריפטשטעלער אין אַ פאַרביטערטן קאַמף.

עס איז אַ קאַמף, וואָס אויבנאויף קוקט ער אויס נישט מער, ווי אַ פּרנסה־קאַמף. אָבער אונטער ב. ריווקינס אַטאַקעס ווערט

ער דערהויבן צו אַ פּיל גרעסערער באַדייטונג, ווי בלויז דאָס. ער וואַרפט פאַר יענע אידישע שריפטשטעלער, נישט נאָר די עולה, וואָס זיי האָבן פּרנסה, בשעת אַנדערע וויכטיקע שריפט־שטעלער האָבן נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן, נאָר ער וואַרפט זיי אויך פאַר דעם פאַקט, וואָס אוים מורא נישט צו פאַרלירן די פּרנסה פירן זיי דערווייל נישט קיין קאַמף פאַר דעם שענערן וואָרט.

— מען דאַרף זיי אויסרררויכערן! — ברומט ב. ריווקין ביי יעדער געלעגנהייט און אפילו די, וועלכע זיינען נישט מסכים מיט אים, אַז מען דאַרף אויסרויכערן יענע אידישע שריפטשטע־לער, וועלכע האָבן צופעליק שטעלעס אין די רעדאַקציעס, בלייבן אָבער זיצן וואַפּנלאָז אַנטקעגן זיינע טענות, וואָס ער שטעלט אַרויס קעגן זיי.

— ווען איר וואָלט געהאַט אַ שטעלע אין אַ רעדאַקציע, וואָלט מען זי גענדאַרפט ביי אייך צונעמען — האָב איך לעצטנס געהערט דר. א. מוקדונין באַמערקן ביי אַ קאַפע־טישל צו ב. ריווקינען. און כאָטש דר. מוקדוני האָט מיט אָט דער באַמער־קונג געמיינט צו קאָמפּלימענטירן ב. ריווקינען פאַר דעם אידייען־קאַמף, וואָס ער פירט אָן קעגן דער אידישער פרעסע, האָט דאָך יענעם אָוונט ריווקין נישט אויפגעהערט בייז צו ברומען:

—הםםם!! זיי וועלן זיין באַזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס און איך וועל זיי נאָך צושטעלן פאַרגעניגן מיט מיין קאַמף קעגן דער פרעסע!

ז.

ב. ריווקינס ברומען הערט זיך איצט גאַנץ שטאַרק אין די קרייזן פון די אידישע שריפטשטעלער אין נויאָרק.

זיין ברומען האָט זיך אייגנטלעך אַלע מאָל געהערט, אָבער בשעת אין די פריערדיקע יאָרן איז דאָס געווען אַ ברומען פון פרייד און באַגייסטערונג צוליב די אידייען, וואָס ער האָט נישט אויפגעהערט אַריינצוואַרפן אין אונדזער לעבן אַריין, און צוליב דער נייער גרויסער שפע, וואָס ער האָט דערזען אין אונ־

דזער נייער אידישער ליטעראַטור, איז דאָס איצטיקע ברומען זיינס פול מיט פראָטעסט הלמאי עס ווערן צאַמען געלייגט, אז זיינע אידייען זאָלן זיך נישט קאָנען פאַנאַנדערשפּרייטן.

און נישט נאָר אין זיין שרייבן הערט זיך לעצטנס אָט דער פּראָטעסטירנדיקער ברום, און נישט נאָר אין זיינע רייד, וואָס ער רעדט צו די חברים שריפטשטעלער פילט ער זיך, נאָר אויך פון זיין גאַנצן אויסזען און האַלטונג שרייט ער אַרויס און לעבערט אונדזערע אויערן ביז ווייטיק.

ביי אַ טישל לעבן שריפטשטעלער זעצט ער זיך אַמאָל צו, אָבער שטענדיק בלויז מיט איין זייט. די אַנדערע זייט איז שטענדיק געווענדט אין חלל אַריין, אַזוי ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט לאָזן הערן, אַז איר פּלאַץ איז נישט דאָ, נאָר ערגעץ אַנדערש.

אַ גרויס אידיש לעבן און פאַר ב. ריווקינען איז אין דעם קיין פּלאַץ ניטאָ. אַזוי ווי עס זיינען פאַראַנען אין נויאָרק אַזויפיל דירות און פאַר אים איז אָפטמאָל קיין דירה נישטאָ. זעט מען אים שוין דערפאַר טאָקע צוליב דעם אָביסל צו אָפט אין די שפּעטע נאַכט־שעה'ן אין קאַפע־הויז, אָדער מען זעט אים גאָר אַרומבלאָנדזשענדיק אין אַ פּאַרטאָג איבער דער איינגעשטילטער צווייטער עוועניו פון נויאָרק. די קליינע, קאַנטיקע פיגור וויגט זיך, בשעת זיין פיינער און מאַסיווער קאָפּ איז אַרויפגעריסן אין דער הויך:

— וואוהין, ריווקין? — טוט אים אַמאָל אַ קאָלעגע אַ פרעג אין אַזאַ פאַרטאָגיקער שעה.

ער בלייבט שטיין, נעמט אייך דורך מיט זיינע דורכדרינגלעכע בליקן דורך די שווערע ברילן:

— וואוהין? האַ? און איר וואוהין?

דענסטמאָל קענט איר אים שוין נישט איבערלאָזן אַליין און איר בלאָנדזשעט מיט אים צוזאַמען, וואָרים מיט אָט דעם ווינט און כסדרדיקן אומרו, וואָס זוכט און נישטערט, האָט איר דערווייל אויך אַ גרויסן שאַנס עפּעס צו געפינען.

ראובן אײזלאַנד

אַ שטיקל נײַס אינעם „טאָג" האָט געלאָזט װיסן, אַז דער דיכטער ראובן אײזלאַנד װערט פופציק יאָר אַלט.

האָב איך געלײענט דאָס שטיקל נײַס און זיך נישט גע־װאונדערט, װאָס ער איז שױן פופציק יאָר, װאָרים ער האָט שטענדיק געמאַכט אױף מיר דעם אײַנדרוק, אַז ער איז געװען אַ פופציקער אינעם טאָג פון זײַן געבױרן װערן.

עס מאַכט נישט אױס, װאָס אױפן אױסזען איז ער איצט אױך אַ יונגערמאַן. שװער צו מערקן אַ גרױע האָר אױף זײַן טונקעלן קאָפּ. זײַן פּנים און זײַן פיגור האָבן זיך אױך זײער װײניק געענדערט פאַר די צװאַנציק יאָר, װאָס איך קאָן אים, אָבער פון זײַן האַלטן זיך האָט געשלאָגן, אפילו װען ער איז געװען נישט מער װי אַ דרײַסיקער, מיט יענער רעזיגנירטער װײזהײט, װאָס גיט דעם אײַנדרוק פון באַיאָרנטקײט.

און עס מאַכט נישט אױס, װאָס אין זײַן פּאָעטישן סטאַזש איז ער פאַרשריבן נישט נאָר, װי אײנער פון די חשובע מיטגלידער פון דער גרופּע „יונגע", נאָר אױך װי אײנער פון אירע באַגרינדער. נעמענדיק איצט יענע גרופּע אינעם ליכט פון קילער, אָביעקטיװער אָפּשאַצונג, קומט מען זײער לײַכט צום אױספיר, אַז נישט קוקנדיק אױף דעם, װאָס זי איז געװען און װעט פאַרבלײַבן אַ װיכטיקע דאַטע אינעם גאַנג באַרג־אַרױף פון דער אידישער דיכטונג, איז אָבער דער נאָמען „יונגע" נישט געװען כאַראַקטעריסטיש פאַר איר.

ב.

אין װאָס אײגנטלעך איז באַשטאַנען די יוגנטלעכקײט פון דער גרופּע „יונגע"?

אחריות פאַרן װאָרט, פײַן געטאָקטער און געשליפענער זאַץ, מוזיקאַלישקײט, רואיק געמיט און איבער אַלץ די פילאָזאָפיע פון סטױאישער רעזיגנאַציע.

אַט דאָס זיינען די הויפּט־ווערטן, וואָס זי האָט אריינגע־בראַכט לגבאי די „אַלטע", און ווען איך טראַכט איצט פונעם ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט ביי מאָרים ראָזענפעלדן, דאָס שטענ־דיקע פאָרם־זוכעניש ביי יהואָשן, די אינהאַלטלעכקייט ביי א. ליעסינען, דעם לויטערן גלויבן ביי אברהם רייזענען, קומט ביי מיר אויס, אַז די נעמען פון די צוויי קעמפּענדיקע צדדים מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין אונדזער ליטעראַרישער אַמעריקע, זיינען פּשוט פאַרביטן געווען. עס קומט ביי מיר איצט אויס, אַז די „יונגע" זיינען געווען די אמתע אַלטע און אַז די „אַלטע" זיינען אין דעם פאַל געווען די אמתע יונגע.

די כאַראַקטעריסטיק פון יוגנט איז קיינמאָל נישט געווען די געשליפנקייט און אחריות פאַרן וואָרט.

אדרבה.

יוגנט איז צו ברויזנדיק, אַז זי זאָל קאָנען האָבן געדולד פאַר צמצום אין איר אויסדרוק און וואָס שייך צו אַ באַרואיקט געמיט איז דאָס אודאי נישט קיין סימן פון דער יוגנט. אָ, יאָ, די יוגנט קאָן זייער אָפט אריינפאַלן אין געוואַלדיקן פעסימיזם, אין מעלאַנכאָליע. און זי קאָן זייער לייכט אויף אַ מעלאָדראַ־מאַטישן אופן פרואוון באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער קלוגע סטאָ־אישע רעזיגנאַציע איז שטענדיק געווען אַ סימן פון עלטער.

ג.

זאָל דאָ איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַטאָנט ווערן, אַז משה לייב האַלפּערן און ה. לייוויק, וועלכע האָבן יאָ מיטגעבראַכט מיט זיך אַלע סימנים פון יוגנטלעכקייט, זיינען מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער גרופּע „יונגע" קיינמאָל נישט געווען פאַרבונדן.

נישט זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די „יונגע" אין דער פּאָעזיע, ווי יוסף אָפּאַטאָשו האָט מיט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט די „יונגע" אין דער פּראָזע.

אין לויף פון די יאָרן איז געוואָרן אַ געוואוינהייט צו באַטיטלען אַלע שריפטשטעלער פון יענעם דור אין אַמעריקע ווי „יונגע". דער אמת איז, אַז די אידעאָלאָגיע פון יענער

ריכטונג אין אונדזער ליטעראַטור געהערט בלויז צו פיר פון זיי און דאָס זיינען: דער נאָוועליסט דוד איגנאַטאָוו און די דיכטער: מאַני לייב, זישא לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד. אזא שריפטשטעלער, ווי ראַבאַי, איז געווען נישט מער, ווי א גע־טרייער מיטגייער, ווייל דער אופן פון זיין שרייבן האָט זיך צופעליק אריינגעפּאַסט אין דער ריכטונג, בשעת מיט האַלפּערינען און אָפּאַטאָשון איז געווען זייער אָפּט היפּש בייז בלוט.

— טעאָריע־שמאָריע! — פלעגט נישט איינמאָל משה לייב האַלפּערן ממש קריצן מיט די ציין אויפן חשבון פון די אידע־אָלאָגן.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט שפּעטער עפּנטלעך מורד געווען קעגן טריבונע פון די „יונגע“ און אין קאָנקורענץ צו די זאַמלביכער „שריפטן“ האָט ער ארויסגעגעבן א זאַמלבוך „די נייע היים“.

ווען ה. לייוויק האָט זיך באַוויזן אין ניינצן־פערצן איז שוין די גרופּע געווען אַן עטאַבלירטע אינסטיטוציע, און די באַלאָדנ־קייט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, איז זייער גיך שווער געוואָרן אויף די דינע אַקסל פון די חברים עסטעטיקער זיינע.

עך, יאָרן פאַרפלויגענע, ווי אָפט קומט איר אין געסט צו מיר און צווינגט מיך איבערצולעבן נאָכאַמאָל דאָס, וואָס איז שוין איצט נישט מער, ווי געשיכטע.

ד.

דיוויזשאָן גאַס און איסט בראָדוויי. אויף דער ערשטער געפינט זיך שלומס קאַפעהויז, וואו עס זיצן די „אַלטע“ און אויף דער לעצטער איז לעווין און גוטמאַנס מילכיקער רעסטאָ־ראַן, וואוהין עס פאַרקלייבן זיך יעדן אָוונט די „יונגע“.

דורך די פענצטער פוןביידע פלעצער זעט מען טאָג אויס און טאָג איין פאַרבייציען גרויסע גרופּן אידישע עמיגראַנטן: מענער, ווייבער און קינדער און די פּעקלעך אויף זייערע פּלייצעס זיינען ווי לעבעדיקע אילוסטראַציעס צו מאָריס ראָזענפעלדס „וואַנדערער“ און צו זיין פּאָעמע „פּעקלעך“, וואָס זיינען שטענ־

דיק געווען אויף די ליפּן פון די אומצײַליקע אידישע דעקלאַ־מאַטאָרס.

דאָס אידיש לעבן פון יענער צײַט קאָכט זיך, ווי אַ טאָפּ מיט באָרשט, אין וועלכן עס מישן זיך און צעמישן זיך אַלער־לײַ גרינצײַגן און קרײַטעכער. מען באַמבלט זיך אויף אַלע זײַטן אין דעם זידיקן וואַסער, נישט אײנמאָל טרעפט זיך, אַז אײן מין שפּרינגט דעם אַנדערן רציחהדיק אין פּנים אַרײַן. אָבער מען לעבט פונדעסטוועגן אין דעם זעלבן טאָפּ.

בלויז די דיכטער־גרופּע „יונגע" וויל· אינעם טאָפּ נישט לעבן און זי באַמיט זיך מיט אַלע כּחות פון אים אַרויסצוקריכן. וואוהין? צו זיך אַלײן! צו דער אײגענער אינדיווידואַליטעט, וואָס קאָן נישט קומען צו איר אויסגעלײַטערטן אויסדרוק איבער דעם קאָכיקן ברויז אַרום זיך. מאַני לײב ראַטעווט זיך אויפן רוקן פון זײַן „בלוי אויסגעחלומט פערדל", וואָס טראָגט אים אוועק אין דער העלער בלויער לופט אַרײַן, זישא לאַנדוי דער־פילט זיך ערשט דעמאָלט גליקלעך, ווען ער זיצט אַלײן אויף דער וועראַנדע און ראובן אײַזלאַנד בלאָזט מיט קילן אָטעם אויף דער אַרומיקער קאָכעדיקײט און שניצט דערנאָך דערפון אויס אין זײַן געמיטלעכער רואיקײט „שטיל־לעבן"־פּיזאַזשן, אויף וועלכע עס איז אַנגענעם צו קוקן.

אפילו פונעם שאַפּ, וואו דער דיכטער ראובן אײַזלאַנד האָט דעמאָלט געאַרבעט, טרײַבט ער אַרויס דאָס קאָכעניש און דאָס ברויזעניש. מיטיק־צײַט, ווען די מאַשינען שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַל איז דער שאַפּ נישט פאַר אים דאָס שלאַכטפעלד, איבער וועלכן עס איז אַ ווײַל רואיק געוואָרן, ווי עס האָט אים פאַר אונדז געמאָלן מאָריס ראָזענפעלד, נאָר אַן אידיליע, אין וועלכער אַר־בעטער זיצן בײַ די טישן, שײלן געמיטלעך אָפּ די קנאַקנדיקע שאָלעכץ פון האַרטע אײער און ליגן אין די מײַלער אַרײַן.

ה.

אָבער ראובן אײַזלאַנד איז נישט נאָר געוואָרן דער פּאָעט פון „שטיל־לעבן" אין אונדזער דיכטונג, נאָר ער איז געווען

אין יענער צייט און איז געבליבן ביז היינט צו טאָג דער טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון אַט דעם מין קונסט.

אמת, אז היינט צו טאָג האָט ער כמעט ווי קיין נאָכפאָלגער נישט, אָבער אין יענע יאָרן, ביים אויפשטייג פון די „יונגע", איז זיין איינפלוס געווען אומגעהויער.

נישט נאָר מאני לייב און לאַנדוי, נאָר אפילו אַנדערע, וועלכע האָבן זיך נישט אידענטיפיצירט מיט די „יונגע", זיינען פון צייט צו צייט אַרונטערגעפאַלן אונטער אייזלאַנדס איינפלוס.

— דער פּאָעט דאַרף געבן דורך זיין ליד זיך אַליין און בלויז זיך אַליין, — פלעגט ער פּריידיקן און דערביי צולייגן נאָך אַ פּאָר פאָרמולעס:

— די עכטסטע תפילה איז די תפילה בלחש . . . בלויז דורך שטילקייט דערגייט מען צו דער העכסטער מדרגה . . . משה לייב האַלפּערנס טעמפּעראַמענט? . . . לואי מילערס טענלעכע עדיטאָריעלס אין דער „וואַרהייט" האָבן מער טעמפּעראַמענט און זיינען דאָך קיין קונסט נישט . . . יוסף ראָלניקן פעלט דאָס לירישע געמיט און די מוזיקאַלישקייט פון מאני לייבן און לאַנדוין, אָבער ער האָט דערפאַר די גרויסע מעלה, וואָס ער גיט אונדז זיין אייגענע אויסגעלייטערטע פּערזענלעכקייט, וואָס לייכט פאַר אונדז מיט איינזאַמקייט און שטילער פּאַרטיפּטער רעזיגנאַציע.

אַט אַזוי פלעגט ראובן אייזלאַנד רעדן דורך די אָוונטשעה'ן אין דעם מילכיקן רעסטאָראַן.

דורך די טעג האָט מען אים זעלטן געזען, ווי מען האָט נישט געזען אַ היפּשע צאָל פון די „יונגע" שריפטשטעלער, וואָרים מען איז אַרבעטער געווען. מאני לייב בײַ שיך, זישע לאַנדוי אַ מאַליער און ראובן אייזלאַנד האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין זיין ברודערס פלייש-געשעפט.

זיינען דערפאַר די אָוונטן אָפּטמאָל אין יענעם רעסטאָראַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוניווערסיטעט פאַר פּאָעזיע, אין וועלכן ראובן אייזלאַנד איז געווען דער הויפּט-לעקטאָר.

— סביבה אין א ליד איז בלויז דאן נישט קיין חסרון, ווען זי קוקט ארויס, ווי א סיטואציע, אין וועלכער די דיכטע־רישע פערזענלעכקייט איז דער צענטער.

דאס איז נאך איינער פון די געדאנקען, וואס ראובן אייז־לאנד האט ארויסגעזאגט אין איינעם פון יענע אוונטן ביי א טישל.

נישט אומזיסט פלעגן חברים אזוי אפט איבערחזרן אין זייערע געשפרעכן צווישן זיך די ווערטער:

— אייזלאנד האט געזאגט.

עס שטייען מיר פאר די אויגן יענע אוונטן אינעם מילכיקן רעסטאראן און אין די אויערן קלינגט אייזלאנדס קול, — א ווייכס איז דאס, עפעס ווי עס וואלט פון אן אויל־פעלד געקומען. א גלויביקער טאן פון א חסיד און צו דער זעלבער צייט איבערצייגונג און זיכערקייט פון א מתנגד א למדן.

זיין פנים אויך אזוי.

א בלייכס, א סענסיטיווס, און רעדלעך אונטער זיינע ווייכ־שיינענדיקע אויגן וואס ציטערן פון עמאציעס. באזונדער איז יעדער גליד זינלעך. בלויז זיין הויכער פיר־קאנטיקער שטערן איז קיל, ווי א קאנטראל־מאשין.

אפטמאל פלעגט ער אויף מיר מאכן דעם איינדרוק פון א דיין, וואס האט זיך נאר וואס טובל געווען, כדי די דברי־חכמה, וואס ער האט זיך געגרייט צו רעדן, זאל געלייטערט זיין.

ו.

פון יענער צייט ביז איצט זיינען אריבער מער פון צוואנציק יאר.

זייער א סך האט זיך געביטן פאר אט דער צייט אין אונ־דזער לעבן און צוזאמען מיט דעם לעבן האט זיך געביטן אונדזער ליטעראטור, אונדזער דיכטונג.

די אידעאלאגיע פון די „יונגע" קלינגט היינט א סך מער פארעלטערט, ווי די ווערק פון די „אלטע", אנטקעגן וועלכע זי האט געקעמפט. די שפעטערדיקע דיכטער נאך די „יונגע" זיי־

נען ווי איבערגעשפּרונגען זייערע עלטערע ברידער און זיך אומ־געקערט צו די טאַטעס און זיידעס. אמת, מען האָט ביי די על־טערע ברידער אויך עפּעס גענומען, אַ בלעטל פון אַ שיינעם בוים, אַ בלימל פון אַ פעלד, דורך וועלכן מען איז פאַרבייגע־גאַנגען, אָבער די אמתע פרוכט איז מען געגאַנגען און מען גייט נאָך אויך איצט נעמען אין די איינגעפונדעוועטע שטיבער פון די טאַטעס און זיידעס.

די איינציקע, וואָס זיינען געבליבן וואו זיי זיינען געווען, מיט זיך און פאַר זיך אַליין, זיינען די דריי עלטערע ברידער, — די דיכטער־שטערן פון די „יונגע". זיי זיצן ביז היינט אין די שיינינקע שטיבלעך מיט די אָפּגעזונדערטע גערטענדלעך אַרום זיי און ווילן בשום אופן נישט זען, וואָס אויף יענער זייט טוט זיך.

מאַני לייב — דער פרוכטבאַרסטער פון זיי — שרייבט אודאי שיינע לידער אויך איצט, אָבער עס זיינען די זעלבע לידער, ווי ער האָט געשריבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק. זישע לאַנדוי באַווייזט פון צייט צו צייט אַ בליק אין דרויסן, איז דאָס דער זעלבער חנעוודיקער בליק, ווי ער איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. און ראובן אייזלאַנד האָט אונדז געגעבן אין ניינצן צוויי און צוואַנציק אַ קליינע זאַמלונג פון זיינע לידער, שטייט אָט די זאַמלונג ביז איצט פאַר אונדזערע אויגן, ווי אַ מאָנומענט פון אַ געוויסן פּעריאָד אין אונדזער דיכטונג, — אַ שיינער מאָנומענט אָבער ניט פון אַ לעבן, וואָס האָט געבליט און אָפּ־געבליט, נאָר פון אַ שיינער פילאָזאָפיע, וואָס איז געקומען איבער אונדז פון די שטערן, דער לבנה, אָבער מיט דער ערד האָט זי נישט געהאַט צו טאָן.

„ברויט און קעז און האָניק אויפן פראָסטן טיש
גאָלדיק רופט צו זיך די טיי
אין דינע גלעזער צוויי.
און גרינלעך, קיל און פריש,
ווינקט דער וואַסער־קרוג באַצויגן מיט אַ טוי.

אויף אַ קאַנט דאָס טאַשנטיכל פון אַ פרוי,
און דערביי אַ קליינע, קלוגע האַנט
אויף אַ שמאָלן לידער באַנד
אין ווייסן קאָלירטן זייד".

אַ פיין ליד? נישט אפשר? אודאי אַ ביז גאָר פיין ליד. אַזוי זיינען אַלע לידער אין דער זאמלונג, וואָס ראובן אייזלאַנד האָט אונדז געגעבן. אָבער לייענט זיי פאָרזיכטיק און איר וועט אָנהויבן קריגן דעם איינדרוק, אַז נישט דאָס לעבן רעדט דורך זיי צו אייך, נאָר אייער איינדרוק איז, אַזוי ווי זיי וואָלטן אָרונטער געמאָלן געוואָרן פון אַלטע ראָמאַנטישע קונסט־בילדער.

אָט אַזוי האָט ראובן אייזלאַנד געשאַפן און אָט אַזוי פּרעדיקט ער ביז היינט, אַז קונסט דאַרף זיין.

פאַר די צוואַנציק יאָר האָט ער זיך נישט געביטן.

אויסערלעך אויך נישט.

איך באַגעגן אים איצט אין דער רעדאַקציע פונעם „טאָג", וואו ער אַרבעט, אָדער אין קאַפעהויז „ראָיאַל" ביי אַ טיש. עס איז דער זעלבער מענטש. דאָס פּנים איז נישט עלטער געוואָרן, די האָר זיינען אויך איצט שוואַרץ, אפשר אַביסל שיטערער געוואָרן, אָבער נישט צופיל, אַז מען זאָל עס לייכט באַמערקן. די זעלבע רייד וועגן קונסט און דער זעלבער אופן פון ריידן און שטענדיק מאַכט ער אויף מיר דעם איינדרוק ווי אַן אָנדענק פון עפּעס אַ שיינעם געדאַנק, וואָס איז געקומען און איז נישט אָנגענומען געוואָרן, ווייל ער איז געווען מיט זיין גאַנצער שיינקייט קעגן דעם לעבן.

יואל סלאָנים

יואל סלאָנים איז אפשר דער געלייענטסטער אידישער דיכ־טער אין אַמעריקע.

איך זאָג „אפשר", ווייל קיין גענויע ציפערן זיינען פאַר־שטייט זיך נישטאָ און קאָנען נישט זיין וועגן דעם, אָבער עס ליגט זיך אויפן שכל, אַז אַ דיכטער וועמענס לידער דערשיינען שוין זינט יאָרן יעדן סוף־וואָך אין אַזאַ פיל־געלייענטער צייטונג, ווי דער „טאָג" איז, מוז זיין אַ פיל געלייענטער און אפשר דער געלייענטסטער דיכטער ביי די אידן אין אַמעריקע.

אָבער פאַרוואָס פילט זיך נישט אין אונדזער לעבן יואל סלאָנימס דיכטונג? פאַרוואָס גייט דאָס לעבן אונדזערס זי פאַרביי, אַזוי ווי זי וואָלט צו דעם גאָרנישט גערעדט?

איז ער דאָך אַ דיכטער מיט אַלע אַטריבוטן, וואָס אַ דיכטער דאַרף האָבן.

פאַרמאָגט דאָך זיין וואָרט אַן אייגענעם קלאַנג, אַן אייגע־נעם ריטם. פאַרמאָגט ער דאָך נאָך מער, ווי דאָס. ער האָט אימפעט אין זיין וואָרט און פאַטאָס אין זיין טאָן, וואָס זיינען נישט קיין שטענדיקע מתנות אפילו ביי דיכטער פון גאַנץ הויכער באַדייטונג און דאָך גייט יואל סלאָנימס דיכטונג פאַרביי אונדזער לעבן כמעט, ווי אומבאַמערקט, כאָטש לויט די כוחות, וואָס זי פאַרמאָגט, וואָלט זי געקאָנט און געדאַרפט זיך פילן.

זי וואָלט געקאָנט, אָבער זי שטרענגט זיך נישט אָן דאָס צו קאָנען.

יעדעס מאָל, ווען איך לייען יואל סלאָנימס אַ ליד, האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער האָט גענומען אַ הויפן מיט ווערטער פון זיין ווערטער־רעזערוואואַר און זיי אַ וואָרף געטאָן אויפן פאַ־פיר. דאָס וואָס די ווערטער זיינען קלינגענדיקע ,איז דערפאַר, ווייל ער אַליין איז אַ קלינגענדיקער. זיין וואָרט איז נישט קיין שליח פון עפּעס, וואָס מאַטערט אים, נאָר אַן אָפּשפּרונג פונעם אימפעט, וואָס יאָגט פון אים.

אימפעטיק איז זיין ווארט סיי אין זיין ליד, סיי אין זיינע זשורנאליסטישע ארטיקלען, סיי אין זיין ריידן מיט א מענטשן און עס שלאגט מיט אימפעט פון זיין גאנצן אויסזען. אבער פון וואנען קומט ער? וואס וויל ער? און וואוהין טרייבט ער?

עס איז א וואגאבונדישער אימפעט, וואס קאן נישט אנגעבן דעם אדרעס פון וואנען ער קומט און ער ווייס נישט, וואוהין ער צילט.

ב.

און אפשר ווייסט יואל סלאנים אליין אט דעם אדרעס פון זיין אימפעט, נאר ער וויל אים בכיוון אונדז נישט לאזן וויסן? אפשר איז מיט זיין אימפעט דאס זעלבע, ווי מיטן אדרעס פון זיין היים? מיר ווייסן, אז יואל סלאנים האט א היים אין ניו־יארק. עמיצער דערציילט, אז ער האט געהערט פון עמיצן, ווע־מען אן אנדער עמיצער האט פארזיכערט, אז יואל סלאנים האט זייער א פיינע היים פאר וועלכער ער, איז זיך ממש מקריב, — ער טוט אלץ, אז זיין שיינער פרוי זאל גארנישט פעלן, אז זיינע קינדער זאלן האבן דאס בעסטע, אבער וואו געפינט זיך דאס הויז? קיינער פון זיינע חברים דיכטער האבן דאס נישט געזען און קיינער ווייסט נישט דעם אדרעס דערפון.

אין גאס, אין רעדאקציע, וואו ער ארבעט, אין קאפע־הויז, וואוהין ער כאפט זיך אריין, אדער אין א שטוב פון א חבר, וואוהין ער פאלט אמאל אריין, גיט ער שטענדיק דעם איינדרוק אזוי ווי ער וואלט אליין געוועזן אן אן אדרעס.

נישטא אין אים דער מינדסטער סימן פון איינגעזעסנקייט, כאטש אלע ווייסן, אז זעלטן ווען פארלאזט ער נויארק. עס ווייעט פון אים נישט מיט קיין צוגעבונדנקייט, כאטש מען ווייסט, אז ער טוט אלץ פאר זיין פאמיליע. ווען מען זעט אים שפאנען איבער א גאס, האט מען קיינמאל נישט דעם איינ־דרוק, אז ער גייט ערגעץ. אלע זיינע יארן ארבעט ער אין רעדאקציעס, אבער אין קיינע פון זיי האט ער זיין אייגענעם

ארבעטס־טיש נישט געהאט. נישטאָ קיין באַשטימטע צייט, ווען מען קאָן אים דאָרט טרעפן. אַט קומט ער און אַט גייט ער. אין קאַפע־הויז קומט ער נישט אריין אַביסל זיצן, נאָר ער כאַפּט זיך אריין, וויגט זיך דורך פאַרביי אַלע טישלעך: פאַרטשעפּעט דעם מיט אַ וואָרט, יענעם ביי אַן ארבל, אַ דריטן ביי אַן אויער און בלייבט נישט. דאָס אייגענע ביי אַ חבר אין הויז. ער פאַר־נעמט נישט קיין באַשטימט פּלאַץ, נאָר איז אומעטום. אַט זיצט ער אין דער ווייכסטער שטול און אַט שוין אויף אַ שפּיץ פון אַ טיש.

עס טראָגט אים, יואל סלאָנימען.

עס איז דער כוח אין אים, וואָס טראָגט אים, ווי אַ באַלון אַן אַ רודער ווערט געטראָגן פונעם ווינט.

פון וואַנען דער כוח טראָגט אים און וואוהין וויל ער דערטראָגן ווערן, גיט זיך יואל סלאָנים נישט אָפּ קיין חשבון און מיר ווייסן דאָס אודאי נישט.

און אפשר ווייסט עס יואל סלאָנים יאָ, נאָר ער וויל דאָס נישט אַנטפּלעקן פאַר אונדז?

אפשר האָט ער ביי זיך אין די שופלאָדן גאָר אַנדערע ווערק, ווי די, וואָס ער דרוקט שוין זינט יאָרן וואָך איין וואָך אויס אינעם „טאָג"? איך מיין נישט צו זאָגן, אַז די לידער, וואָס ער דרוקט אינעם „טאָג" זיינען שלעכט. פאַראַנען צווישן זיי גוטע לידער און די מערסטע פון זיי האָבן אין זיך אַלע אַטריבוטן, וואָס לידער דאַרפן האָבן. זיי האָבן אַלע אין זיך דעם אייגנאַרטיקן סלאָנימעשן ריטם, קלאַנג. אַנדערע האָבן אויך פּאַטאָס אין זייער טאָן און עס שלאָגט פון זיי אַלע מיט אימפּעט, אָבער עס איז אַ פּאַטאָס, וואָס דו ווייסט נישט צו וואָס ער רופט דיך און עס איז אַן אימפּעט, וואָס דו ווייסט נישט וואוהין ער טרייבט דיך.

דורך די הונדערטער לידער, וואָס יואל סלאָנים האָט אין לויף פון יאָרן אָפּגעדרוקט, איז נאָך זיין פּנים אַלץ פאַר מיר פאַרשטעלט.

אז ער איז א דיכטער איז פאר מיר קלאר, אבער וואס שטעלט ער פאר מיט זיין דיכטונג? וואס וויל ער? וואוהין צילט ער? דאס האב איך נאך ביז היינט נישט געקאנט אויס־געפינען.

א שאד, וואס ער האט נאך ביז היינט קיין איין בוך נישט ארויסגעגעבן. אפשר וואלט ער אין א בוך זיינם אריינגעגעבן אזעלכע ווערק זיינע, וואס וואלטן אונדז געוויזן נישט נאר זיינע לידער, נאר אים אליין.

ג.

עס זיינען פאראנען דריי גרונט־מאטיוון, וואס זיינען די פונדאמענטן פון וועלכע קונסט ווערט געשאפן.

דער ערשטער אין דער שוים, וואס איז אנגעפילט מיט אויפ־געזאמלטן האב און גוטס.

דער דורכשניטלעכער מענטש גייט פארביי דאס לעבן און מערקט נישט א סך זאכן, וואס זיינען כדאי געמערקט צו ווערן. דער קינסטלער מערקט זיי יא. נעמט זיי אויף. דורכן מע־דיאום פון זיין קונסט ווערן זיי געלייטערט און דעמאלט ברענגט ער זיי אין זיין שוים צו דער מענטשהייט:

— נאט, זעט, וואס איר האט פריער נישט דערזען!

דער צווייטער איז דער פרעגצייכן.

דער דורכשניטלעכער מענטש נעמט אויף אלע דערשיינונ־גען ארום זיך, ווי נאטירלעכע זאכן. דער דורכשניטלעכער מענטש פרעגט זייער ווייניק, אבער דער קינסטלער שטייט שטענדיק א געפלעפטער פאר די דערשיינונגען און פרעגט און פרעגט און פרעגט און דאס אויפריכטיקע פרעגן זיינם ווערט דורכן מעדיאום פון זיין קונסט פארוואנדלט אין א פייערדיקן פרעגצייכן פאר זיינע מיט־מענטשן.

דער דריטער איז, דער אנוויז־צייכן.

בשעת דער דורכשניטלעכער מענטש האט א טבע זיך איינ־צוזעצן, זיך צוצופאסן, שטייט דער קינסטלער מיט אן אויסגע־שטרעקטער האנט און דער אנווייז־פינגער ווייזט אן אויף עפעס

אַנדערש. אין דעם סאַמע מיטן פון דער אַרומיקער זעלבסטצו־פרידנקייט ווערט דער דיכטער געפּייניקט פון אַ חלום, וואָס גייט אויף אין אים און וועלכן ער זוכט דורכן מעדיאום פון זיין קונסט צו פאַרוואַנדלען אין ווירקלעכקייט פאַר דער מענטשהייט.

האָבן יואל סלאָנימס לידער, וואָס זיינען ביז איצט פאַר־עפנטלעכט, אָט די דריי גרונט מאָטיוון ?

סימנים פונעם ערשטן גרונט־מאָטיוו זיינען ביי אים יאָ פאַראַנען. ער האָט אין אַ צאָל פון זיינע לידער אונדז געגעבן דעם ריטם פון נויאָרק, אָבער דער ריטם אין זיי איז צו אַן אַלגע־מיינער, אַ צו דרויסנדיקער, אַז דער שוים, וואָס ער האָט אונדז געבראַכט זאָל זיין אָנגעפּילט מיט האַב און גוטס פונעם לעבן אין נויאָרק.

עס זיינען אויך פאַראַנען סימנים פונעם צווייטן גרונט־מאָ־טיוו אין זיינע לידער. עס טרעפט זיך, אַז ער שטייט אַ גע־פּלעפטער פאַר די דערשיינונגען פון דער וועלט און ער פרעגט, אָבער אין די פראַגעס, וואָס ער שטעלט פילט זיך נישט די גרוי־סע ווייטיקדיקע בענקשאַפט נאָך אַן ענטפער און ער איז דער־פאַר ביי אונדז נאָך נישט געוואָרן דער פייערדיקער פרעגנצייכן.

וואָס שייך דעם דריטן גרונט־מאָטיוו, איז ער ביי אים נאָך ביז איצט נישט בנימצא.

אפשר טראָגט ער ביי זיך יאָ עפּעס אַ חלום, אָבער ער האָט ביז איצט אים נאָך נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דורך זיין קונסט אין קיין שום ווירקלעכקייט און זיין האַנט איז דערפאַר נישט קיין אויסגעשטרעקטע און זיין פינגער ווייזט אונדז גאָר־נישט נישט אָן.

ד.

איך האָב געלייענט ביי יואל סלאָנימען אַ גרויסע צאָל ליבע־לידער, איז פאַראַנען אין זיי די אייביקע ליידנשאַפט, די אייביקע בענקשאַפט, אָבער ווער איז די פרוי ? וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר ? צו וועלכן דור געהערט זי ? צו וועלכן קלאַס געהערט זי ? ווי זעט זי אויס ?

דאָס זעלבע איז מיט זיינע אַלע אַנדערע לידער.

ער זינגט וועגן טעג און נעכט, אָבער אומזיסט וועסטו זוכן די מינדסטע אָנדייטונג וועגן אַ באַשטימטן טאָג און אַ באַשטימטער נאַכט.

עס איז בכלל וועגן טעג און נעכט, וואָס זיינען אייביק געווען און וועלן אייביק בלייבן.

די איינציקע לידער זיינע, וואָס האָבן אַן אָנדייטונג פון אַן אדרעס, זיינען די וואָס וועגן נויאָרק, אָבער אויך נישט מער, ווי אַן אָנדייטונג, ווייל וועלכע נויאָרק מיינט ער?

באַשטייט דאָך ניט נויאָרק פון איין גאַס און פון איין קלאַס!

זיינען דאָך פאַראַן גאַסן און געסלעך, וואו מען וואַרפט אַלע טאָג אַרוים הונדערטער אַרבעטסלאָזע פון די דירות און עס זיינען פאַראַנען גאַסן און געסלעך, וואו עס שטייען צענדליקער פּאַלאַצן מיט צוגעמאַכטע לאָדנס איבער די פענצטער, ווייל די באַלעבאַטים פון זיי האָבן אַזויפיל פּאַלאַצן, אַז זיי קאָנען אין אַלע פון זיי נישט וואוינען אין דער זעלבער צייט.

פון וועלכן נויאָרק זינגט יואל סלאָנים?

און ווי מיט זיינע לידער, אַזוי אויך מיט זיינע זשורנאַליסטישע אַרטיקלען.

פלינק, ריטמיש, טעמפּעראַמענטפול וועגן וואָס ער זאָל נישט שרייבן, אָבער וואָס ווילן זיי? וואָס שטעלן זיי מיט זיך פאָר? וואוהין פירן זיי?

געווען אַ צייט, ווען דער אופן פון יואל סלאָנימס שרייבן איז געווען געגנוג צו ווערן אָנגעזען.

דאָס איז געווען די צייט, ווען דער עיקרשט איז געווען דאָס וואָרט און נישט דאָס, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. יואל סלאָנים האָט אַריינגעבראַכט אַ ריטמיש-טאַנצנדיק וואָרט. עס האָט געווייעט דערפון מיט וואויל-יונגערישקייט, מיט וואַגאַבונדישקייט. עס האָט געווייעט דערפון מיט צעבראַסטישקייט, ווי דאָס דעמלטיקע לעבן אונדזערס אין נויאָרק איז געווען —

האָט מען עס זייער גוט אויפגענומען און אים אַ פּלאַץ אין דער דיכטונג געגעבן.

ער פּערזענלעך איז אויך אַזוי געווען, אָבער עס איז נישט גוט, וואָס ער איז אַזוי פאַרבליבן ביז היינט.

רוישיק און ליאַרעמדיק. שטענדיק, נאָר, ווי ער וואָלט זיך אויף אַ קאַרוזעל געדרייט.

אין יענע יאָרן, ווען ער האָט נישט נאָר געהערט צו דער גרופּע „יונגע", נאָר איז טאַקע אויף אַן אמתן יונג געווען, איז געווען אַ חן אין זיין ליאַרעם, אָבער איצט, ווען זיינע האָר זיינען שוין גרוילעך, דערוואַרט מען עפּעס אַנדערש.

יוגנט איז אַן אויפגאַב און אויפגאַב איז אַ צוזאָג אויף פּיל מער.

יואל סלאָנים האָט געגעבן דער אידישער דיכטונג אַ פיינעם אויפגאַב, אָבער דאָס איבעריקע האָט ער נאָך נישט געגעבן.

דאָס ווערטפולסטע פון דעם אויפגאַב, וואָס ער האָט גע־געבן דער אידישער דיכטונג אין זיין אימפּעט, אָבער זיין אימ־פּעט דאַרף איינגעשפּאַנט ווערן, כדי ער זאָל ערגעץ פירן.

ה.

אַזוי ווי ער איז, איז זיין אימפּעט נישט מער, ווי אַ גומענע פילקע, וואָס הויבט זיך אויף און פאַלט באַלד צוריק צו דעם זעלבן פּלאַץ פון וואַנען זי האָט זיך אויפגעהויבן.

פון צייט צו צייט איז זיין אימפּעט אַ קאָלירטער, טוט ער אַ בלענד פאַר די אויגן, אָבער בלענד אַליין איז נישט גענוג.

יואל סלאָנים רעדט קיינמאָל נישט צו קיין מענטשן, נאָר שרייט צו אים. ווען ער דאַרף עמיצן זאָגן אַ סוד, שרייט ער אים אַריין צו יענעם אין אויער אַריין. ער האָט פיינע פינגער אויף זיינע הענט, נאָר זעלטן זעט מען זיי, ווייל מערסטנס זיי־נען זיי אין פויסטן צוזאַמענגעשריפּט. אַ זעץ טאָן יענעם אויף דער פּלייצע מיינט ביי אים זאָגן יענעם אַ פריינטלעכן „גוט־מאָרגן", אַ קלאַפּ טאָן איבערן טיש מיינט ביי אים אַן עצה צו אַ חבר, אַז ער זאָל זיך אָפּהיטן דאָס געזונט. שטענדיק גיט

ער אייך דעם איינדרוק, אז ער איז זייער שטארק פארנומען. אפילו, ווען ער שטייט מיט אייך אָפּ צוויי שעה אויף אַ ראָג פון אַ נויאָרקער גאַס, שמועסנדיק וועגן פּאָעזיע, פילט איר יעדע רגע, אַז ער האָט זייער און זייער קיין צייט נישט.

איילקע זיינען זיינע אויגן און שארפע זיינען זיי. אָפּט־מאָל האָט איר דעם איינדרוק, אז מיט אזעלכע אויגן דארף אַ מענטש די גאַנצע וועלט אין זיך אריינגעמען, אָבער זוכט אונד־זער וועלט אין יואל סלאָנימס לידער און איר ועט זיך קוים געפינען.

שטערן אים די ברילן, וואָס ער טראָגט?

שארף איז ביי אים אויך די נאָז. לאַנג און בויגיק, קינ־זשאַלמעסיק, אָבער ער נוצט זי מער פאר זיין רעפּאָרטאַזש אר־בעט אין דער צייטונג, ווי מיט איר צו דערשמעקן דעם אמתן ריח פון אונדזער לעבן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט זיין קין. שארף און ענערגיש, אָבער ער האָט נאָך ביז היינט נישט אָנגעצייכנט קיין גרויסן ציל, וואוהין זיין ענערגיע זאָל אים פירן.

און אפשר האָט ער יאָ אַ גרויסן ציל פאר זיך, נאָר ער האָט אים נאָך פאר אונדז נישט באוויזן?

אַ שאָד, וואָס ער האָט ביז איצט נאָך קיין ביכער נישט ארויסגעגעבן, ווארים פון דעם מיט וואָס ער באווייזט זיך פאר אונדז איז דער גרויסער ציל נישט צו זען.

ווען איך טראַכט פון יואל סלאָנימען אין די יאָרן פון פאר דער מלחמה, זע איך אין אים אַ קאָלירפולן, אַן אייגנאַרטיקן, אָבער ווען איך זע אים מיט די אויגן פון די איצטיקע טעג אונדזערע, ווילט זיך מיר צוגיין צו אים און זאָגן:

— יואל סלאָנים, וואַך אויף!

און טאָן ווילט זיך דאָס מיר, ווייל ביי מיר איז נישט קיין צווייפל, אַז ער איז אַ דיכטער.

ער האָט אַלע אַטריבוטן, וואָס אַ דיכטער דארף האָבן פּלוס אַ זעלטענע מתנה, און דאָס איז זיין אימפּעט.

דר. א. אייסען

רופט מיך אָפּ א פריינט אויפן טעלעפאָן און זאָגט צו מיר בזה הלשון:

— מען דאַרף מאַכן א שטיקל יום־טוב לכבוד דר. אייסענען.

— וואָס איז געשען?

— וואָס הייסט וואָס? ער איז דאָך שוין א פופציקער!

אָט אַזוי האָט ער מיר געלאָזט וויסן און דערביי גלייך צוגעלייגט:

— דר. אייסען האָט דאָס פאַרדינט!

איז מילא, וועגן פאַרדינסטן וועל איך איצט נישט ריידן. ביי אונדז קריגן כמעט קיינמאָל נישט די אידישע שריפטשטעלער דאָס, וואָס זיי פאַרדינען צו קריגן. אדרבה, עס טרעפט זייער אָפט, אז ביי אונדז קריגט א אידישער שריפטשטעלער מיט א שטיין אין קאָפּ אריין פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט פאַרדינט א בוקעט רויזן און טאָמער טרעפט זיך שוין אמאָל, אז עמיצער קריגט יאָ דורך א צופאַל צוגעוואָרפן א בלימל, הויבן אָן די ארומיקע צו שיטן אַזויפיל זאַמד איבער דעם, אז דאָס בלימל ווערט סיי ווי זייער גיך פאַרוואַנדלט אין א שטיין.

א יום טוב פאַר דר. אייסען?

מיר דאַכט זיך, אז אויב עמיצער ביי אונדז נויטיקט זיך נישט אין קיין שום יום־טובים, וואָס זאָלן געמאַכט ווערן פאַר זיינעט וועגן, איז דאָס טאַקע אָט דער דר. א. אייסען. ווארים וואָס פאַר א יום־טוב קאָן מען פאַר אים מאַכן, וואָס זאָל מאַכן זיין לעבן נאָך יום־טובדיקער, ווי עס איז שוין סיי־ווי?

איז ער דאָך ביי אונדז דער איינציקער ביי וועמען יעדער פּראָסטער מאָנטיק איז א שבת און יעדער דאָנערשטיק א שמחת תורה.

פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס איך קאָן אים האָב איך אים נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין וואָכעדיקן. שטענדיק ברענגען שבת־קודש ליכט אויף זיין ראַזעווען פּנים און כדי אַט דאָס ליכט זאָל האָבן דעם פּאַסיקן הינטערגרונט, גיט ער שוין אַכטונג, אַז זיין אָנצוג זאָל זיין אַ שיינער און אַן אויסגעפּרעסטער, דאָס העמד ווייס און פריש, דער שניפּס פונעם פיינסטן שטאָף און אַ פיינע שפּילקע אין אים אַריינגעזעצט.

און פאַרוואָס טאַקע נישט?

אמת, ער געהערט נישט צום קלאַס פּוסטעפּאַסניקעס, וועמען דאָס לעבן טראָגט אונטער געבראָטענע טייבעלעך צום מויל אָן קיין שום אָנשטרענגונג פון זיין זייט. אמת, ער דאַרף אַרבעטן יעדן טאָג אַ היפּשע צאָל שעה'ען, אָבער זיין אַרבעט איז דאַנ־טיסטעריי און ער איז פאַרליבט אין זיין אַרבעט, פּונקט אַזוי ווי ער איז פאַרליבט אין זיינע ענגלישע דיכטער, וועלכע ער זעצט איבער שוין באַלד פינף און צוואַנציק יאָר אויף אידיש.

ב.

דר. א. אייסען איז פאַרליבט אין זיין דאַנטיסטעריי, פּונקט ווי אין זיין איבערזעצונגס־אַרבעט, ווייל ער איז בכלל אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלצדינג.

אַט איז ער פאַרליבט אין זיין פרוי מיט וועלכער ער האָט שוין צוויי דערוואַקסענע קינדער.

— פרוי אייסען און איך האָבן נעכטן געלייענט אייער בוך און מיר האָבן זייער הנאה געהאַט.

— פאַרוואָס קומט איר נישט אַריבער צו אונדז? פרוי איי־סען און איך וועלן זיין זייער צופרידן אייך צו האָבן ביי זיך.

עס טרעפט זיך, אַז ער פאַלט אַמאָל אַריין אין קאַפע־הויז אין אַן אָוונט, פאַרענטפערט ער זיך גלייך פאַר די באַקאַנטע וואָס זיינען אים געדרן צו זען:

— פרוי אייסען האָט היינט אַ וויכטיקן פרויען־מיטינג, בין איך דערפאַר היינט אַ היימלאָזער.

אזוי וועגן זיין פרוי און אזוי וועגן זיינע צוויי קינדער:

— מיין זון האָט . . .

— מיין טאָכטער איז . . .

שטענדיק ליבשאַפט פון זיין מויל. שטענדיק שיינענדיקע אויגן, וואָס ער האָט די גרויסע זכיה צו לעבן אויף דער וועלט צוזאַמען מיט אַזויפיל ליבע פריינט, וואָס לייענען גוטע ביכער און דער עיקרשט, וואָס שרייבן גוטע ביכער.

אַז דר. אייסען האָט זייער שטאַרק ליב אי די ביכער און אי די, וואָס שרייבן זיי קאָן מען זען פון די אומצייליקע בענדער און פון די פאָטאָגראַפיעס פון שריפטשטעלער, וואָס פילן אָן סיי זיין דענטיסט־ביורא און סיי זיין היים.

מען דאַרף זיין ביי אים, כדי צו זען מיט וואָס פאַר אַ זאָרגפעליקייט ער באַציט זיך צו זיי.

נישט נאָר איז יעדעס בוך ביי אים אויף אַן אָרט. נאָר גע־האַלטן ווערט עס, ווי עס וואָלט געווען אַ ציטעריק קינד.

— זייט פאָרזיכטיק מיט די בלעטלעך ווען איר מישט זיי, — בעט ער זיך ביי אייך, ווען אייך פאַלט איין אַרויסצוציען איי־נעם פון די בענדער, וואָס געפינען זיך אין זיינע ביכער־שאַפעס.

זיינע ווענט זיינען באַצירט מיט אַ היפּשער צאָל פאָטאָ־גראַפיעס פון שריפטשטעלער. יענע, וואָס זיינען אים געגעבן געוואָרן פון אידישע שריפטשטעלער מיט אונטערשריפטן זיי־נען ביי אים באַזונדער טייער, אָבער עס הענגען ביי אים אויך אַ צאָל, וואָס ער האָט פשוט אויסגעשניטן פון פאַרשידענע זשורנאַלן סיי אידישע און סיי פרעמד־שפּראַכיקע און ער שפּיגלט זיך ממש אין זיי.

— ווי געפעלט אייך די פּאָזע פון אַנאַטאָל פראַנס, האַ?

די מערסטע פון זיין פאָטאָגראַפן־קאָלעקציע זיינען דיכטער, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געשריבן וועגן דיכטער. אַזוי אויך מיט דער גרויסער ביבליאָטעק, וואָס ער פאַרמאָגט. פאַראַנען אַ גרויסע צאָל ביכער אויך אַנדערע פאָרמען פון דער וואָרט־קונסט. אָבער דעם אויבנאָן פאַרנעמט די פּאָעזיע.

פּאָעזיע איז פאַר דר. אייסענען ממש ווי לופט צום אָטע־מען. נישטאָ קיין איין וויכטיק בוך פון דער אידישער פּאָ־עזיע, וואָס ער האָט נישט ביי זיך און וואָס ער האָט נישט געלייענט עטלעכע מאָל.

— עך, ווען איך וואָלט געקענט איבערזעצן פון אידיש אויף ענגליש, וואָלט איך געוויזן דער ענגליש־שפּרעכנדיקער וועלט, וואָס פאַר אַ פיינע פּאָעזיע מיר פאַרמאָגן.

אָט אַזוי טוט ער אַ זאָג צו אייך און טרייסט זיך דערביי מיט דער גרויסער צאָל ביכער פון דער ענגלישער פּאָעזיע, וואָס ער פאַרמאָגט און פון וועלכע ער זעצט איבער אויף אידיש פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר.

ג.

אויף ווי ווייט איז די איבערזעצונגס אַרבעט פון דר. א. אייסען גוט, אָדער שלעכט, זיינען פאַראַנען פאַרשידענע מיי־נונגען.

אברהם רייזען, צום ביישפּיל, האַלט, אַז דר. א. אייסענס אַרבעט איז פון קאָלאָסאַלער באַדייטונג פאַר אונדזער דיכטונג. די זעלבע מיינונג האָבן אויך אַ צאָל אַנדערע חשובע שריפט־שטעלער. פאַראַנען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן טענות. די לעצטע האַלטן, אַז דר. אייסענען געלינגט נישט צו געבן אין זיינע אידישע איבערזעצונגען דעם אמת'ן אָריגינעלן טעם פון דער ענגלישער דיכטונג. זיינען די לעצטע אפשר גערעכט, אָבער די זעלבע טענות קאָן מען אָנווענדן צו אַלע איבערזעצער פון איין ליטעראַטור אין דער אַנדערער. בלויז געציילטע ווערק אין דער וועלט ליטעראַטור זיינען איבערגע־זעצט געוואָרן אָן פאַרלוסט פאַרן אָריגינאַל. פּאָעזיע איז אודאי שווער איבערצוזעצן און לייענער פון פּאָעזיע אין איבערזעצונ־גען ווייסן דאָס און נעמען דאָס שטענדיק אין אָנבאַטראַכט.

אַז דר. א. אייסען האָט פאַר די אידישע לייענער, וואָס פאַרשטייען נישט קיין ענגליש אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך, קאָ־נען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. ער איז פאַרט פאַר אונדז

דער אײנציקער, וואָס האָט אויפגעמאַכט די טיר צו דער גרויסער ענגלישער דיכטונג.

פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר, וואָס ער טוט אָט די אַרבעט, האָט ער געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם אידישן לייענער, וואָס קאָן נישט קיין ענגליש, זיך צו באַקאָנען מיט אַ גאָר גרויסער צאָל ענגלישע און אַמעריקאַנער דיכטער סיי פון דער קלאַסישער און סיי פון אונדזער מאָדערנער צייט.

ער טוט זײַן אַרבעט מיט אַ ליבשאַפט, וואָס איז באמת צו באַוואונדערן. עס איז אַ ליבשאַפט שלא תליה בדבר. און וועגן קריגן עפּעס דערפאַר, איז אָפּגערעדט.

נישט נאָר זעצט ער איבער, נאָר ער גיט אַרויס די איבערזעצונגען אויפן אײגענעם חשבון, נישט טראַכטנדיק דערבײַ, אַז ער וועט עפּעס אַרויסנעמען פון דעם, וואָס קאָסט אים.

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז דר. א. אײסען איז זײער דאַנקבאַר, ווען עמיצער בעט בײַ אים אַ זאַמלונג פון זײַנע איבערזעצונגען אַלס מתנה.

און נישט דווקא חברים פון ניויאָרק, נאָר אויך פון אַנדערע שטעט און אַנדערע ווײַטע לענדער.

ער פוילט זיך נישט צו פּאַקן פּעקלעך און אָפּשיקן דורך דער פּאָסט.

און נישט נאָר שיקט ער אײגענע ביכער, נאָר אויך די ביכער פון אַנדערע שרײַבשטעלער. עס איז אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך פאַר דר. אײסענען צו קויפן עטלעכע לידער־ביכער, וואָס זײַנען נאָר וואָס דערשינען פון אַ חבר דיכטער און זײ אַוועקשיקן צו עטלעכע דיכטער אין די ווײַטע מקומות.

טוענדיק דאָס, איז בײַ אים דאָס געפיל אַ טאָפּלדיקס.

ערשטנס ווײַל ער דערמיט דערמוטיקן די אידישע דיכטער אין ניויאָרק אַרויסצוגעבן זײערע ביכער און צווייטנס ווײַל ער אַז די אידישע דיכטער אין די ווײַטע מקומות זאָלען זיך באַקאָנען מיט דער אידישער דיכטונג פון אַמעריקע.

א היפשע צאָל אידישע שריפטשטעלער איבער דער וועלט וויסן דאָס און זיי שטייען מיט אים דערפאַר אין שריפטלעכע פאַרבינדונגען. מען בעט ביי אים ביכער, מען בעט אַנדערע טובות און א סך צייט גיט ער אָפּ יעדן צו ענטפערן. נישט זעלטן טרעפט אַז אַ נויאָרקער אידישער דיכטער פאַלט צו אים אַריין מיט אַ צאַנוויטיק, אָדער אַזוי זיך, איז דאָס ערשטע, וואָס ער הערט:

— זייער גוט, וואָס איר זייט דאָ. איך האַלט אינמיטן שרייבן אַ בריוו צום דיכטער יעקב גאָטליב אין קאָוונע, טאָ זעצט זיך אַוועק און שרייבט צו עטלעכע ווערטער, עס וועט אים זיכער דערפרייען.

ד.

ווען טוט דר. אייסען זיין איבערזעצונגס־אַרבעט?

אודאי טוט ער זי ביי זיך אין דער היים, אָבער ווער עס קומט אַריין צו אים אין דער דענטיסט־ביוראָ, ווייסט, אַז ער קומט נישט נאָר צו דעם ציינדאָקטאָר, נאָר אויך צום איבערזע־צער פון דער ענגלישער דיכטונג.

דאָס קליינע אָפּעראַציע־צימער, וואָס האָט די צוויי פּאַ־ציענטן שטולן, דעם עקס־ריי מאַשין, האָט אויך אין ווינקל אַ שרייב־טישל אויף וועלכן עס איז שטענדיק פאַראַן אַ צע־עפנט ענגליש לידערבוך און אַן אָנגעהויבענער מאַנוסקריפּט. נישט איין פּאַציענט קומט אויס אַמאָל צו וואַרטן אינעם וואַרט־צימער, ווייל דער דאָקטאָר איז פאַרנומען. הייסן, הייסט עס, אַז ער איז פאַרנומען מיט אַ פּאַציענט, אָבער דער פּאַציענט איז נישט איינמאָל אַ ליד פון דעם, אָדער יענעם ענגלישן דיכ־טער. עס איז נישט דער נערוו פון אַ קראַנקן צאָן, וואָס ער זוכט דעמאָלט צו דערטאַפּן, נאָר אַ אידיש וואָרט פאַר אַ גע־זונט ענגליש ליד, וואָס ער זוכט.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט אַ דיכטער אַ פּיל גרעסערן שאַנס אויפגענומען צו ווערן, ווי אַ פּשוטער פּאַציענט. פאַר אַזוינעם קאָן ער פאַרלייגנען זיין נאָר וואָס פאַרענדיקטע אי־

בערזעצונג און פרעגן אן עצה וועגן א וואָרט, וואָס מאַטערט אים.

— וואָס זאָגט איר, הא? איז דאָס דאָס ריכטיק וואָרט?

עס טרעפט זיך, אז א דיכטער איז אומגעדולדיק, דער צאָן טוט אים שטאַרק ווי און ער זאָגט אין א קאַפּריזנעם טאָן, אז ער איז דאָס מאָל געקומען צום דאָקטאָר און נישט צום איבערזעצער, טוט זיך דער דאָקטאָר מיט אַזוינעם שנעל אַן עצה.

— נו, גוט, זעצט זיך אַוועק, — זאָגט ער מיט א ווייכן טאָן, אָבער ווי נאָר ער שרויפט אים איין אין דענטיסט־שטול און פאַרגרינגערט דעם ווייטיק, טוט ער אים א שטופּ אַריין עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס מאַכט צו דאָס מויל, אז מען קאָן דאָס נישט עפענען:

— איר מוזט ליגן רואיק אַרום צען מינוט, — זאָגט ער מיט א באַפעל פון א דאָקטאָר און ער נעמט אים דערווייל פאַר־לייענען די איבערזעצונג:

— וואָס זאָגט איר, עס איז דאָך דאָס ריכטיקע וואָרט, הא?

דער דיכטער, וואָס ליגט איינגעשלאָסן און קאָן דאָס מויל נישט עפענען, טוט עפּעס א ברום אַרויס צווישן די ליפּן, וואָס קאָן זיין אי יאָ, אי ניין און אי גאָר עפּעס אַנדערש, אָבער דר. א. אייסען נעמט עס געוויינלעך אָן פאַר אַן הסכמה און ער איז צופרידן:

— עס פרייט מיך, וואָס אייך געפעלט עס, — טוט ער א זאָג און דער איבערזעצער ווערט צוריק דאָקטאָר.

די מאַשין אַרבעט פלינק אין זיינע הענט, דאָס ווייסע רעקל בלענדט אין דעם ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן, אָבער דער מאַנוסקריפּט אויפן ווינקל־טישל פילט זיך נישט פאַרלאָזן. ער ווייסט, אז עס וועט נישט נעמען לאַנג און דער דאָקטאָר וועט פאַרטיק ווערן מיט די ציין פונעם דיכטער און צוריק ווערן אי־בערזעצער.

זישא לאַנדוי

וויפיל יאָרן זיינען שוין אריבער, אז זישא לאַנדוי האָט אונדז געלאָזט וויסן, אז ער איז אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק?

עס זיצט צופעליק איצט נישט לעבן מיר מיין פריינט, דער יונגער ביבליאָגראַף משה שטאַרקמאַן, וואָס זאָל מיר ארויסהעלפן מיט דער גענויער דאַטע און איך וועל זיך דערפאַר באַנוגענען און לאָזן וויסן, אז דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען כמעט אַלע „יונגע" האָבן געזען שיינקייט אין זייער פאַרלוירנקייט, אין זייער פאַרפאַלנקייט אויף אימער און אויף אייביק.

איך וואָלט אפילו געקאָנט אָפּרופן זישא לאַנדוין אויפן טעלעפאָן און ביי אים פרעגן, איז אָבער די מעשה, וואָס פאַר די קאַרגע צוואַנציק יאָר, וואָס איך קאָן אים, האָב איך נאָך קיינמאָל מיט אים אויפן טעלעפאָן נישט גערעדט און דערצו קאָן זיך נאָך אויך גאַנץ פיין טרעפן, אז ער זאָל מיך באַטראַכטן פאַר אַ יאָלד, וואָס איך גיב זיך אָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי זוכן אַ דאַטע פון עפעס, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט, אָדער אָנגעשריבן.

און דאָס איז נישט חלילה דערפאַר, וואָס זישא לאַנדוי האַלט נישט פון דעם, וואָס ער רעדט און שרייבט, וואָס ער נעמט זיך נישט ערנסט. אדרבה. נישטאָ קיין סך צווישן אונדז, וואָס זאָלן זיין אַזוי זיכער אין זייער אייגענער טיפקייט, עכטקייט און די אַלע אַנדערע גוטע מעלות, וואָס זיי מיינען אַמאָל, אז זיי פאַרמאָגן, ווי עס איז זיכער זישא לאַנדוי.

כאַפּט אַ קוק אין זיין אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער דיכטונג אין אַמעריקע, וואָס איז דערשינען אין דעם יאָר נייַנצןצוואַנציק, און איר וועט זען, וואָס פאַר אַ כבוד און אַנערקענונג ער גיט זיך דאָרט אַליין אָפּ. איר וועט זען וויפיל זייטן זיינע אייגענע לידער פאַרנעמען דאָרטן לגבי די זייטן, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן צו דיכטער, וואָס האָבן שוין אין יענעם יאָר פאַרנומען פיל גרעסערע פּאָזיציעס אין אונדזער דיכטונג, ווי ער

פארנעמט היינט. שוין אָפגערעדט פונעם פאָרוואָרט זיינעם אין וועלכן ער רעדט מיט א טאָן פון איינעם, וואָס איז אַזוי גע־וואַלדיק זיכער אין זיך, אַז בלויז ער אַליין ווייסט דעם סוד פון דער סאַמע אמתטער און לויטערסטער דיכטונג.

ניין, זישא לאַנדוי געהערט חלילה נישט צו יענעם מין מענטשן, וואָס האָבן א טבע זיך צו צעקריגן מיט זיך אַליין. זעט איר? — זיך שטעלן אַנטקעגן דער וועלט, דאָס מהיכי־תיתי, אדרבה ואדרבה, וואָרים אין אַזא פאַל וואַקסט מען דאָך אוים פיל גרעסער אין די אייגענע אויגן און מען קאָן פאר זיך אַליין האָבן פיל מער דרך־ארץ, ווי מען האָט נאָך ביז איצטער. אָבער זיך קריגן מיט זיך אַליין? דאָס איז דאָך די גרעסטע נארישקייט! און טאַקע צו וואָס? איז ער דען נישט זיכער, אַז ער איז די סאַמע בעסטע זעמל־מעל פארקנאָטן אין דעם פיינ־סטן שמן־זית און געבאַקן אין דעם סאַמע איידלסטן בעקן?

אודאי ווייס איך, היינט איז זונטיק
און מאָרגן וועט שוין מאָנטיק זיין,
און נאָכן פרילינג קומט דער זומער,
און אונדזער אָרדענונג איז אַ שלעכטע
און אין נויאָרק וואוינט אָפּאַטאָשו,
דער שטאָלץ פון פראַנקרייך איז זשאָרעס.
איך ווייס אויך פילע סודות טיפע:
דער הערצאָג פון אַברוצי איז
קיין הערצאָג נישט. דיאיז אונדזער גלייכן
און גייט זיך אָפט אין גאַס שפּאַצירן
אין שיינע טעג, דעם מאַנטל אויף די הענט.
איך ווייס אויך: דאַרווין האָט געטראָפן,
קאָפּערניק איז געווען גערעכט,
דאָך בעסער פון דעם אַלעם ווייס איך:
איך
בין
אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק!

נו, טאקע, אז א מענטש ווייסט קיין עין־הרע נישט אזויפיל, ווי אז היינט איז זונטיק און מארגן וועט מאנטיק זיין און די אלע אנדערע וואונדערלעכע זאכן, וואס ער האט אויסגערעכנט אין די ציטירטע זיבעצן שורות, איז דאך שוין קיין וואונדער נישט, וואס ער ווייסט אזא קלייניקייט, ווי אז ער איז א פאר־לוירענער אויף אייביק.

ב.

אבער שרעקט זיך נישט פונדעסטוועגן. שוין היפשע עט־לעכע יאר זייט ער האט געלאזט וויסן, אז ער איז א פארפאלענער אויף אייביק און ער איז נאך ביז איצט דאנקען דעם רבונו של עולם נישט פארפאלן געווארן, ווארים נישט צו זיך אליין האט ער דעם אויסרוף געמאכט, נאר צו דער וועלט אויף וועל־כער מען דארף מאכן אן איינדרוק.

קיין איבעריק קלוגע געדאנקען האט מען טאקע נישט אינם אייגענעם באגאזש. אבער כדי צו מאכן אן איינדרוק, באדארף מען גארנישט קיין קלוגשאפטן, קיין טיפקייטן, מען דארף בלויז אליין זיין א קלוגער פארקויפער, וועט שוין דער איינדרוק דער־גרייכט ווערן אויך מיט אזעלכע אנטדעקונגען, ווי : „אין נויארק וואוינט אפאטאשו", „נאכן פרילינג קומט דער זומער", „דארווין האט געטראפן", „קופערניק איז געווען גערעכט" און אנדערע אזעלכע אנטדעקונגען.

בפרט, ווען מען פארמאגט נאך א גלאטן, געשליפענעם זאץ און פאר א פאר סענט איראניע אינם ווארט, קאן מען זיך שוין אפילו א שפיל טאן מיט א פראזע וועגן דער אייגענער פארפאלנ־קייט, וואס וועט א פאל טאן צו יענעמס נאז און דער איינדרוק איז א געזיכערטער.

זישא לאנדוים דערציילן וועגן זיין פארפאלנקייט אויף אייביק דערמאנט מיר אן א מיידל, וואס איז אזוי זיכער מיט איר שיינ־קייט, אז זי האט א באזונדער הנאה צו באווייזן פאר יעדן איינעם דאס פרישטשיקל, וואס האט זיך ארויסגעשלאגן ביי איר אויף א בעקל.

— זעט, זעט, — זאָגט אזא מײדל מיט אַן אָנשטעל פון שרעק אין איר קול, װיסנדיק, אַז בשעת מען װעט באַטראַכטן דאָס פּריש־טשיקל אויף איר בעקל, װעט מען דערװײל זי בעסער באַטראַכטן און דערזען, װאָס פאַר אַ שײנקײט זי איז.

נאָכאַמאָל. איך געדענק נישט אַקוראַט דעם דאַטום, װען ער האָט אונדז געלאָזט װיסן, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער אויף אײ־ביק. אָבער אַ יאָר אַכטצן זײנען שוין זיכער אַריבער זײט יענעם זאָג זײנעם און ביז איצט איז ער ברוך השם נישט פאַרפאַלן געװאָרן.

פון אַ יונג ליכטיק בחורל איז ער זיך אין אַ גאַנץ לײביקן מאַן צעװאָקסן און דערבײ די ליכטיקײט נישט פאַרלוירן.

דאָס פּנים זײנס איז קײלעכדיק, גליענדיק און ראָז, װי עס איז שטענדיק געװען. די אויגן פריש און בלוי און די פײנע דינ־הויטיקע רינגען אַרום די אויגן האָט ער פאַרמאָגט מיט אַכטצן יאָר צוריק און די בלאָנדע, קרײזלדיקע האָר איבער זײן פײן פאָר־מירטן קאָפּ, האָבן זיך אויך כמעט װי נישט געביטן.

דאָס אײניציקע, װאָס האָט זיך יאָ געביטן פאַר די לעצטע אַכטצן יאָר איז דאָס לעבן אַרום אים, אָבער זישאַ לאַנדױ האָט קײנמאָל נישט געדאַרפט מערער, װי בלויז עטלעכע יחידים פון דעם אַרומיקן לעבן, כדי צו האָבן אויף װעמען אַן אײנדרוק צו מאַכן און אַזעלכע יחידים זײנען אויך איצט דאָ אַרום אים און זײ װעלן זײן אַלע מאָל.

איז װאָס זשע פעלט אים?

זיצט ער טאַקע אויך איצט מיט זײ בײ אַ טישל אין קאַפע־הויז, װי ער איז געזעסן אין די די פריערדיקע יאָרן מיט זײ, אָדער מיט ענלעכע צו זײ, האָט הנאה, װאָס ער איז פיל קליגער פון זײ און ער איז זײ דערפאַר מכבד פון גאַנצן האַרצן מיט זײער פײנע סיגאַרעטלעך.

ג.

עס איז פּשוט מקנא צו זײן זישאַ לאַנדױן.

דאָס לעבן אַרום אים איז אָװעקגעפאָרן מיטן ברײטן טראַקט

פאַראויס און אים איבערגעלאָזט פון הינטן און ער הויבט נישט אָן צו וויסן וועגן דעם.

און אפשר ווייסט ער עס יאָ, נאָר ער מאַכט זיך פשוט נישט ווייסנדיק, אַז אַזוינס איז טאַקע געשען, וואָרים זיך נישט ווייסנדיק צו מאַכן איז שטענדיק געווען די טבע ביי זישא לאַנדוי.

— מען זאָגט, אַז דער און דער שרייבט איצט אויסגעצייכנטע זאַכן, — האָט ער טבע מיט אַ געמאַכטער טאַמעוואַטעקייט אויף זיין פּנים פּלוצלונג צו באַמערקן פאַר חברים און גלייך נאָכדעם קומט אַ ודוי:

— איך ווייס נישט... איך לייען נישט... איך פאַלג פשוט נישט נאָך...

איז דאָס אודאי זייער פיין, וואָרים מען קאָן דאָך נישט האָבן קיין טענות צו אַ מענטשן, וואָס ווייסט נישט, וואָס לייענט נישט און וואָס פאָלגט נישט נאָך. אָבער אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער צעגלאָצן זיך זיינע אויגן פון עקסטאַז און ער הויבט אָן צו דעקלאַמירן אויף אַ זייער לירישן אופן שלעכטע, גאַרנישט זאָגנ־דיקע שורות פון דעם אָדער יענעם גראַפאָמאַן, באַטאָנענדיק נאָך יעדער שורה באַזונדער:

— עס איז וואונדערלעך!

— וואו איז דאָ די וואונדערלעכקייט? — שטייט אַמאָל עמי־צער צו און וויל אַ באַגרינדונג, אָבער זישא לאַנדוי מאַכט זיך נישט ווייסנדיק וועגן דעם, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים און ער זוכט שוין צו מאַכן אַן איינדרוק מיט עפּעס אַ חכמה, וואָס האָט צום ענין קיין שייכות נישט.

מען זאָגט, אַז ער שטאַמט פון הוילע רביים, וואָס האָבן אַמאָל געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע אין דער פוילישער מדינה, אָבער אין זיינע לידער איז קיין סימן נישטאָ פון זיין אָפּשטאַם. די ערשטע יאָרן זיינע אין אַמעריקע איז ער געווען אַן אַרבעטער, — ער פלעגט איבערפאַרבן די ברודנע דירות אין אַלערליי הייזער, אָבער עס וועט זיין אומזיסט אייער זוכן עפּעס וועגן דעם אין זיי־נער אַ שורה, איר וועט אַזוינס נישט געפינען. איצט איז ער אָנגע־

שטעלט אין דער גרעסטער צדקה־אינסטיטוציע פון נױאָרק, יעדן טאָג קומט ער מסתמא פּנים אל פּנים מיט אַלערלײ װירקלעכקײטן און עס איז די זעלבע זאַך.

ער האָט אַ געװאַלדיקן טאַלאַנט זיך נישט װיסנדיק צו מאַכן פון דעם, װאָס אַרום אים קומט פאָר.

פאַראַן בלויז אײנאונאײנציקער פּאַר װעמען זײנע אױגן זײ־נען שטענדיק אָפן מיט גרױס ליבשאַפט און באַװאונדערונג און דאָס איז ער אַלײן. פאַרגעסט ער טאַקע נישט צו זינגען װעגן דעם, אַז פון צײַט צו צײַט זיצט ער אויף דער „װעראַנדע" און גוט איז אים און װאויל איז אים, װאָס ער הײסט „זישא לאַנדױ". דערמאָנט ער אַמאָל דעם װיכטיקן װערט פון אַלקאָהאָל, װאָס האָט אַ טבע צו ברענען, װען מען צינדט אים אָן און מען קאָן בײַ זײַן װאַרעמקײט אָנװאַרעמען די אײגענע זײַטן, װען עס איז קאַלט. אָ יאָ, ער האָט אַמאָל אין זײַן לעבן אויפגעהויבן זײַנע אויגן אויף „ניגערטעס", אָבער דאָך זײַנען נישט געװען יענע ניגערטעס װע־מענס מענער און חתנים מען הענגט בײַ אונדז אין דער „ציװי־ליזירטער" מדינה אויף אויף די בוימער און די טעלעגראַף־סלו־פּעס, נאָר עס זײַנען יענע ניגערטעס, װאָס האָבן סאַמעטענע לײַבער און װעמענס ריח עס איז ניט דערװידער חלילה צו די נאָזלעכער פון דעם ראַפינירטן דיכטער.

ד.

אין די איצטיקע טעג, װען דאָס װאָרט האָט זיך אויפגעהערט צו פודערן די נאָז, זיך צו שמינקען די ליפּן און מאַכן חנדלעך מיט די אויגן, נאָר שפּאַנט אַרום אין אַ פּשוטן אַרבעטער כאַלאַטל, איז אונדז נישט שװער צו אונטערשײדן, װאָס איז אָנגעפולט און װאָס איז לײדיק, אָבער יענע יאָרן, װען די אַרענדע פונם װאָרט איז געװען אין די הענט פון די „יונגע", איז דאָס װאָרט געװען זײער פאַרפּירעריש.

אין יענער צײַט איז נישט געװען קײן פראַגע, װאָס אַזױנס דאָס װאָרט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, נאָר װי אַזױ עס האָט אַרײַנגעטענצלט. און זישא לאַנדױס װאָרט איז געװען אַזאַ לופט־

טיקס, אז עס האָט געטאַנצט, נישט באַרירנדיק די ערד אונטער זיך.

ער אַליין איז אויך געווען אַזאַ.

אַ יונג בחורל מיט גרויסע בלויע אויגן און בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך וואויל־יונגעריש געקרייזלט צו זיין שטערן אַרונ־טער און כאָטש ער האָט שוין דענסטמאָל אַ ווייב און אַ קינד געהאַט, האָט ער זיך צווישן זיינע חברים געהאַלטן, ווי אַ צעבאַ־לעוועט בן־יחידל, וועמען עס זיינען באַזונדער דערלויבט אַלערליי שקאָצעריי און קאַפּריזן.

ער איז געווען דער פלינקסטער קוילנוואַרפער אינם אויוון אַריין פון וואַנען עס איז אויפגעגאַנגען דאָס פייער צו פאַרניכטן אונדזערע „אַלטע" אין דער ליטעראַטור.

אַנדערע פון זיינע קאָלעגן האָבן אפשר אָפטער און מערער באַנוצט די פען אינם קאַמף, אָבער עס זיינען געווען זושא לאַנד־דוים געוואַגטע „ווערטלעך", וואָס זיינען געווען די סטימולן פאַר זייער מוט.

אין דער חשיבות, וואָס האָט זיך אין יענע יאָרן זייער שטאַרק פאַרשפּרייט אַרום דעם נאָמען „יצחק לייבוש פרץ", האָט ער געטאָן אַ שאָס אַריין:

— דער וואַרשעווער ליטעראַט!

ענלעכע באָמבעס פלעגט ער אַרויסשיסן פון זיך אויף די אַדרעסן פון יהואש, מאָריס ראָזנפעלדן און אַנדערע עלטערע שריפטשטעלער. און עס איז גאָרנישט נויטיק געווען ער זאָל זיי אויפשרייבן מיט דער פען. עס איז גענוג געווען ער זאָל זיי אַרויס־זאָגן בייט קאַפע־טישל און אַנדערע זאָלן זיי שוין צעטראָגן אין זיין נאָמען.

אין נאָמען פון וואָס האָט ער דעם כוח געהאַט צו שיסן מיט אַ לייכט הארץ אַזוי פיל באָמבעס?

איצט, נאָך צוואַנציק יאָר, ווען מען באַטראַכט דאָס גאַנץ ביסל „האָב און גוטס", וואָס מען קאָן ביי אים צונויפזאַמלען, פרעגט זיך די פראַגע, אָבער אין יענער צייט האָט מען זי נישט

געפּרעגט, וואָרים דעמאָלט איז געגוג געווען צו האָבן אין דעם אייגענעם פּארמעג אַ פּאָר געצײלטע, דינלופּטיקע, אָנגעפּודערטע ווערטער, אַז מען זאָל זיך דערפילן, ווי אַ גאַנצער גוט־באַזיצער, עס איז נישט נויטיק געווען זיך אויפצוהויבן אין אַן עראָפּלאַן איבער די וואָלקנס און איבערפליען דעם אַטלאַנטיק, כדי צו ווערן אַ לינדבערג. עס איז גענוג געווען צו קאָנען אויף אַ פּלינקן אופן זיך אומשפּילן מיט גומענע, קאָליריקע פּילקעס:

— דו ביסט מיינע? — איך בין דיינע
— דו ביסט מיינער? — יאָ.
— רעד, כיהאָב ליב די שטימע דיינע
— רעד איך שיין? — יאָ.

שיין צו זיין, דאָס איז געווען זושא לאַנדויס איינציקער באַ־גער און ער איז דאָס טאַקע געווען אויך:

— לאַנדוי, וואו האָסטו גענומען אַזא פריש, צעגליט פּנים?

— דאָס איז פון קאַלט־קרים, — פלעגט ער ענטפערן מיט וואויל־איינגערישקייט אין די אויגן.

— לאַנדוי, די האָר דיינע זיינען אַזוי קרוזיק.

— עס נעמט מיר צוויי און אַ האַלב שעה יעדן מאָרגן פאַרן שפּיגל זיי אַזוי צו מאַכן, — פלעגט ער געבן אַ פּיפּיקן ענטפער.

אָבער הנאה האָט ער געהאַט פון אָט די קאָמפּלימענטן און ער פלעגט אָט די חכמות זיינע איבערדערציילן פאַר די חברים ביים קאַפע־טישל מיטן זעלבן געפּודערטן מאַניער, ווי געפּודערט עס זיינען געווען די שורות פון זיינע לידער.

ה.

און פּודערן זיינע לידער האָט זושא לאַנדוי געמוזט. ער האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט העלפן. וואָרים די שיינקייט פון זיין וואָרט איז נישט קיין לעבדיקע און דאָס וואָרט זיינס האָט קיין קול נישט, אין בעסטן פאַל האָט עס אַ טאָן, — אַן אָנשטרענגענדיקן טאָן, אָבער קיין קול, וואָס זאָל קאָנען איבערגעבן אַלערליי טע־נער האָט עס נישט.

זישא לאנדוים ווארט זעט מען, אבער מען הערט עס קיינ־מאל נישט.

קיין זאמלונג פון זיינע לידער האט ער נאך ביז איצט נישט ארויסגעגעבן, אבער עס ליגן אויף מיין טיש א היפשע צאל פון זיי און וויפיל מאל איך זאל זיי נישט איבערלייענען, הערט זיך נישט אויף צו פרעגן אין מיר:

— וואס זשע אזוינס זאגט מיר זושא לאנדוים ווארט?

עס שוועבט פארביי פאר מיינע אויגן פון דעם אדער יענעם ליד זיינם א פיין בילד. אבער עס שלאגט דערפון נישט מיט קיין לעבן און מען הערט נישט קיין קול, וואס זאל רעדן צו דיר. עס איז גיכער א בילד, וואס דו זעסט אמאל אין אן עלעגאנט שוי־פענצטער, — פיינע קליידער קאמבינאציעס אויף א מענעקען.

פון גרויסן הוט פאלט אויף דיין שטערן
א טיפער שאטן. שארפער קוקן
די קנייטשן פון ארום דיין מויל.
און אויף א העלפט פון דיין געזיכט

זישא לאנדוי קאן אויסמעסטן, אז דער שאטן איז פונקט אויף א העלפט פון איר געזיכט, ווייל דאס פנים איז פון א מענעקען און נישט פון קיין לעבעדיקן מענטשן.

נישט אומזיסט האט זישא לאנדוי מיט א צייט צוריק פאר־עפענלעכט אן ארטיקל, וואס האט געהייסן: „פארן כבוד פונם ווארט”. א דיכטער, וואס האט נישט מער, ווי בלויז דאס אויס־געטאקט, ארומגעפיילט ווארט, מוז זיך אפגעבן דערמיט, דאס פודערן, שמינקען און עס האלטן בכבוד.

און ווי מיטן קול אין זיינע לידער, אזוי אויך מיטן קול ביי אים פערזענלעך.

מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואס בשעת אין זיינע לידער איז דערפון קיין סימן נישטא, האט ער אין לעבן דוקא א קול, אבער ער וויל זיך דערמיט ניט באנוצן.

פארוואס?

דאָס איז דערפאַר, ווײַל זישא לאַנדוי איז בײַ אונדז דער היפּוך פון אַלעמען.

בשעת בײַ אַנדערע זײַנען די לידער די אָפּשפּיגלונג פונם דיכטערס פּערזענלעכקייט, שפּיגלט זיך זישא לאַנדוי אין זײַנע לידער און באמת זיך אויסצוקוקן, ווי זיי קוקן אויס.

עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף זײַנע לידער, — די ווערטער זײַנען אַזעלכע אויסגעטאָקטע, אויסגעבאָדענע און צוגעפּודערטע, אָבער קיין קול הערט מען נישט פון זיי.

און פּונקט אַזוי איז אַ מחיה אַ קוק צו טאָן אויף אים אַליין, כאָטש קיין קול הערט מען נישט.

יעדעס מאָל, ווען איר זעט אים, האָט איר פּשוט דאָס געפיל אים אָפּצושפּרעכן אַן עין־הרע און איר ווינטשט טאַקע פון גאַנצן האַרצן, אַז קיין בייז אויג זאָל אים חלילה נישט שאַדן, אָבער הויבט ער אָן רעדן צו אײַך, מוזט איר אים אַלע ווײַלע איבער־רייסן:

— אַנטשולדיקט, לאַנדוי, וואָס האָט איר געזאָגט?

איר רייסט אים איבער, ווײַל איר הערט נישט וואָס ער זאָגט, איר זעט בלויז, ער באַוועגט מיט זײַנע ליפּן.

עס טרעפט זיך, אַז ער טוט אײַך אַמאָל צוליב און ער צע־רעדט זיך אַביסל העכער, אָבער דאָס האַלט קיינמאָל נישט אָן צו לאַנג. באַלד מוזט איר אים שוין ווידער איבעררייסן:

— אַנטשולדיגט, לאַנדוי, וואָס האָט איר געזאָגט?

ו.

עס דערמאָנט זיך מיר אַן אָוונט אינם קאַפע־הויז, וואוהין עס קומען אַריין אונדזערע שרײַבטשטעלער.

עס איז געווען אַ פּאָר אָוונטן נאָך דער לויה פון משה לייב האַלפּערינען. די חברים זײַנען אַלע געווען דערשלאָגן, מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון דעם גרויסן אומגליק. זישא לאַנדוי איז אויך געווען דערשלאָגן גלײַך מיט אַלעמען.

פּלוצלונג טוט ער אַ זאָג און דוקא מיטן פולן קול זײַנעם, אַז די אַרומיקע זאָלן הערן:

— אַ גרויסער דיכטער געווען משה לייב.

איך געדענק, אַז איך האָב אָנגעשטעלט מיינע אויגן אויף אים פון איבערראַשונג, וואָרים איך האָב געקאָנט זיין באַציאונג צו האַלפּערינען און האָב נישט דערוואַרט צו הערן אַזוינס פון זיין מויל.

אָבער דאָ האָט ער גענומען פאַרטזעצן און ווידעראַמאָל אויפן קול:

— אַ גרויסער דיכטער... אַלע האַלטן אַזוי... איך אויך... כאָטש קיין גוטע שורה אין זיינע לידער האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט געפינען...

אין יענעם מאָמענט האָב איך געזען זישאַ לאַנדוין, ווי איך פלעג אים זען מיט אַכטצן יאָר צוריק, כאָטש דאַס מאָל איז שוין געזעסן לעבן מיר אַ באַלייבטער און דערוואַקסענער מענטש. איך האָב אים געזען אין דער ראָלע פון אַ צובאַלעוועט בן־יחידל, וואָס ווייסט, אַז מען וועט זיך פרעגלען פון נחת פון אַלץ, וואָס ער וועט זאָגן, אָבער איצט נאָכדעם, ווי איך האָב איבערגעזיפּט אַ היפּשע צאָל פון זיינע לידער איז מיר קלאָר, אַז אין זיינע באַמערקונגען וועגן האַלפּערינס לידער איז נישט געווען גלאַט אַזוי קיין חכמה.

ער האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט און אויפריכטיג, וואָרים ער איז פאַרשטייט איר מיך, גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש. ביי אים קאָן מען בפירוש זיין אַ גרויסער דיכטער אפילו, ווען מען האָט נישט אויפגעשריבן קיין איין גוטע שורה.

עס וואָלט אפשר כדאי געווען אים אַ פרעג צוטאָן, וואָס ער טראַכט וועגן זיך אַליין. איז אָבער די מעשה, וואָס אויף אַזאַ פראַגע וועט ער זיכער אַרעסטירן דאָס קול אין זיך און ענטפערן בלויז מיט באַוועגונגען אויף זיינע ליפּן און דעמאָלט וועט מען האָבן אַן אַרבעט אים איבערצורייסן:

— אַנטשולדיקט, לאַנדוי, וואָס האָט איר געזאָגט?

הערמאַן גאָלד

אינעם קאפע „ראיאל״, וואוהין בלערליי מענטשן כאַפּן זיך אריין כדי צו „באַאָבאכטן״ די אידישע קינסטלער פון דער נאָענטקייט, איז הערמאַן גאָלד די גרעסטע אטראַקציע.

אָפטמאָל טראַכט איך, אז ווען די באַלעבאָסטע וואָלט אביסל מער פארשטאַנען איר געשעפט, וואָלט זי נישט נאָר נישט געווען אומצופרידן מיט דער דיסהארמאָניע, וואָס הערמאַן גאָלדס אויסזען, הילוך און האַלטונג ברענגען אריין אין דעם פּלאַץ, נאָר זי וואָלט צופרידן געווען מיט אים אָט אזוי ווי ער איז. ווען זי וואָלט געהאט אַן אנונג, וואָס פאר א צוציאונגס־קראַפט ער איז פאר דעם קאפע־הויז, וואָלט זי געהייסן די קעל־נערס אים סערווירן אַלץ, וואָס זיין הארץ באַגערט און ער וואָלט פארשפּאָרט זיך אַלע וויל ווענדן הויך אויפן קול צו זיינע נאָענטע:

— העי דו, וועסט צאָלן פאר א קאַווקעלע?

אָבער, ווען די באַלעבאָסטע פונעם קאפע־הויז וואָלט וויר־קלעך אזוי געהאנדלט, וואָלט זי דערמיט אָפּגעווישט א געוויסן קאָליר פון זיין כאראַקטער, ווארים דעמאָלט וואָלט דאָך אויס־געפעלט זיין אָפטער אויסרוף:

— וואָס הערט זיך מיט קעז־קוכן, העעע!!!

ב.

ספּעציעל איז ער א גרויסע אטראַקציע פאר די קריסטן און די פארגוויאישטע אידן, וואָס לאָזן זיך פון צייט צו צייט אהין ארונטער:

— ווער איז אָט דער מיט דער טשופּרינע? — פרעגן זיי מיט גרויס נייגעריקייט ביי די קעלנער.

— אָט דער מיט דער באָרד, מיינט איר?

— יאָ, מיט דער טשופּרינע און דער באָרד.

— דאָס איז אַ אידישער שריפטשטעלער, — לאָזן די קעלנער וויסן און דעמלט הויבט זיך אָן אַן אויגנגלאָצעניש, אַן איבערקוקעניש צווישן זיך און ווידעראַמאָל אַן אויגנגלאָצעניש אויף הערמאַן גאָלדס צעפלויגענער טשופּרינע און טונקל־קאַש־מעוואַטער באָרד, דורך וועלכער עס זעט זיך אַרויס דער אויבער־שטער טייל פון זיין פּנים, ווי אַ נס דורך אַ שפּאַרונע פון טונקל־מאַכיקע ברעטלעך.

ביים אידישן עולם וועקט ער אויך נייגעריקייט, אָבער ביי אַט דעם עולם קומט מיט דער נייגעריקייט אויך אַביסל פּאַרדרוס מחמת באַציאונג צו דער אידישער ליטעראַטור.

מען פילט זיך עפּעס, ווי געפאַלן הלמאי אַ אידישער שריפטשטעלער האַלט זיך אַזוי און מען רעדט טאַקע צווישן זיך:

— מילא, אַ טשופּרינע . . . אַ באָרד . . . אָבער צוקעמען וואָלט ער זיך דאָך געמעגט . . . עס איז נישט אַזאַ שווערע אַרבעט ! . . .

דערצו ווערט די נייגעריקייט צו הערמאַן גאָלדן ביים אידישן עולם אַפּט אָוועקגעשאַרט אָן אַ זייט דורך די אַנדערע אידישע שריפטשטעלער, וואָס געפינען זיך דאָרטן און צו וועלכע אַט דער עולם האָט אַ וואַרעמע באַציאונג:

— אָט דער איז לאַמעד שאַפּיראָ.

— פון „צלם”?

—יאָ.

אויגן ווערן אָנגעשטעלט אויף אברהם רייזענען און די בליקן זייערע, — שמייכלענדיקע און גלעטנדיקע:

— האַלט זיך אויסגעצייכנט, אונדזער רייזען!

אַז עמיצער דערקאָנט ש. ניגערן, ווערט זיין בליק, ווי פון זיך אַליין פול מיט דרך ארץ:

— דאָס איז ש. ניגער.

אַזוי איז מיטן אידישן עולם, אָבער מיט דעם קריסטלעכן, אָדער מיט די פּאַרגוויאַישטע אידן איז עפּעס אַנדערש.

די נעמען פון די באַרימטסטע אידישע שריפטשטעלער זײנען זײ פרעמד. סײדן אפשר י. י. זינגער, װעמענס „יאָשע קאַלב" זײ האָבן מסתמה געזען אין טעאַטער, אָדער שלום אַש, װעמענס „דרײ שטעט" אױף ענגליש איז לעצטנס זײער באַרימט. אָבער אָט די צװײ שריפטשטעלער קוקן דאָך אױס װי מענטשן פון זײערע אײגענע קרײזן. אַנדערש איז דאָס אױסזען פון הערמאַן גאָלדן. עס ענטפערט זײער זוכעניש נאָך עקזאָטישקײט און אַז זײ באַטראַכטן אים קריגט זײער ארונטערלאָזן זיך אין דער אידישער געגנט אַ זין. זײ האָבן דאָס געפיל, אַז זײ באַזוכן אַ פרעמד און װײט לאַנד און פאָרנדיק אַהײם אין זײערע אױטאָמאָבילן, האָבן זײ פון װאָס צו זײן צופרידן.

— האָסט געזען זײן באָרד?

— נו און די האָר?

— הײנט, װי טומלדיק ער איז!

ג.

װענן װאָס זשע טומלט עס אַזױ בײ זײן טישל, אָט דער טומלדיקער הערמאַן גאָלד?

זײנען דאָס די פּראָבלעמען פון די הײנטיקע טעג, װאָס רײסן אַזױ אָפּט זײן מױל און צװינגט זײן קול זיך אַ װאָרף צו טאָן איבער אַלע שכנה'שע טישלעך?

אמת, עס איז נישט נאָר זײן קול, װאָס רײסט זיך פון אים. אָפּטמאָל רײסט זיך פון זײן האַנט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברױט, אָדער אַ צונױפגעדרײט שטיקל צײטונג צו עמיצן אין קאָפּ אַרײן, אָבער דאָס איז חלילה נישט פון אַנטריסטונג צו יענעם, נאָר גלאַט אַזױ:

— העי דו!

— אַ קאָװקעלע מיט הױט װעסטו געבן?

פאַראַן בלױז אײן זאַך איבער װעלכער הערמאַן גאָלד װערט אַמאָל בײז, און דאָס איז די אידישע שפּראַך:

— העי, דו, מוזט עס לײענען אַ קריסטלעכע צײטונג?

אָבער אפילו דעמלט איז דאָס נישט קיין אמתע בייזקייט, נאָר א שפּילן זיך אין בייזקייט.

דאָס שטיקל פּנים, וואָס זעט זיך ארוים צווישן זיין באָרד און טשופּרינע ווייעט שטענדיק מיט אינגלישע שטיפערישקייט און זיינע טונקעלע אויגן קוקן אויף אייך שטענדיק מיט א גלענצעלע, וואָס מאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט פון וואָס פאַר א זייט ער קען אייך אָפּטאָן עפּעס א שפּיצעלע. דאָס מויל זיינס זעט זיך נישט ארוים מחמת די וואָנצן זיינע גיסן זיך צוזאַמען מיט דער באָרד. איז דער־פאַר אפשר זיין קול אַזאַ ווייטס און א פרעמדס. עס איז, ווי עס וואָלט איבער א וואַנט צו אייך געקומען און נישט פון יענעם סאָרט קול, וואָס קומט צו אייך איבער א וואַנט, שעפּ־טשענדיק מיסטעריעז, נאָר א קול, וואָס שרייט ממש מיט גע־וואַלד צו אייך.

און וועגן וואָס געוואַלדעוועט אַזוי הערמאַן גאָלדס קול אין אייערע אויערן?

— העי דו, פּאָעט מיינער, באַשטעל לאַטקעס.

— ווּעסטו באַצאָלן פאַר א שטיקל קעז־קוכן?

— אויף פערצנטער גאַס קריגט מען א מאָלטעד פאַר א ניקל!

עס איז זייער טשיקאַווע, וואָס אָט די אַלע אויסגעשרייען קומען צו אייך דוקא, ווען איר זיינט פּאַרטאָן אין א ווּיכטיקן געשפּרעך מיט עמיצן. עס איז ביי אים, ווי א מין שפּיצעלע אָפּצעטאָן. עס טרעפט זיך, אַז איר ווערט אויף אים אין כעס דערפאַר און גיט אים א גאָב, אָבער עס טרעפט זיך אויך אַמאָל, ווען איר בלייבט זיצן, ווי א געפּלעפּטער פון זיינע אויסגעשרייען. איר קוקט אים אָן און אייך נעמט זיך אויס־דאַכטן, אַז הינטער דער אינגעלשער שטיפערישקייט אויף זיין פּנים און הינטער דעם גלענצעלע פון זיינע בליקן איז א טיפע מיסטעריע פאַרבאָרגן און דעמלט קלינגט זיין קול אין אייערע אויערן גאָר אַנדערש, ווי שטענדיק.

איר הערט, ווי ער בעט בײַ אײַך אַ קאַװועלע מיט הויט. אַ שטיקל קעז־קוכן, אָדער גאָר אַן הלואה פֿון אַ פֿעני און איר האָט דאָס געפֿיל, אַז נישט אָט די זאַכן וואָס ער רופֿט אָן בײַ די נעמען, בעט ער בײַ אײַך, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש. נישט מער אײַערע אויגן זײַנען צו טעמפּ אויפֿצוכאַפּן, וואָס אײַגנטלעך ער וויל. דאָס קאַװועלע, דער קעז־קוכן און די פֿעני קלינגען פֿאַר אײַך, ווי סימבאָלן, וואָס זײַנען אײַך שווער צו באַנעמען און איר בלײַבט זיצן צעמישט און פֿרעגט זיך:

— ווער זשע איז ער אין דער אמתן, אָט דער הערמאַן גאָלד?

ד.

איך געדענק זײַער גוט, ווען ער האָט נאָך קיין באָרד נישט געהאַט, אָבער אויך דעמלט איז ער אַ באָבערדלדיקער געווען. כאָטש זײַן קין און זײַנע באַקן זײַנען געווען געראַזירט.

זײַן אויסזען האָט שטענדיק געמאַכט אויף מיר דעם אײַנ־דרוק פֿון אַ לעבעדיק געוואָרענע צייכנונג פֿון אַן אַלטן מחזור. זײַן שרײַבן אויך אַזוי. אַלט־מאָדיש אין דער פֿאָרם און אַלט־אידיש אין אינהאַלט. עס איז יענע אידישקייט, וואָס זיצט נאָך אַלץ איבערגעבויגן איבער „צאנה וראנה”, אָדער דעם „קו־הישר”. אפֿילו, ווען ער צעשפּילט זיך אַמאָל מיט דער שפּראַך איז דאָס נישט קיין באַגער פֿאַר אַ געוויסן ריטם, אָדער אַ גע־וויסע פֿאָרעם, נאָר עס איז אַן עמאַציאָנעלע צעדראַליעווקייט פֿון אַ פֿריילעכן אידן אויף אַ מלוה־מלכה. נישט אומזיסט איז דער הויפּט־מידיאום פֿון זײַן אויסדריקן זיך די פּשוטע מעשה. נישטאָ קיין אַנדער פֿאָרם אין דער ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי עכט־אידיש, ווי די פּשוטע מעשה. זי האָט איר וואָרצל בײַ די אונטעראַויוונס פֿון די אַלטע בתי־מדרשים און קלויזן. זי האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהויבן אויך אויף די פּריזבעס בײַ די לײמיקע שטיבלעך פֿון אונדזער קליינשטעטלדיקן לעבן.

הערמאַן גאָלדס אופֿן פֿון דערציילן האָט אַלע טעמים פֿון די אונטעראַויוון־מעשות. זײַן שפּראַך איז אַזוי באָבערדלט

און באַפּאַטשיילעט, אַז געוויסע לייענער אונדזערע שפּירן שוין אין איר אַפּילו אַ מין אולטראַ־מאָדערניזם.

ספּעציעל נעמט מען אָן פאַר מאָדערניזם די פערזנפאָרם מיט וועלכער ער האָט זיך ליב פון צייט צו צייט אַ שפּיל צו טאָן. כאָטש עס איז נישטאָ אין זיינע פערזן דער מינדסטער אָטעם פון אונדזער צייט, זיינען פאַראַנען ביי אונדז אַזעלכע, וואָס באַטראַכטן אים פאַר אַ מאָדערנעם פּאָעט. און עס איז נישט קיין וואונדער אויף אָט די מענטשן. עפּעס האָבן זיי געהערט, אַז אַלץ, וואָס איז קלאָר און פאַרשטענדלעך איז שאַב־לאָן, איז אַלט און אמתער מאָדערניזם באַשטייט אין דעם, וואָס מען דאַרף זיך גריבלען און גריבלען און ערשט ניט קאָנען באַנעמען.

די אומפאַרשטענדלעכקייט אין הערמאַן גאָלדס פערזן באַ־שטייט מער אין חידהשקייט, ווי אין אַן אייגנאַרטיקייט פון אי־מאַזשן. און דאָס איז ווידער אַ כאַראַקטער־שטריך פון זיין אַלט־אידישקייט, וואָרים צוזאַמען מיט דער פאָרעם פון דער פּשוטער מעשה אונטער די אויוונס אין די קלויזן און אויף די פריזבעס פון די שטיבער איז אויך פּאָפּולער געווען די פאָרם פון דער חידה.

— איך וועל אייך פרעגן אַ רעטעניש, — פלעגט איינער פון דער העלער הויט אַ פרעג טאָן און די צוהערער האָבן געהאַט אַ ווילדע הנאה צו ברעכן די קעפּ און דרייען די פינגער אין דער לופטן אריין וועגן דעם באַהאַלטענעם מיין.

ה.

און עס איז גאָרנישט קיין צופאַל, וואָס אויך פּרנסה ציט הערמאַן גאָלד פון אַלטוואַרג.

וואָלט ער נישט געווען קיין געבוירענער שריפטשטעלער, וואָלט ער מסתמא מיט אַלע קליידער געהאַנדעלט. דער שריפט־שטעלער אין אים האָט אים געפירט צו אַן אַנדער מין אַלטוואַרג.

אַלטע ביכער און אַלטע שמות אויף וועלכע ער איז ביי אונדז אַ גרויסער מבין און ער פאַרמאָגט זיי אין די טויזנטער.

מען זאָגט, אַז די ביבליאָטעקן פון די גרעסטע װעלט־צענ־טערס שטייען מיט אים אין שטענדיקער, נאָענטער פאַרבינדונג און אַז ער פאַרדינט פון זיין געשעפט ממש אוצרות מיט געלט, אָבער מאַלע וואָס מען זאָגט.

אָט שטייט ער דאָך פאַר אַ חבר אין זיין צעכראַסטעט, נישט געוואַשן העמד און בעט:

— העי דו, ליי מיר אַ פּעני.

מען דערציילט אויך, אַז דאָס, וואָס ער האָט זיך אַ באָרד פאַרלאָזן, איז דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט אַ שפּיצל אָפּטאָן זיינע קינדער, וואָס ווילן קיין אידיש ניט ריידן.

עס הייסט אומגעפער אַזוי. ער האָט געהאַט אַ מחלוקת מיט זיינע קינדער, וואָס ווילן קיין אידיש נישט ריידן און ער האָט צו זיי געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

—איר, קינדער מיינע, ווילט קיין אידיש נישט ריידן? נו גוט. אָבער איך, אייער טאַטע, וועל דערפאַר זיך אַ באָרד פאַרלאָזן, וואָס וועט שטענדיק שטעכן אייערע אויגן מיט אי־דישקייט.

אָט אַזוי דערציילט מען און עס קאָן זיין, אַז אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אויב עס איז אפילו אמת, איז דאָס ביי אים געווען נישט מער, ווי אַן אויסרייד, וואָרום אין דער אמתן האָט ער די באָרד געוואָלט, ווייל זי איז אַ טייל פון זיין כאַראַקטער.

אָן דער באָרד וואָלט ער געווען נישט מער, ווי אַ קאַרי־קאַטור פון אַ מאָדערנעם למדן אין אַלע אַלטמאָדישע ביכלעך אויף עברי־טייטש.

ער איז דאָס טאַקע און עס איז די באָרד, זיין טשופּרינע וואָס ראַטעווען אים פון קאַריקאַטורישקייט.

אַ צייכנונג פון אַן אַלטן מחזור איז לעבעדיק געוואָרן און דרייט זיך אַרום צווישן אונדז און רעדט מאַמע־לשון. אָט די צייכנונג איז דורך הונדערטער יאָרן געגלעט און געצערטלט געוואָרן פון פרומע, אידישע פינגער און אין דער אויס־

טערלישקייט פון הערמאַן גאָלדן פילט זיך פון צייט צו צייט אַט די פרומקייט.

— העי דו, אַ קאַווקעלע מיט הויט.

— קעז־קוכן!

—לאַי מיר אַ פעני.

איר הערט זיין קול און באַטראַכט אים. אמאָל איז דאָס דערווידער, אָבער פון צייט צו צייט בלייבט איר זיצן און פרעגט זיך:

— וואָס וויל ער אין דער אמתן, אָט דער הערמאַן גאָלד?

אָט אזוי פרעגט איר זיך, ווארום אייך טוט א מאַטער די פראַגע:

— ווער ווייסט?

י. י. שוואַרץ

פאַרוואָס גייט ער אַזוי אָן אַ זייט פון אונדזער לעבן? פאַרוואָס שפּאַנט ער נישט אַריין אין דער מיט פונעם טראַקט און לייגט נישט אַוועק קיין ברייטע צייכנס איבער אים?

האָט ער דאָך אַ פּאָר געזונטע טרעטערס און העגט האָט ער אויך אַ פּאָר געזונטע, וואָס וואָלטן אַ ווינט פון זיך געקאָנט אַ שלאָג טאָן, ווען ער וואָלט זיי געטאָן אַ צעפּיר.

איך קוק אויף אים, ווי ער שאַרט זיך שטענדיק אַזוי שטיל, אַזוי באַשיידן ביי די ווענט און נישט איינמאָל ווילט זיך מיר צוגיין נאָענט צו אים און אויסרופן:

— וואָס איז דער מער מיט דיר, י. י. שוואַרץ?

אָבער, אַז עס טרעפט זיך שוין אַמאָל און איך גיי טאַקע צו צו אים נאָענט, דערזע איך אַ טונקל, ווייך, קיילעכדיק און שיין פאָרמירט פּנים, צוויי טונקל ווייכע אויגן, וואָס קוקן דורך זיינע ברילן אויף דעם לעבן מיט יענעם גוטמוטיקן שמייכל, וואָס זאָגט בפירוש, אַז ער האָט חלילה גאָרנישט צו דער וועלט און דאָס איינציקע וואָס ער וויל איז, אַז די וועלט זאָל גאָרנישט נישט האָבן צו אים.

האָט טאַקע די וועלט צו אים גאָרנישט. זי לאָזט אים צורו. דער גרעסטער טייל פון אונדזער וועלט באַמערקט אים, ווי כמעט גאָרנישט. גלייך ער וואָלט נישט פאַרנומען דעם פּלאַץ אין אונדזער דיכטונג, וואָס ער פאַרנעמט. און יענער קלענער טייל, וואָס באַמערקט אים יאָ, שאָקלט צו אים דעם קאָפּ מיט דעם זעלבן וואַרעמען שמייכל, ווי ער שאָקלט צו איר.

— העלאָ, י. י. שוואַרץ, — באַגריסט אים שטענדיק אָט דער קלענער טייל פון אונדזער וועלט.

— העלאָ וועלט, — ענטפערט י. י. שוואַרץ אויף צוריק מיט צעשטראַלטער פרייד אויף זיין פּנים.

און עס איז קלאָר, אז אָט דאָס שטיקל וועלט איז פאַר אים געננוג. מער באַגערט ער נישט, מער וויל ער נישט און ער איז צופרידן.

ב.

און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס שטיקל וועלט אין וועלכן דער פּאָעט י. י. שווארץ לעבט זיך אויס, איז דאָס שטילסטע, דאָס געמיטלעכסטע.

די קרייזן פונעם נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד זיינען, ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיין געמיט. ער איז אין זיין כאַראַקטער פון יענע מענטשן, וואָס ראַטעווען זיך שטענדיק אַרויס פון געווירבל איבער דער ברייטער, רוישיקער עוועניו צו אַ שטיל און שמאָל געסל, וואָס ליגט דערביי אויף אַ זייט. וואָלט ער זיך געפונען אויף אַ שטורעמדיק וואַסער, וואָלט ער זייער גיך אויפגעזוכט אַן אינדזל ביי וועלכן צו אַנקערן זיין שיף און וואָלט ער צופעליק אַריינגעפאַלן אין דער מיט פון אַ כאַמסין אין דער מדבר, וואָלט זיין חוש אים גלייך געפירט צו דעם נאָענטן אָאַזיס אויף וועלכן עס איז דאָ אַביסל גראָז, אַ פרישער קוואַל וואַסער און אַ שאָטנדיקער בוים.

אָט אַזאַ מענטש איז דער פּאָעט י. י. שווארץ.

געווירבל איז אים דערווידער. קאַמף איז אים פרעמד. רויך איז נישט גוט פאַר זיינע שיינע, ווייכע אויגן און פאַר פייער שרעקט זיך זיין זינגעוודיק געמיט. סיידן דאָס פייער באַשטייט פון צניעותדיקע ליכט־פלעמלעך איבער אַ שיין גע־דעקטן שבתדיקן טיש, אָדער אַן עלעקטריש לעמפּל אונטער אַ גרינעם אַבאַזשור איבער זיין שרייב־טיש.

איז ער אַ מיטגליד פונעם נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד? איך ווייס נישט. טעטיק אין אים, אָדער אַרום אים איז ער סיי ווי נישט, ווייל טעטיק זיין ווי אַ טוער, איז נישט אין זיין כאַראַקטער. ער שפּאַרט זיך בלויז אין אים אָן, ווייל אינעם איצטיקן געווירבל פון שטורעם און דראַנג, איז דער „נאַציאָ־נאַלער ארבעטער פּאַרבאַנד" דאָס שטיל געמיטלעך אינדזל.

דעך עלעמענט אידן, וואָס שטעלט צונויף די אָרגאַניזאַציע שטייט מיטן פּנים צו ארץ ישׂראל און צו העברעאיש, כאָטש די האַנט ביי אים גיט אויך פון צייט צו צייט אַ גלעט איבערן קעפּל פון אונדזער אידיש. י. י. שוואַרץ איז אויך אַזוי. שרייבט אויף אידיש, אָבער איז אין זיין געמיט דורכאויס העברייאיש. לייענט זיינע פיינע לירישע לידער און איר וועט איבערראַשט ווערן, ווי אַזוי מען קאָן שרייבן אויף דעם אי־דישן לשון און עס זאָל זיך פילן דער טעם פון העברעאיש. אפילו זיין באמת פּראַכטפול בוך „קענטאָקי", וואָס האָט צו טאָן מיט פּשוטע פּאָלקס אידן און נעגערס, האָט אויך דעם געשמאַק פון העברעאיש. אַזאַ ביבלישע רואיקייט איז אויס־געגאָסן איבער יעדע פּאָעמע פונעם בוך „קענטאָקי". אַזאַ ווייטקייט ווייעט פון די געמעלן, כאָטש דאָס, וואָס דער דיכטער מאָלט פאַר אונדז איז ממש פון אונדזערע טעג אינעם האַרצן פון אונדזער גרויסער מדינה.

איר לייענט מיט פאַרגעניגן אָט דאָס פיין, עכט פּאָעטיש בוך אויף אידיש און איר האָט דאָס געפיל פאַר יעדן קאַפּיטל צוצושטעלן די שורה: מעשׂה שהיה, כה היה.

ג.

ער אַליין מאַכט מיט זיין אויסזען און האַלטונג דעם איינדרוק, ווי אַ מענטש, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ שיינער שוין לאַנג פאַרגאַנגענער מעשׂה. איך געדענק נאָך, ווען זיינע האָר זיינען געווען, ווי זיין נאָמען, אָבער אפילו איצט זיינען זיי שיין. זיי זיינען, ווי אַ געדיכטער זילבערנער צודעק איבער זיין פיין פאַרמירטן קאָפּ, און ער איז אַזאַ אויף וועמען מען מוז זיך ממש פאַרקוקן.

אפשר איצט נאָך מער, ווי אין זיין יוגנט.

ווער עס קאָן זיין שרייבן מוז, ביים אָנקוקן אים פּערזענ־לעך, זיך דערמאָנען אָן בועז'ן צו וועמען רות איז געקומען זיך בעטן, אַז ער זאָל איר צודעקן דעם קאָפּ.

עס שמעקט מיט אָפּגעשניטענע זאַנגען און זאַטן האַרבסטיקן אָוונט פון זיין אויסזען.

. איך האָב אים געזען אין דעם זומער־קעמפּ פונעם נאַצי־אָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. איז אַזאַ גאַנצקייט אויפגעגאַנגען פון אים, אַז עס האָט געשמעקט מיט געזונטער באַלעבאַטישקייט.

באַלעבאַטישקייט האָט געוויעט פון אַלע אידישע משפחות, וואָס האָבן אין אָט דעם קעמפּ פאַרבראַכט. די מערסטע מיט אייגענע רייכערע, אָדער אָרימערע אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן דערציילט פון מערער, אָדער ווייניקער איינגעפונדעוועטקייט דאָ אין לאַנד און די געמיטער ביי זיי זיינען אויך אַזעלכע רואיקע, וואָרים פון ארץ ישראל, וואוהין זייערע פּנימער זיינען געווענדט, הערט מען ברוך השם נישט קיין שלעכטע בשורות. — אידן קומען אהין אריין מיט יעדן טאָג אַלץ מערער און מערער, דאָס לאַנד ווערט וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער באַזעצט, די אַגריקול־טור בליט זיך פאַנאַנדער, די אינדוסטריע וואַקסט און ווי עס הערט זיך איז ביזנעס שוין דאָרטן אין פיל הינזיכטן בעסער, ווי דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע. אמת, מען הערט אויך אַביסל שאָטנדיקע נייעס, — נישט אַלע אַרבעטער זיינען דאָרטן צופרידן מיט דער לאַגע. עס איז פאַראַנען עקספּלאָאַטאַציע און די ספּעק־קולאַציע מיט וועלכע אַ געוויסער עלעמענט פון אונדזערע אידן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען איז אויך נישט זייער אַנגענעם, וואָרים מען איז דאָך אַ חוץ ציוניסטן אויך עפּעס סאָציאַליסטן, אָבער צו שטאַרק צום האַרצן נעמט מען זיך נישט, וואָרים דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס סע בויט זיך דאָרטן און עס וואַקסט קיין עין הרע.

אַזאַ קיין עין־הרע׳דיקייט האָב איך געפילט כמעט ביי אַלע באַזוכער פונעם קעמפּ און אַזאַ קיין עין־הרע׳דיקייט איז אויך אויפגעגאַנגען פונעם דיכטער י. י. שוואַרץ, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען נישט נאָר זייער באַקוועם אין דער סביבה פון זיין פרוי, זיין טאָכטער און איידעם און דעם אייניקל, נאָר אויך

באקוועם צווישן די זייער הארציקע, באַלעבאַטישע אידן, וואָס האָבן אים דאָרטן ארומגערינגלט.

און פאַרוואָס טאָקע נישט?

איז ער דאָך אַליין אויך אַזאַ הארציקער באַלעבאַטישער איד, ווי די אַלע, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט. און גוט זיינען זיי צו אים, ווייל זיי פילן אין אים אַ נאָענטן משפּחה־דיכטער. יעדער צווייטער איד האָט זיך ארומגעטראָגן מיט ביאַליקס שירים אונטערן אָרעם, וואָס י. י. שווארץ האָט אי־בערזעצט אַזוי גלענצנדיק אויף אידיש און זיי מיטגעבראַכט אין קעמפּ אריין צו פאַרקויפן. עס האָבן זיך דאָרטן געפונען אויך אַזעלכע אידן, וואָס נישט נאָר האָבן זיי אַליין געקויפט, נאָר האָבן אויף זיך גענומען מיט פאַרגעניגן די ארבעט די ביכער פאַר שווארצן צו פאַרקויפן.

און געטאָן האָבן זיי דאָס מיט דער גרעסטער ליבשאַפט.

איך האָב זיך אונטערגעהערט, ווי איינער אַזאַ פאַרקויפער, אַליין אַ גרויסער און דערפאָלגרייכער פאַבריקאַנט און אַ זייער חשובער טוער אינעם קעמפּ, האָט זיך געווענדט צו אַ אידן בזה הלשון:

— דאָס איז אַ בוך נישט פון אבי־וועמען . . . עס איז פון אונדזער גרויסן און הייליקן ביאַליקן . . .

אָט אַזוי האָט ער זיך געווענדט און וועגן דעם איבערזע־צער האָט ער אויך פאַרוואָרפן אַ פּאָר נישקשהדיק וואַרימע ווערטער:

— י. י. שווארץ איז אַ ליבער יונגערמאַן . . . אַן איי־דעלער יונגערמאַן . . . באַפאַלט נישט די העברעאישע שפּראַך, ווי עס טוען אַ סך אַנדערע דיכטער, וואָס דיכטן ביי אונדז אויף אידיש . . .

ד.

דער חשובער טוער פונעם נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד, וואָס איז ארומגעגאַנגען אינעם קעמפּ פאַרקויפן י. י. שווארצעס ביכער האָט אַפילו פאַרגעסן צו זאָגן, אַז י. י. שווארץ איז

אליין אויך נישט אבי ווער. אפשר האט ער גארנישט פארגעסן, נאר פשוט נישט געוואוסט, אז אט דער דיכטער, וואס האט איבערגעזעצט ביאליקן אויף אידיש האט אויפן אייגענעם חשבון אויך צו באווייזן א היפש ביסל האב און גוטס, אבער אין די עטלעכע ווערטער, וואס ער האט יא געזאגט, האט ער ספעציעל מיט איין אויסדרוק צוגעטראפן י. י. שווארצעס כאראקטער:

— ער באפאלט נישט, ווי אנדערע דיכטער די העברעאישע שפראך.

אבער עס איז נישט דוקא העברעאיש, וואס אונדזער דיכ־טער י. י. שווארץ באפאלט נישט.

ער באפאלט בכלל קיין שום זאך נישט אין אונדזער לעבן.

עס איז נישט אין זיין כאראקטער צו באפאלן. און דאס איז נישט דערפאר, ווייל אלץ געפעלט אים. ניין. עס זיינען מסתמא פאראנען א סך זאכן, וואס געפעלן אים נישט, אבער קריגן זיך מיט זיי קריגט ער זיך נישט.

ער קריגט מיט זיך אליין אויך קיינמאל נישט.

עס געפעלט עפעס נישט, נעמט ער און גייט אוועק דערפון און זוכט פאר זיך אפ דאס, וואס געפעלט אים יא.

אט זיינען שוין היפשע עטלעכע יאר, אז ער איז אוועק־געגאנגען פון זיך אליין.

א סימן?

איך נעם דאס פון דער איבערזעצונגס־ארבעט מיט וועלכער ער פארנעמט זיך כמעט פאר די לעצטע צען יאר.

האט אונדז טאקע דער דיכטער י. י. שווארץ שוין אליין גארנישט וואס צו זאגן?

איך גלויב נישט, אז דאס איז אזוי.

גיכער איז דאס דערפאר, ווייל ער האט מורא זיך צו צורירן צו דעם, וועגן וואס עס וואלט זיך אים געוואלט עפעס א זאג טאן.

אין די איצטיקע טעג פון שווערן געראנגל מוז מען מיט יעדן אויפריכטיקן זאג, וואס מען זאגט ארויס פון זיך ארייג־

גערים‏ן ווערן אין דער מיט פונעם גערא‏נגל און דערפאַר האָט י. י. שוואַרץ מורא. עס איז נישט אין זיין טבע צו שטיין אין דער מיט פון קאַמף. ער איז דער מענטש, וואָס אַנטלויפט שטענדיק פונעם רעגן און באַהאַלט זיך אונטער אַן אָפּדעכל און ערשט דעמאָלט טוליעט ער זיך צו נאָענט צו דער וואַנט, אַז ער זאָל חלילה נישט איינגעצן זיינע קליידער, זיין הוט, וואָס ליגט אַזוי פיין איבער זיינע געקרויזטע, זילבערנע לאָקן.

דערפאַר זיין אוועקגיין צו די העברעאישע דיכטער פונעם מיטלאַלטער. דערפאַר זיין אַרבעט איבער ביאַליקן. די איבערזעצונגס אַרבעט איז זיין אָפּדעכל, אונטער וועלכן ער באַהאַלט זיך אויס פון אונדזערע טעג, וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט פולווער דורך דעם גרויסן געראַנגל, וואָס קומט אין זיי פאָר.

ה.

אַזוי איז ער איצט און אַזוי איז ער געווען דורך די צוואַנציק יאָר, וואָס איך קאָן אים.

אין יענע יאָרן, ווען די „יונגע" האָבן אָנגעפירט זייער קאַמף קעגן די „אַלטע" אין דער אַמעריקאַניש־אידישער ליטעראַטור האָט אויך י. י. שוואַרץ אינעם קאַמף קיין אַנטייל נישט גענומען. מיטגעאַרבעט אין די אויסגאַבן פון די „יונגע" האָט ער יאָ, אָבער אינעם קאַמף האָט ער זיך נישט נאָר נישט געמישט, נאָר אדרבה, ער איז געווען ווי אַ מין פאַרמיטלער צווישן די „יונגע" מיט די „אַלטע". נישט אומזיסט האָט מאָרים ראָזענפעלד אין זיינע אַטאַקעס אויף די „יונגע" געמאַכט אַן אויסנאַם מיט אים. י. י. שוואַרצן האָט ער געלויבט סיי מינדלעך און סיי שריפטלעך.

שפּעטער, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די „יונגע" גופא, האָט ער אויך זיך נישט געשטעלט אויף קיין באַזונדערן צד, נאָר ער איז געווען און געבליבן פריינטלעך צו ביידע צדדים. ער איז דער איינציקער צווישן די „יונגע", וואָס איז דאַכט זיך קיינמאָל נישט געווען יונג אינעם אמתן זין פון וואָרט. ער איז געווען אַ דערוואַקסענער און רייפער

מענטש אין זיינע אינגסטע יאָרן. אזוי אין זיינע לידער, וואָס זיינען ביים סאַמע אָנהויב געווען זיכער, גאַנץ און אין דער טראַדיציע, אזוי אויך אין זיין פערזענלעכן לעבן.

אָט געדענק איך, צום ביישפּיל, י. י. שווארצן לחלוטין נישט אַלס בחור.

ער איז ווי געבוירן געוואָרן אַ חתונה־געהאַטער און זיין פאַמיליע־לעבן איז זיך געגאַנגען שאַ, שטיל, אזוי ווי אַ בוים וואָס איז אויף דער ריכטיקער ערד באַשיצט פון אַלע זייטן, אַז קיין שטורעם זאָל חלילה אירע וואָרצלען נישט באַרירן. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש און איז שוין אַ זיידע. און עס פּאַסט אים איצט אזוי זיין זיידישקייט און ער טראָגט זי מיט דער זעלבער ליכטקייט, ווי ער האָט געטראָגן מיט צוואַנציק יאָר צוריק זיין יוגנטלעכקייט.

און אַ מזלדיקער איז ער אויך, אונדזער דיכטער י. י. שוואַרץ.

ער קריגט אַרויס פונעם לעבן פונקט דאָס, וואָס ער וויל פון דעם אַרויסקריגן.

אָט וויל ער זיין אין אַ זייט, אָפּגעשיידט פונעם אַרומיקן טומל, גיט זיך דאָס אים איין. אַנדערע האָבן דאָס אויך גע־פּרוּווט, אָבער מען שלעפּט זיי אַריין אין דער מיט פונעם טראַקט קעגן זייער ווילן.

י. י. שוואַרצן טשעפּעט מען נישט. מען לאָזט אים אײַנ־גאַנצן צו רו.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין מזלדיקייט אָט דאָס, צום ביישפּיל, וואָס ער איז קיינמאָל נישט פאַרטשעפּעט געוואָרן פון די פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגן אין אונדזער ליטע־ראַטור. בשעת עס געפינט זיך נישט קיין איינער ביי אונדז, וואָס איז נישט געכאַפּט געוואָרן ביי די אויערן, איז אָבער שוואַרץ ביז היינט דורכגעגאַנגען אומבאַרירט.

איז דאָס דערפאַר, ווייל מען באַמערקט אים נישט ביי אונדז?

עס גלויבט זיך מיר נישט, אַז דאָס איז אַזוי.

איז ער דאָך אײנער פון אונדזערע גאָר פײַנערע דיכטער. איז דאָך זײַן בוך „קענטאָקי" אײנס פון די גאָר וויכטיקע בי־כער אין אונדזער דיכטונג.

איך בין נישט קײן איבערגלויבערישער. איך גלויב נישט אַז אַ מענטשנס לעבנסגאַנג ווערט געפירט דורך עפּעס אַ פאַר־אויס באַשטימטן גורל, אָבער זעענדיק, ווי י. י. שוואַרצן גליקט אָפּ, מוז מען בלײַבן אַ דערשטוינטער.

י. י. שוואַרץ לעבט זיך בײַ אונדז אין אַ זײַט פונעם לעבן, ווײַל עס איז פאַר אים באַקוועמער אַזוי צו לעבן. ער גײט זיך אין אַ זײַט, ווײַל דער ברײטער טראַקט איז פאַר אים אומזיכער, אָבער ער פילט זיך גוט אין דער זײַטיקײט און דאָס איז פאַר אים דער עיקר.

ווער עס האַלט נישט די אויגן בלויז צום ברײטן טראַקט, נאָר וואַרפט זײ אויך פון צײַט צו צײַט אויף די זײַטן, דערזעט י. י. שוואַרצן און וואונדערט זיך.

אַן אויסגעצײכנטער דיכטער און אַ מענטש פון וועלכן עס שלאָגט מיט פשטות, ערלעכקײט און אויפריכטיקײט.

פאַרוואָס איז ער נישט מער אָנגעזעענער, ווי ער איז?

ה. לייוויק

דעם אמת געזאָגט ציטערט אַביסל די פען, שרייבנדיק וועגן ה. לייוויקן.

ער איז ביי אונדז אַזאַ, וואָס, ווי דו זאָלסט נישט צוגיין צו אים, דאַכט זיך דיר אַלץ אויס, אַז נישט דאָס איז דער אופן.

אייגענטלעך פיל איך דעם זעלבן ציטער אויך שרייבנדיק וועגן אַנדערע שריפטשטעלער, אָבער בשעת יענע טוען דיך אַ כאַפּ, ווי ווינטן און דו דערפילסט זיך עמאָציאָנעל גלייך אַ טייל פון זיי, איז ער, ווי אַ מאַסיווע געביידע, וואָס שטייט דיר פאַר די אויגן און ווי נאָענט דו זאָלסט זי נישט באַטראַכטן, איז דיר אַלץ שווער זי אַרומצונעמען.

און אפשר איז עס טאַקע די נאָענטקייט, וואָס מאַכט זי אַזוי שווער?

אָפטמאָל איז די שווערקייט אַזאַ, אַז דו הויבסט זיך אָן אָפּצורוקן. עס טרעפט זיך אפילו, אַז די שווערקייט פאַלט איבער דיר ווי אַ משא און די ווילסט זי אינגאַנצן איבערלאָזן, אָבער וואָס ווייטער דו רוקסט זיך אָפּ, אַלץ שאַרפער וואַקסט די געביידע אַרויס פאַר דיר. זי גייט דיר נאָך און צווינגט דיך אומצוקוקן זיך אויף צוריק און אַז דו קוקסט, זעסטו שטאָק איבער שטאָקן און אויפן סאַמע שפּיץ איז אַ קופּאָל מיט אָפענע פענצטער אויף אַלע פיר זייטן דורך וועלכע ה. לייוויק זעט, מסתמא, די איינזאַמקייט פון „קיינעמס לאַנד" און דאָס „לאַנד דאָס פאַרבאָטענע", וועגן וועלכן ער האָט אונדז אַזויפיל דערציילט.

עס פאַלט מיר איין, אַז דער מרחק, וואָס אַ צאָל פון אונדזערע קריטיקער האָבן אויסגעצויגן צווישן ה. לייוויקן און אונדז זינדיקע, האָט זיי געהאָלפן אָנצוטאָן אויף דעם דיכטער די טאָגע פון אַ משיחן, די פעל פון אַ נביא. און אפשר זעען זיי טאַקע פיל קלאָרער אַ דאַנק אָט דעם מרחק? נאָענטקייט

מיינט נישט שטענדיק זעען בעסער. אפשטמאָל ווערט די נאָענט־קייט א וואנט און א סך ווערטן ווערן פשוט אומבאמערקט.

אָבער איז דען דאָס, וואָס איך זע אין ה. לייוויקן פון דער נאָענט נישט גענוג, אז ער זאָל פארנעמען איינעם פון די סאמע אָנגעזעענסטע פּלעצער אין אונדזער ליטעראַטור?

אמת, איך זע נישט און קאָן נישט זעען אין ה. לייוויקן דעם דערלייזער פון אונדזער לעבן, אָבער זע איך דען נישט, הער איך דען נישט און באַנעם איך דען נישט זיין פיינלעכע בענקשאפט נאָך דער דערלייזונג פון דער וועלט?

די נאָענטקייט שטערט מיר צו זען די נביא־פּעל אויף זיינע לענדן. איך זע בלויז דעם גרויען, אָדער דעם בלויען אָנצוג אויף אים, די ברוינע, אָדער די שווארצע שיך אויף זיינע פיס, דאָס ווייסע, אָדער דאָס קאָלירטע העמד און אזא, אָדער אן אנדער שניפּס זע איך, אָבער זיינע שטראָפּרייד צו אונדז הער איך אויך און אויב איך ווער אמאָל אָנשטאָט באַווירקט, נאָר איריטירט פון זיי, איז מסתמא אין דעם שולדיק די נאָענטקייט.

אזוי זיינען מיר שוין זינדיקע מענטשן.

אן עכאָ פון דערווייטנס מאַכט אויף אונדז שטענדיק א שטאַרקערן איינדרוק פון א קול, וואָס איז פּנים אל פּנים, מעג דאָס קול זיין אזוי אויפריכטיק און לויטער, ווי עס איז ביי ה. לייוויקן.

ב.

פונדעסטוועגן פארדריסט מיר נישט, וואָס איך האָב נישט דעם כוח אויסצוציען דעם מרחק צווישן ה. לייוויקן און אונדז, ווי עס האָבן עס געטאָן א צאָל וויכטיקע קריטיקער פון דער אידישער ליטעראַטור. אדרבה, עס טוט מיר הנאה, וואָרים דאָס, וואָס איך זע אין אים פון דער נאָענט איז איבערגענוג. אלנפאלס פאַר מיר איז דאָס איבערגענוג. און אויב די נאָענט־קייט איז מיר אמאָל א שטיקל שטער צו דערזען די געביידע, ווי זי איז, די שטאָקן איבער שטאָקן אויף איר, דעם קופּאָל

אין דער הויף, — גיי איך אָפּ אַ קליין ביסעלע — אַלנפאַלס נישט געגוג ווייט, אַז עס זאָל אויפהערן ווערן נאָענט.

די נאָענטקייט שטערט מיר נישט צו פאַרשטיין די קריטיקער אונדזערע, וואָס האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף לייוויקס אַקסלען די משיח־טאָגע, אָדער די נביא־פּעל אויף זיינע לענדן.

אין זייער בענקשאַפט נאָך אַ רעאַלן משיח, אָדער לכל הפּחות נאָך אַ רעאַלן נביא אין אונדזער לעבן, האָבן זיי קיין שום אַנדערן אין אונדזער ליטעראַטור נישט געקאָנט באַווייזן אָט די מיסיע, ווי בלויז ה. לייוויקן.

זיין באַווייזן זיך אין אונדזער ליטעראַטור אַריין איז פון סאַמע אָנהויב געווען אַזוי אַנדערש, ווי יעדן אַנדערנס באַווייזן זיך. עס איז נישט געווען בלויז דאָס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, נאָר פון וואַנען ער האָט עס געבראַכט. ער איז נישט געקומען אין אונדזער ליטעראַטור אַריין, ווי אַן אָנהויבער אין וועמענס פּרואוון מען האָט געדאַרפט זוכן סמנים פון אַ וואַקסנדיקן כּוח. זיינע אַלע פּרואוון האָט ער שוין פריער דורכגעמאַכט אין זיין איינזאַמקייט אין דער דאַמאַלטיקער פאַרוואָרפענער סיביר.

ווען ער האָט זיך באַוויזן איז ער שוין געווען אַ פולער בעל־כּוח. די פּרוכטן, וואָס ער האָט געבראַכט זיינען געווען נישט נאָר שוין רייפע און צייטיקע, נאָר זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט אויף זיך דעם הויך פון מאַרטירערשאַפט.

און אַזוי אומגעריכט איז געווען זיין באַווייזן זיך!

עס איז געווען אין יענער צייט, ווען די „יונגע" האָבן זיך נאָך געשאַרט אַרום דעם ליטעראַרישן היכל אונדזערן. נאַסע און אויסגעווייקטע פון די אָפּטע רעגנס, וואָס זיינען געפאַלן אויף זיי, האָבן זיי געקלאַפּט אין די שויבן, געגראַבלט זיך אויף די טירן, געזוכט דעם שליסל צום פאַרשלאָסענעם טויער און אים נישט געקאָנט געפינען:

— עפנט אויף! — האָבן זיי געררופן. אָבער די זקנים, וואָס זיינען געזעסן אינוויינייק, האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן צו זייער רוף.

איז דאָס געווען דערפֿאַר, ווייל די ניי־געקומענע האָבן נישט געוועקט קיין צוטרוי צו זיך? אָדער איז דאָס געווען דערפֿאַר ווייל די אינוווייניקסטע האָבן פּשוט נישט געוואָלט זיך טיילן מיט דעם ביסל שכינה־לויטערקייט, וואָס האָט געשעמערירט אי־בער זייערע קעפּ?

ווער ווייסט?

נאָר פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַן אומבאַקאַנטער בלאָנ־דער יונגערמאַן. די פֿיגור דווקא אַ דינע, אַן אויסגעמאַטערטע, דאָס פּנים אַ בלייכס, נאָר די דינע ליפּן עקשנותדיק צונויפֿגע־שנורעוועט אין זיכערקייט און זיין טראָט און זע, ווי נאָר ער האָט די קליאַמקע אָנגערירט, האָט זיך דער טויער, ווי פֿון זיך אַליין אויפֿגעעפֿנט און ער איז אַריין:

„כיבין דיין הויז פֿאַרבייגעגאַנגען
און אַריין".

האָט ער זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די זקנים און אויך אַ שטול איז, ווי פֿון זיך אַליין אויסגעוואַקסן לעבן אים און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט צווישן זיי.

ג.

וואו זשע איז פֿאַרט געלעגן דער כישוף זיינער, וואָס האָט אַזוי גרינג פֿאַר אים דעם טויער געעפֿנט?

ער איז געלעגן אין דער רייפֿקייט, וואָס זיינע ערשטע לידער האָבן גלייך מיט זיך מיטגעבראַכט און ער איז אויך געלעגן אין דער מענלעכקייט פֿון זיין קול גלייך, ווי ער האָט זיך פֿאַר אונדז פֿאַרגעשטעלט. בשעת מיר אַלע, די עלטערע פֿון די „יונגע" און די אינגסטע פֿון די „יונגע" האָבן שטענדיק גע־האַלטן אין עקס־שטראַלעווען זיך אַליין, כדי אויסצוגעפֿינען ווער מיר זיינען און וואָס מיר שטעלן מיט זיך פֿאָר, איז ער גע־קומען צוגיין און גלייך ביים אָנהויב געלאָזט וויסן:

„טויט און שטיל.
שעה נאָך שעה.

ווער איז דאָ ?
איך בין דאָ !"

אַט אזוי האָט ער אַ זאָג געטאָן גלייך ביים אָנהויב אָן און עס מאַכט נישט אויס, וואָס אַט דער זאָג איז געווען גע־ווענדט צו דער ליידיקער ווייסקייט ערגעצוואו אין דער פאַר־שנייטער סיביר, מיר האָבן צוזאַמען מיט דער סיביררישקייט פון זיינע לידער אויך פאַרנומען דעם זאָג און אַלעמענס אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן צו אים.

מיט זיין אויסזען האָט ער אויך אַריינגעבראַכט עפּעס אַן אַנדערשקייט.

אויבנאויף דוקא איינער פון אַלע. און נישט דוקא פון קינסטלער, נאָר איינער פון די פּשוטע פאַרבייגייער איבער אַ גאַס. אין אָפּגעטראָגענער ברוינער מאַנטל און אין ענגלעכער קאַ־פּעליוש אָפן קאָפּ. און זיין פּנים ? אונטער דעם אָפּדעכל פון זיין קאַפּעלוש פאַרלירט זיך עס אַ היפּש ביסל. דאָס איינציקע, וואָס באַמערקט זיך איז דאָס בלייכקייט און די צונויפגעשנורע־ווטע ליפּן, אָבער זיין פּנים איז אַנטפּלעקט געוואָרן, ווי נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט קעגנאיבער אונדז ביים טיש מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ.

ווי אַן איבערגעקערטע מיניאַטור־פּיראַמידע קוקט אויס זיין קאָפּ. אונטן שמאָל און וואָס העכער אַלץ ברייטער. זיינע האָר וואָס זיינען איצט שוין איינגאַנצן ווייס, זיינען דעמאָלט העל־בלאָנד געווען. אזוי העל־בלאָנד, אַז מען האָט זיי זייער גרינג געקאָנט אָננעמען פאַר ווייסע.

בכלל האָט פון אים אַ ווײַ געטאָן מיט אזא בלענדנדיקער ווייסקייט.

די קראַפט פון זיינע אויגן איז דוקא אַ ברוינדיקע, אָבער עס איז נישט דער ברי פון אַ פייער־פלאַם, נאָר פון אַ קאַלטן, ברוינדיקן ווייסן פראָסט.

ליפּן האָט ער דינע. אָפּטמאָל איז דער אויסדרוק אזוי, ווי זיי וואָלטן פון פּאַפּיר געמאַכט געוואָרן, אָבער עס שלאָגט

מיט עקשנות פון זייער צונויפגעשלאָסנקייט איבער זיין שארף אויסגעשפיצטן קין. נישט צו אָפּט עפנט ער זיי, ווען ער זיצט אין אייער געזעלשאַפט און אַז ער טוט עס שוין, פאַלן ווערטער ווי געפרוירענע שטיקלעך אייז פון זיין מויל.

און דאָך פילט איר נישט קיין קעלט לעבן אים.

ה. לייוויקס אויסזען איז טאַקע אַ פּראָסטיקער, אָבער עס איז אַ פּראָסט, וואָס שיינט און שטראַלט מיט ליכטיקער זון איבער זיך.

ד.

וויפיל איז דאָס שוין, זינט ער האָט זיך באַוויזן צווישן אונדז אין נויאָרק צום ערשטן מאָל?

געווען איז דאָס דאַכט זיך אין ניינצן־פופצן. מיט איין און צוואַנציק יאָר צוריק. עס טרעפט אָפּט, אַז דיר דאַכט זיך אויס, אַז ערשט נעכטן איז דאָס געשען און דו וואונדערסט זיך, וואָס זיינע האָר זיינען אַזוי גיך פון העל בלאָנד אַזוי ווייס גע־וואָרן. אָבער דאָס טרעפט זיך בלויז אַמאָל, ווען עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז ערשט נעכטן איז דאָס געשען. מערסטנס וואונדערסטו זיך, וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג, וואָס מיר אַלע ארום אים זיינען נאָך אַלץ יונגע מענטשן, וואָרים אַזוי פיל איז דאָך שוין געשען זינט ה. לייוויק איז געקומען אין אונדזער לעבן. אַזוי פיל וואַנדלונגען און איבערוואַנדלונגען האָט שוין אונדזער ליטעראַטור דורכגעמאַכט זינט ער איז צו איר געקו־מען. אידייען, וואָס האָבן איינציייטיק פאַרכאַפּט די געמיטער פון אַ גרויסער צאָל שעפערישע מענטשן ביי אונדז, זיינען פאַר־בלייכט געוואָרן ביים אָנקומען פון נייע. אַ צאָל פון די זיי־דעס, ווען מען די זין האָבן באַקעמפט און פאַר אַ צייט באַזיגט, זיינען צוריק אויפגעשטאַנען תחית המתים. עס זיינען שפּע־טער אויפגעשטאַנען אייניקלעך, וואָס האָבן מורד געווען אין די טאַטעס און אַ שטרעק געטאָן זייערע הענט נאָך דער ירושה פון זייערע זיידעס. עס זיינען פאַרגעקומען איבערטוישונגען פון ווערטן און ווי ביי אַזעלכע פאַלן איז גענוג פולווער געשאָסן געוואָרן פון אַלע זייטן. די לייוויק־געביידע איז אָפּטמאָל גע־

שטאַנען אין צענטער פון די שיסעריייען. פון איין זייט היס־טערישער עקסטאַז פאַר אונדזער „משיח״, פאַר אונדזער „נביא״ און פון דער צווייטער זייט היסטערישע באַשולדיקונגען, אַז ער איז ביי אונדז אַ פּגימה־זוכער אויף דער פרייד, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז אינם ליכט פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע.

ווי האָט ה. לייוויק רעאַגירט און ווי רעאַגירט ער אויך איצט אויף דעם קאַמף, וואָס איז אַנגעגאַנגען אַרום אים און וועלכער האָט נאָך ביז איצט נישט אינגאַנצן אויפגעהערט?

ער ענטפערט מיט דעם, וואָס יעדער אמתער קינסטלער דאַרף ענטפערן.

ער ענטפערט מיט איין ווערק נאָכן אַנדערן, דורך וועלכע ער פּרואווט קלאָרער מאַכן זיך אַליין. די צדדים אַרום אים גייען אים אָן, אָבער כדי קלאָר מאַכן די צדדים וועגן זיך, דאַרף ער דאָך פריער זיך אַליין זיין קלאָר. וואָס איז ער אַ חוץ דיכטער? פּאַראַנען אַזעלכע, וואָס קוקן אויף אים, ווי אויף אַ משיח, ווי אויף אַ נביא, נו איז וואָס? איז דען נישט יעדער אמתער מענטש, וואָס טראָגט אין זיך דעם ווילן צו העלפן די דער־לייזונג פון דער וועלט נישט קיין נביא? נישט קיין משיח? איז וואָס זשע, אַז מען באַטיטלט אים מיט אָט די נעמען? אָבער, אויב ער איז טאַקע משיח, אין וואָס זשע באַשטייט די דערלייזונג? ה. לייוויק אַליין ווייסט, אַז די דערלייזונג איז אים נאָך נישט קלאָר. ער זוכט זי נאָך אַלץ אַרום. ער האָט זי געזוכט אינם מהר״ל, וואָס האָט געגעבן די האַק אין דער האַנט פונם „גולם״, ער האָט זי געזוכט און זוכט זי אויך איצט דורך זיינע אומצייליקע וואונ־דערלעכע און פיינלעכע לידער און זוכנדיק שלאָגט ער זיך אָן אָן דער אייביקער „עקדה״, אין דעם אייביקן „סדום״.

יאָ, איך בין דאָס דער, וואָס דאַרף קומען
און איך בין נאָך אַליין ניט דערלייזט" . . .

באַקלאָגט ער זיך אָפּן און אויפריכטיק, אָבער ווער הערט דען זיין אויפריכטיקע דערקלערונג?

יענע, וואָס באַנוגענען זיך נישט מיט אים, ווי מיט אַ גרויסן און הערלעכן דיכטער און ווילן דווקא אין אים זען אַ משיח, אַ נביא, נעמען אויף זײַן דערקלערונג וועגן זיך, ווי אַ מין עניוות אויפן אײגענעם חשבון, און יענע, וואָס וואַרפן אים פאָר אָפּנײגונגען?

אודאי פילט זיך ה. לייוויק געפײניקט פון אָט דעם פאָר־וואורפן אויף זײַן אַדרעס, פון אָט די באַשולדיקונגען אויף אים, אָבער איז אים דען געבליבן אַן אַנדער טרייסט, ווי בלויז דאָס, אַז די באַשולדיקער גלויבן אַליין נישט אין דער באַשולדיקונג? אַז דאָס איז נישט מער, ווי בלויז היסטעריע פון דער צײַט, אַז דאָס זײַנען נישט מער, ווי פאַרבלאַנדזשעטע קוילן פון דער שלאַכט, וואָס גייט אָן. זאָל זיך די שלאַכט נאָר אָפּשטעלן און מען וועט דערזען דעם טעות, וואָס מען האָט געהאַט.

עס איז אַ פרייד צו פילן, אַז אינם איצטיקן מאָמענט, ווען אָט די שורות ווערן געשריבן, איז שוין דער טעות אין אַ היפּשער מאָס אײנגעזען. די באַשולדיקונגען זײַנען שוין איצט אָפּגעשטעלט און די לינקע אַרבעטער באַוועגונג פילט שוין איצט אין ה. לייוויקן אַ נאָענטן מענטשן.

אמת, דערווײַל בלויז אַ נאָענטן און נאָך נישט קיין אײגע־נעם, אָבער ווי ווײַט איז פון נאָענטקייט צו אײגנקייט?

ה.

ווען מען טראַכט פון די וואַנדלונגען און איבערוואַנד־לונגען, וואָס אונדזער לעבן און אונדזער ליטעראַטור האָבן דורכ־געמאַכט פאַר דער צײַט זינט ה. לייוויק האָט זיך באַוויזן, קוקט די צײַט שוין אויס, ווי אַן אײביקייט און דאָך איז ער בײַ אונדז נאָך אַ יונגער מענטש, האָט נאָך עטלעכע יאָר אַנצושלאָגן צו די פופציק און וואָס איז שײַך דער שעפערישער אַרבעט איז דער ענטוזיאַזם דער זעלבער, ווי ווען ער איז נאָך בלאָנד געווען.

ערשט נעכטן אָוונט בין איך מיט אים געזעסן בײַ אַ טישל אין קאַפעהויז און זיך צוגעהערט צו זײַנע פיבערדיקע

רייד וועגן דעם זאמלבוך, וואָס ער און אַפּאַטאָשו גיבן אַרויס. דער זעלבער שעפערישער פיבער, ווי מיט אַ סך יאָר צוריק אין אַזעלכע פאַלן. ווען נישט זיין בלאָנדער זון דניאל, וואָס האָט צוגעשפּאַנט צום טאַטנס טישל מיט אַ סיגאַרעטל אין מויל, וואָלט זייער גרינג געווען צו טראַכטן, אַז דאָס איז אַן אָוונט פון די אַמאָליקע יאָרן און נישט פון דער איצטיקער צייט.

אַמאָליקע יאָרן.

עס דאַכט זיך דאָך אויס, אַז ערשט נעכטן אָוונט בין איך געזעסן ביים טישל פון אַ מילכיקן רעסטאָראַן אויף איסט בראָדוויי און זיך צוגעהערט, ווי דער בלאָנדער לייוויק האָלפּער האָט געלייענט ליד נאָך ליד ביים טישל און נאָך יעדן ליד פאַרגייט זיך מאַני לייבס טונקל גליענדיקער פּנים אין פּאַטעטישן עקסטאַז.

— אַך סאַראַ ליד ! — רופט אויס מאַני לייב און זיינע גרינעצעגליטע אויגן בעטן ביי לייוויקן נאָך און נאָך.

אַלעמענס פּנימער גליען ענטוזיאַסטיש אינם שיין פון דעם עלעקטרישן ליכט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אינם ווייסן מירמלשטיין פונם טישל. בלויז איין משה לייב האַלפּערן אַליין בלאָזט זיך אַביסל — אים פאַרדריסט הלמאַי לייוויק באַנוצט זיך מיטן נאָמען „האַלפּער", וואָס איז אַזוי ענלעך צו זיין נאָמען.

וויפיל איז שוין דאָ אין דעם ?

איך קוק אויף לייוויקס זון דניאלן און עס לעבט פאַר מיר אויף דער חתונה־אָוונט פון זיין פאָטער מיט זיין מוטער.

אַ הייסער זומער אָוונט פון דריטן אויפן פערטן יולי, אין אַ קליינער דירה אין די בראָנקס, וואו עס זיינען פאַרזאַמלט כלהס־צד, — וואוילע, פשוטע פאָלקס־מענטשן און חתנס־צד, וואָס באַשטייט פון אידישע שריפטשטעלער.

ביי אַן אימפּראָוויזירטן טיש, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך, אויף וועלכן עס פינקלט ווייַן פון פלעשער, וויגט זיך דער פיינער קאַנטיקער שטערן פון יהואשן און זיינע טונקעלע אויגן לויכטן פון עפּעס אַ טיפן געדאַנק, וואָס ער האַלט אין

אַנטוויקלען פאַר שלום אַשן און אַברהם רייזענען. די יוגנט איז אַביסל אומגעדולדיק צום שמועס און איז פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער ביידע ליכטיקע צימערן, וואָס זיינען אָפן איינס צום אַנ־דערן און גיבן דעם איינדרוק פון איין ברייטן, רחבותדיקן צי־מער. עס הערט זיך יוסף אָפּאַטאָשוס סטאַקאַטאָ־געלעכטער. מנחם באָריישאָ, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן בלויז מנחם, שטייט אין אַ ווינקל און אַ בלאָנד מיידל צוגייט זיך ממש פון באַ־גייסטערונג אונטער זיינע בליקן. משה ליב האַלפּערן, וואָס האָט אויך ערשט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, רייצט זיך מיט אַ מיידל, וואָס איז נישט גלייכגילטיק צו אים.

— איז נישט מיין רייזעלע ווי די זון, האַ?

און לייוויק אַליין?

ער דרייט זיך אַרום איבער די צוויי צימערן און ווייסט צומאָל נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך. אַז זיין יונג ווייבל טוט זיך אַ צערטל צו אים, באַווייזט זיך אַ ווייכער שמייכל איבער זיין בלאָנדקייט, אָבער אַזוי גיך, ווי זי לאָזט אים איבער, בלייבט ער שטיין אַ פאַרלוירענער און די מינע אויף זיין פּנים איז אַזאַ, אַזוי ווי עס וואָלט פאַר אים נישט געווען קלאָר, וואָס איינגענטלעך אַרום אים קומט פאָר.

וויפיל יאָרן איז שוין דאָ אין דעם?

אָט קוק איך איצט אויף דניאלן און איך טראַכט פון דעם געוואַלדיקן מהלך, וואָס אונדזער לעבן האָט דורכגעמאַכט פון יענעם חתונה־אָוונט ביז דער איצטיקער אויסגעוואַקסנקייט פון דניאלן. אַ מהלך, וואָס האָט צוגעפירט צו אַ וועג, וואו די דערלייזונג ליגט פון אויבאויף, — מען דאַרף נאָר זיך פאַר־נעמען אויף אָט דעם וועג און קעמפן פאַר אָט דער דערלייזונג. און אויף אָט דעם וועג געפינט זיך טאַקע איצט דניאל צוזאַמען מיט טויזנטער און טויזנטער אַנדערע דניאלס, אויף אָט דעם וועג גייען איצט אַ היפּשע צאָל נאָענטע חברים לייוויקס. אים אַליין איז אויך אָט דער וועג טייער, — ער שטייט מיטן פּנים צו אים, אָבער ווען ער פּרוּווט אַ שטעל טאָן זיינע טריט אַהין,

פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ פייערדיקן פרעג־צייכן און דער גאַנג ווערט אים שווער.

פאַרוואָס ?

עס פאַלט מיר איין, אַז די גרויסע גייסטיקע געביידע, וואָס ער האָט אויסגעבויט, שטערט אים איצט זיך צו פאַרנעמען אויף דעם וועג, וואו די דערלייזונג ליגט פון אויבנאויף. ער האָט מורא, אַז זיין געביידע זאָל זיך נאָך חלילה נישט אַ שאָקל טאָן און דעמאָלט זאָל נאָך חלילה עפּעס געמינערט ווערן פון דעם גייסטיקן האָב און גוטס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט.

אַזוי איז דאָס שוין.

עס זיינען נישט נאָר די מאַטעריעלע גיטער, וואָס מאַכן אַ מענטשן צו ציטערן איבער זיי, נאָר עס זיינען אויך די גייס־טיקע גיטער, וואָס ווירקן אַזוי אויף זייער באַשעפער.

וואָס שייך מאַטעריעלע גיטער, האָט ה. לייוויק נישט איבער וואָס צו ציטערן.

נישט ער האָט זיי און נישט ער האָט זיך ווען סע נישט איז אָנגעשטרענגט זיי צו זאַמלען.

דער דיכטער, וואָס איז באַרימט און פיל־געאַכטעט אין אַלע לענדער, וואו אידן לעבן, לעבט אַליין אַ זייער באַשיידן לעבן און אָפּטמאָל קומט אים אָן אָט דאָס באַשיידן לעבן מיט אַ סך זאָרגן און שוועריקייטן.

יאָרן לאַנג האָט ה. לייוויק געשפּאַלירעוועט צימערן אין נויאָרקער הייזער. נישט איינער פון אונדז האָט אים געזען, שפּאַנענדיק איבער אַ נויאָרקער גאַס מיט אַ פּאַק צונויפגעוויקל־טע שפּאַליר־רעדלעך אין איין האַנט און מיט אַ באַרשט און אַן עמער מיט פּאַפּ אין דער אַנדערער.

יאָרן לאַנג אַזוי.

דורך די טעג אין אַרבעטער־הויזן און באַרשט אין די הענט, איבער פאַרשיידענע דירות אין נויאָרק און ערשט אין די אָוונטן און דורך די נעכט האָבן די זעלבע הענט געבויט די גייסטיקע לייוויק־געביידע.

איך שטעל זיך פאָר, אַז נישט אין איין נויאָרקער דירה, וואו אים איז אויסגעקומען שטיין אויפן לייטערל, צוקלאַפּנדיק מיט דער באַרשט די פּאַסן שפּאַליר איבער די ווענט, האָט ער געהאַט זיינע אינטימע געשפּרעכן מיט דעם „מהר"ל", דעם „גולם", דעם „לאַמעד־וואָוו", „הערש לעקערט" און די אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון זיינע ווערק און נישט איינס פון זיינע לידער איז אין אָט די צענדליקע דירות ביי דער אַרבעט געבוירן גע־וואָרן.

ערשט ניט לאַנג צוריק צווישן איין וויזיט און דעם אַנ־דערן אין דעם דענווער סאַניטאַריום, וואו אים קומט אויס צו פאַרלאַטן זיין שוואַכן גוף, האָט ער, כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט פאַר זיין פאַמיליע, אַ שטיק צייט ביי אָט דער מלאכה געאַרבעט.

אַבּרהם רייזען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אים איינ־מאָל געטראָפן שפּאַנען איבער אַ גאַס מיט דעם לייטערל איבער דעם אַקסל און די מלאכה־כלי־זיין אין די הענט, איז ער גע־בליבן שטיין אַ געפּלעפטער און געזאָגט:

— לייוויק, איך שעם זיך פאַר אייך.

אַבּרהם רייזען האָט זיך פאַרשעמט, ווייל ער האָט דע־מאָלט געטראַכט, אַז זיין אינגערער גרויסער קאָלעגע, וואָס שאַפט אַזוי פיל גייסטיקע ווערטן, וואָלט געמעגט באַזאָרגט ווערן מיטן שטיקל ברויט אויף אַן אַנדער אופן. אָבער ה. לייוויק האָט זיך נישט פאַרשעמט, ווייל ער האָט אַ בונד פאַרשניטן מיטן לעבן זיינעם, דאָס צו פירן און דערפירן:

„דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה
דיך פירן און דורכפירן—לעבן מיינס."

און נישט דווקא ביי דער אַרבייט פון שפּאַלירעווען ברוד־דיקע צימערן אין נויאָרקער דירות. אַז ער האָט זיך געטראָפן עס איז דערביי קיין אַרבעט נישט געווען, איז אַן אַנדער אַר־בעט אויך געווען גוט.

עס דערמאָנט זיך מיר א נאָכמיטיק ביי אים אין הויז ערגעצוואו אין די בראָנקס.

אין זיין קיך, אויפן טישל איז געלעגן א גרויסע שטיק גלאָז און אויפן גלאָז — פארשיידנקאָליריקע סטענגעלעך און בענדעלעך, וואָס זיינע הענט מיט פארקאָשערטע ארבל האָבן גע־האַלטן אין קאָמבינירן און צונויפקלעפּן.

— וואָס איז דאָס פאר א פאבריקאַציע? — האָב איך ביי אים געפרעגט און ער האָט מיר גוטמוטיק דערציילט, אז א געוויסער שטריקעריי־פאבריקאַנט גיט אים ארויס אביסל ארבעט אהיים.

איך האָב חשק געהאַט אים צו העלפן אין דער ארבעט, אָבער ער האָט מיך געבעטן, אז איך זאָל אים בעסער דער־ציילן וועגן ארץ ישראל פון וואַנען איך האָב זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט.

אביסל זונשיין האָט אריינגעקוקט דורכן פענצטער און זיך געפלאָנטערט צווישן זיינע פינגער און די סטענגלעך און בענדעלעך. איך האָב געקוקט אויף זיין אויסגעבלייכט פּנים און זיינע ארבעטנדיקע פינגער און מיר זיינען געקומען אויפן זין רב יהושע בן חנניה ביי זיינע נאָדלען און ברוך שפּינאָזא ביי זיינע גלעזלעך.

— איר האָט דאָך אודאי לידער געבראַכט פון ארץ ישראל, — האָט ער באַמערקט און געבעטן פאָרלייענען.

בשעת איך האָב פאר אים געלייענט מיין פּאָעמע „ירושלים" האָט ער געאַרבעט, אָבער זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט און ווען איך האָב געהאַלטן אין לייענען די אָפּטיילונג „ווי א דאָלאָראָזאַ", האָט ער אויפגעהערט ארבעטן:

— די לידער וועגן יעזוסן האָבן מיך גערירט, — האָט ער מיר שפּעטער געזאָגט אין דערביי צוגעלייגט מיט פארטראַכט־קייט אין קול:

— מיך פּייניקט אומאויפהערלעך די פיגור פון יעזוס קריסטוס. ער איז פאר מיר דער אויסדרוק פון אַלע, וואָס גע־פינען זייער דערלייזונג דורך פּיין.

ז.

דערלײזונג דורך פּײַן!

דאָס איז דער גרונט־מאָטיװ פון ה. לײװיקס גאַנצן שאַפן. די גאַנצע לײװיק־געבײדע, װאָס טורעמט זיך אין די הויכע הויכן אין אונדזער ליטעראַטור, דערצײלט פון גרױלעכן פּײַן. זי שרײַט צו אונדז אַרונטער פון אַלע אירע שטאָקן. מיר הערן אַט די פּײַן דורך אַלע זײַנע פּרעכטיקע לירישע לידער, װי אויך דורך אַלע זײַנע דראַמאַטישע װערק, — סײַ די װיזיאָנערישע און סײַ די רעאַליסטישע.

אין זײַן רײַסן זיך צו דערלײזונג, האָט ער דאָס געפיל, אַז װאָס מער פּײַן אין זיך און אַרום זיך, װעט ער אַלץ שנעלער די דערלײזונג דעררגרײכן. װאָליעט ער אויף זיך, װאָס װײַטער אַלץ מערער און מערער גאַנצע טאָנען מיט פּײַן. אָפּטמאָל הויבסטו אָן צו קריגן דעם אײַנדרוק, אַז עס איז שוין נישט מער די דערלײזונג, נאָר די פּײַן. הויבסט אָן צו קריגן דעם אײַנדרוק, אַז ה. לײװיק האָט גאָר ליב געקראָגן די פּײַן אַזױ, אַז ער האָט שוין גאָר מורא פאַר דער פרײַד. און אפשר איז דאָס טאַקע אמת אויך, װאָרים איז דאָך די פּײַן געװוען און איז נאָך ביז הײַנט פאַר אים דער מאַטעריאַל פון װעלכער ער האָט אויסגעבויט און בויט נאָך איצט אויך אַלץ העכער און העכער די לײװיק־געבײדע און עס איז אָט די מאַסיװע געבײדע, װאָס ער האָט מיט זײַנע אײגענע הענט אויסגעבויט, װאָס שטערט אים צו גײן מיט אַ צעבראַסטעטע האַרץ אַנטקעגן דער גרויסער, ליכטיקער פרײַד, װאָס די איצטיקע טעג אונדזערע ברענגען צו אונדז. ער האָט מורא פאַר דער פרײַד. ער שרעקט זיך, אַז זי זאָל חלילה נישט אַ שאָקל טאָן די געבײדע און כדי זײַן שרעק צו באַרעכטיקן, זוכט ער פּגימות אין דער פרײַד. אמת, יעדער פּגימה, װאָס ער געפינט טוט אים װײ, פאַרשאַפט אים גרויס פּײַן, אָבער עס איז דאָך טאַקע אָט די פּײַן פון װעלכער עס ציט אַלץ העכער און העכער זײַן געבײדע. עס זעט אויס, אַז די „משיח־טאָגע", װאָס מען האָט אויף אים אַרױפגעװאָרפן איז

אים געוואָרן אזוי איינגן, אז עס איז אים שוין שווער מיט איר זיך צו שיידן, ווייל א משיח איז געווייגלעך אין קייטן, און קייטן, אז מען רייסט זיך פון זיי שאַפן בלוט־טראָפּנס און ה. לייוויקן זיינען גויטיק אָט די בלוט־טראָפּנס שטאַרקער צו מאַכן דעם צעמענט פאַר א נייעם שטאָק אין זיין געביידע. דאָס אייגענע איז מיט דער נבואה־פעל, וואָס אנדערע האָבן אָנגעטאָן אויף זיינע לענדן. ער פילט זיך גוט אין אָט דער פעל. זי איז הארט און גיט וואונדן אויפן לייב און וואונדן זיינען נאַטיר־לעכע דערשיינונגען אין דעם געראַנגל צו דערלייזונג.

איז אָט די שרעק כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אונדזער ה. לייוויקן אליין?

זי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר א גרויסער צאָל קינסטלער פון אונדזער היינטיקן דור. מען שרעקט זיך פאַר דעם גע־וואַלדיקן איבערברוך, וואָס די סאָוועטישע רעוואָלוציע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נישט נאָר אויפן עקאָנאָמישן געביט, נאָר אויך אויפן גייסטיקן געביט. מען האָט מורא פאַר פאַרלוסט פון דעם אייגענעם האָב און גוטס, וואָס מען האָט אויפגעזאַמלט. פונקט, ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט מורא אָנצוווערן זיינע מאַטעריעלע ווערטן, האָבן אויך אזוי מורא א היבשע צאָל קינסטלער אָנצוווערן זייערע גייסטיקע ווערטן. פאַראַנען אזעלכע קינסטלער, וואָס האָבן זיך פאַרוואָס צו שרעקן. עס זיינען יענע, וואָס האָבן באַוואוסטזיניק, אָדער אפילו אומבאַוואוסטזיניק געשמירט מיט שמן זית איבער די פּנימער פונם הערשנדיקן קלאַס, אָבער צו זיי געהערט נישט אונדזער ה. לייוויק. אין זיין גאַנצער געביי־דע איז נישט פאַראַנען קיין פאַרהערלעכקייט פון קיין הערשער. אמת, עס איז פאַראַנען געוואַלדיקער טרויער, אָבער אָט דער טרויער נעמט זיך פון דעם אָנגעשטרענקטן געראַנגל מיט דער פיינלעכער ווירקלעכקייט, וואָס האָט געהערשט און הערשט נאָך איצט געגנוג אין אונדזער לעבן. אמת איז אויך, אז די לייוויק געביידע איז נישט פון דעם מאַטעריאַל וואָס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין געווער אינם טאָג־טעגלעכן קאַמף איבערצובויען די

וועלט, אָבער אַ גרויסע טרייב־קראַפט אינם קאַמף איז זי סיוויי, — זי איז די גרויסע טרייב־קראַפט אין אונדזער אַלעמענס גע־ראַנגל דערלייזט צו ווערן.

ח.

עס איז אַ פרייד צו וויסן, אַז אין דער גאַנצער שרעק, וואָס ה. לייוויק האָט פאַר דער פרייד, וואָס אונדזערע איצטיקע טעג האָבן פאַר אונדז געבראַכט, אַנטלויפט ער דאָך נישט פון איר.

אדרבה, ער שטייט מיט זיין גאַנצן פנים צו איר און שטרעקט אפילו זיינע הענט צו איר. איז דאָך אָט די פרייד זיין חלום. האָט ער דאָך גענוג געצאָלט פאַר איר.

מער נישט, די טריט, וואָס ער שטעלט איר אַנטקעגן זיינען וואַקלדיקע. עס טאַנצן אים פאַר די אויגן פגימות אין אָט דער פרייד, אָבער די פּיין, וואָס די פגימות פאַרשאַפן אים, טרייבן אים פון דער פרייד פונדעסטוועגן נישט אַוועק. ער ראַנגלט זיך מיט אָט די פגימות, האָט טענות, אָבער די טענות זיינען נישט פון קיין פרעמדן, ווי אַנדערע ווילן ביי אונדז זיי אַמאָל אויסטייטשן.

פאַראַנען ביי אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן טענות צו אים און האָבן טענות צו ה. לייוויקן מעג מען און פאָדערונגען אַרויס־שטעלן צו אים מעג מען אודאי.

ער, וואָס האָט דורך זיינע ווערק די שאַרפסטע טענות אַרויסגעשטעלט צו דער וועלט, צו דעם לעבן, מעג אויך הערן טענות צו זיך, אָבער אויפהויבן דראָענדיקע הענט איבער אים טאָר מען נישט, ווייל די געביידע, וואָס ער האָט שוין ביז איצט באַוויזן אויפצובויען סימבאָליזירט מיט זיך דעם שאַרפסטן גע־ראַנגל מיט די פינצטערסטע עלעמענטן פאַר דער מענטשלעכער באַפרייאונג און ווען די באַפרייאונג וועט קומען, וועט אָט די לייוויק געביידע הערלעך געהאַלטן ווערן סיי מיט דעם וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר אין עטישן זין און סיי מיט דעם גרויסן קונסט־ווערט פון איר אַרכיטעקטור.

וואָס שייך זיין פערזענלעך לעבן, איז דאָס שטענדיק גע־וועזן, און איז נאָך היינט־צו־טאָג, אויפן וועג פון הוילע שטיינער.

די פריע יוגנט אין אָרימקייט, די שפּעטערדיקע אין פאַר־שיקונג מיט קייטן — רעאַלע און אייזערנע — אויף זיינע הענט און פיס; און זיינע יאָרן ביי אונדז אין אַמעריקע?

שטענדיקע זאָרג פאַר עקזיסטענץ. שווערע פיזישע אַרבעט, כדי דאָס לעבן, מיט וועלכן ער האָט אַ בונד פאַרשניטן, ווייטער צו פירן.

שרייבנדיק איצט וועגן ה. לייוויקן האָט די גאַנצע צייט זיך געוויגט איבער מיר זיין פּנים, וואָס איך האָב מיט קליינע איבעררייסן שטענדיק געזען אין דער נאָענטקייט פאַר די לעצטע איין־און־צוואַנציק יאָר.

די האָר אויף זיין קאָפּ האָבן זיך געביטן. איצט זיינען זיי ווייס און מיט יאָרן צוריק זיינען זיי העל בלאָנד געוועזן, אָבער דאָס פּנים איז דאָס זעלבע פּונקט ווי דער גאַנג, וואָס ער האָט מיט איין־און־צוואַנציק יאָר צוריק אָנגעהויבן, איז דער זעלבער, ווי איצט. נישט מער, איצט איז דער מהלך, וואָס ער איז אָפּגעגאַנגען העכער באַרג־אַרויף. די זון שיינט נאָך אין מיטן הימל איבער זיין קאָפּ און זיינע טריט, וואָס זיינען שטענדיק געווען עקשנותדיק שפּאַנען אויך איצט אַלץ העכער און העכער.

איך וועל גאָרנישט איבעראַשט ווערן, אז אין זיין ווייר־טערדיקן גאַנג וועט ער פּלוצלונג אַ גאַנץ נייע לייוויק־געביידע אָנהויבן בויען.

ער האָט דאָך איבערגענוג קינסטלערישע כוחות — דאָס צו באַווייזן.

אינהאלט:

וועגן צווייטן באנד — 5
יוסף אפאטאשו — 7
יוסף ראלניק — 23
מ. י. חאימאוויטש — 34
מנחם בארייזשא — 42
א. ראבאי — 53
ב. לאפין — 64
דוד איגנאטאוו — 71
ב. ריוווקין — 80
ראובן אייזלאנד — 89
יואל סלאנים — 97
דר. א. אייסען — 105
זישע לאנדוי — 112
הערמאן גאלד — 123
י. י. שווארץ — 131
ה. לייוויק — 140

אינהאַלט פון ערשטן באַנד:

און ווער בין איך?, א. ניסענזאָן, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ברוך גלאַזמאַן,
אפרים אויערבאַך, נפתלי גראָס, גרשון גראַפּשטיין, א. לעיעלעס-גלאַנץ,
יעקב גלאַטשטיין, אליעזר גרינבערג, חיים ליבערמאַן, י. גויכבערג,
זוני און יאָסל, אַלעף כּץ, מאַרק שווייד, פּסח מאַרקוס, אַלמי-
עליאַש־שעפּס, לוי פרידמאַן, ל. מילער, לייבוש לעהרער,
נ. ב. מינקאָוו, ראובן לודוויג, ב. אַלקוויט, ב. צ.
גאָלדבערג, א. לוצקי